STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09638

# IN A LITERARISHER SHTUB

Elhanan Zeitlin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלחנן צייטלין

# אין אַ ליטעראַרישער שטוב

מיין פֿריינד
ד״ר בערנשטיין
אַ מתּנה.
אהרן צייטלין
15/5, 1947.

די גאַנצע הכנסה פון דעם דאָזיקן בוך איז
באַשטימט פאַרן הילפס - פאָנד לטובת
יידישע שרייבער און קינסטלער.

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

## ביז איצט דערשינען:

1) **מאַרק טורקאָוו: מלכה אָווסיאַני דערציילט...** (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ
3) וו. גראָסמאַן - י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) **פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו**
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש.
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן)

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ד"ר ה. שאָשקעס: פּוילן — 1946.
ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13
פּראָפ' ד"ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן-שטאָט לובלין

## עס גרייט זיך צום דרוק:

נחום סאָקאָלאָוו: פּויליש-יידישע פּערזענלעכקייטן
טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג דורך אָקופּירטע לענדער
דוד פליוקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט.
ד"ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין ווארשע
ד"ר יצחק שיפּער: יידן אין אלטן פּוילן
צפּורה קאַצענעלסאָן-נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
זלמן וואַסערצוג: יאַנוש קאָרטשאַק
א. ל. שוסהיים: סילועטן און עפּיזאָדן פון גאַליציע
**משה קאָסטרינסקי: פּינסק.**
שניאור וואַסערמאַן: כעלם
שמואל צעסלער: זאַבלודאָווע — די לעגענדע פון אַ יידיש שטעטל

---

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" זיך ווענדן:

**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**
Pueyrredón 667 Buenos Aires

אלחנן צייטלין

# אין א ליטעראַרישער שטוב

(בילדער, באַגעגענישן, עפּיזאָדן)

א י י נ ל י י ט ו נ ג ס - װ ע ר ט ע ר:
ש. ניגער און מאַרק טורקאָװ
נ אָ כ װ אָ ר ט:
אהרן צייטלין

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל - פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
פאַרלאַגס - לייטונג: א ב ר ה ם מ י ט ל ב ע ר ג
בוענאָס איירעס, 1946

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

ELCHONON ZEITLIN

**"IN A LITERARISHER SHTUB"**
**(En un hogar literario)**

Editado por la
**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**
Buenos Aires, 1946

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

# פאָרוואָרט

## פון ש. ניגער

. . . אין די אומגלויבלעכע, אָבער אמתדיקע בריוו, וואָס זענען אָנגעקומען אַהער פון יענער זייט ים, איז אויך די בשורה רעה וועגן דער צייטלין-פאַמיליע, צום אומגליק, באַשטעטיקט געוואָרן. און מיר ווייסן שוין איצט, אַז אין אָט דער גאָט-געבענטשטער משפחה האָבן די טייוואָלים, די נאַציס, דאָס ליכט פון דריי דורות, — יאָ, פון גאַנצע דריי דורות, — אכזריותדיק אויסגעלאָשן. ערב ראש השנה תש״ב (1942) האָט דעם טויטס פינסטערע שליחים שטאָלץ באַגעגנט הלל צייטלין, זכר צדיק וקדוש לברכה. אין דעם זעלביקן יאָר איז זיין יינגערער זון אלחנן, דער פּאָעט, אויסגעגאַנגען אין וואַרשעווער געטאָ. און זיין אייניקל, אלחננס עלטערער זון דוד, וואָס איז געווען מאָלעריש און פּאָעטיש באַגאַבט, איז פאַרפּייניקט געוואָרן פון די נאַציס אין דייטשלאַנד.

טאַטעס און זין פון דריי שעפערישע דורות זענען פון אונז אַוועקגעריסן געוואָרן — און מיר האָבן זיי אפילו נישט מספּיד געווען! און ווען האָבן מיר דען יאָ באַוויינט? ווי קאָנען מיר דען איצט מספּיד זיין יחידים, — מעגן זיי זיין אַפילו יחידי סגולה? אַז כל הארץ לי גרדום, אַז די ערד איז פאַר אונדז איין אומענדלעכער עשאַפאָט, אַז דער שטויב פון דער וועלט איז אַש פון מיליאָנען פאַרברענטע, אַז אירע האַלב-אָפענע קברים זענען מאַסן-קברים פון שטעט, פון קהילות, אַז אירע פרישע בית-עולמס זענען בית-עולמס פון גאַנצע פאָלקס-ישובים!

מיר קאָנען נישט באַוויינען קיין יחידים, מיר קאָנען זיי אָבער נישט פאַרגעסן, זיי גייען אונדז פון קאָפּ נישט אַרויס.

ז. סעגאלאָוויטש, אַ ירמיה פון חורבן פּוילן, האָט אין זיין נייעם איכה („נישטאָ"), אויסגערעכנט אַ טייל פון זייערע נעמען.. ס'איז אַ לאַנגער בלוטיקער צעטל.. און אָט לייענען מיר:

נישטאָ דער פרומער הלל צייטלין,
דער זון זיינער, מיין פריינט אלחנן.

„נישטאָ דער פרומער הלל צייטלין"... און עס איז אַזוי פיל דאָ אין אָט דעם „נישטאָ"! עס איז דאָ דער רעליגיעז-פילאָזאָפישער געדאַנק, דער רעליגיעז-לירישער געמיט פון אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן. עס איז דאָ דער פירער פון אַ נייער, אַן אַלט-נייער, ריכטונג אין דעם יידיש-גייסטיקן לעבן. עס איז דאָ דער פאָטער, דער דערציער פון אהרן צייטלין, דעם טיפן, טיף-איינגאַרטיקן, מאָדערן-טראַדיציאָנעלן יידיש - העברע-אישן דיכטער, עס איז דאָ דער פאָטער פון דעם אַזוי יונג אומגעקומענעם אלחנן צייטלין, וואָס איז אויך געווען אַ פּאָעט... עס איז דאָ איינער פון די פירנדיקע און איינפלוסרייכסטע כוחות פון דער יידישער פּובליציסטיק אין פּוילן... אָבער איך בין נישט אויסן אויסצורעכענען איצט דעם גאַנצן צעטל פון הלל צייטלינס גרויסע אויפטואונגען. איך וויל נאָר זאָגן, אַז ווען מיר דערמאָנען זיך אין אָט דעם עלטסטן פון אונדזערע שריפטשטע-לער-קדושים, דערמאָנען מיר זיך אין אַ יידישן פאָלקס-אַדרעס אין פּוילן, נישט נאָר אַ גרויסן און באַרימטן ליטעראַרישן נאָמען.

יאָ, הלל צייטלינס שטוב איז זינט 1908 געווען די צווייטע ליטע-ראַרישע שטוב אין וואַרשע נאָך פּרצס. צו צייטלינען, ווי צו פּרצן, פלעגן יונגע יידישע שרייבער קומען ווייזן זייערע כתבים. אין צייטלינס וווינונג, אַזוי ווי אין פּרצס, פלעגן געמאַכט ווערן פּלענער פון נייע ליטעראַרישע אויסגאַבן, און טאָקע דאָרט פלעגן זיי אָפט רעדאַקטירט ווערן.

„שליסקאַ 60", דער הויף, וווּ הלל צייטלין האָט געוווינט אין וואַר-שע, איז נישט געווען אפשר אַזוי באַרימט אין אַלע יידיש-ליטעראַרישע קרייזן ווי „צעגליאַנע 1", י. ל. פּרצס אַדרעס פאַרן ערשטן וועלט-קריג, אָבער דאָס איז געווען אויך אַ גוט-באַקאַנטע יידיש-ליטעראַרישע „שטוב", און זי וועט געוויס אויך פאַרצייכנט ווערן אין דער געשיכטע פון דעם יידישן געדאַנק און דער יידישער ליטעראַטור.

אויב עס רעדט זיך וועגן פּראַווען אַ טיש און רבישאַפט, איז דער

אמתער חסידיש־ליטעראַרישער טיש היפּשע עטלעכע יאָר געשטאַנען אפשר גאָר אין הלל צייטלינס, נישט אין פּרצס, שטוב. צו פּרצן איז מען געקו־מען „זיך פּראָוון" דערהויפּט וועגן ליטעראַרישע און קינסטלערישע ענינים; צו הלל צייטלינען איז מען אויך געגאַנגען מיט רעליגיעזע און רעליגיעז־עטישע שאלות. ווען עס האָבן זיך געדרוקט זיינע וועכנטלעכע „בריוועלעך צו דער יידישער יוגנט" און ענלעכע סעריעס, האָבן עקזאַל־טירטע פּויליש־יידישע יונגעלייט צו אים אַרויפגעקוקט ווי צו אַן אמתן רבין. און אין אַ געווויסן זין איז די ליטעראַרישע שטוב פון אַט־דעם גרויסן, רויט־בערדיקן און מיסטיש־אויגיקן ווייס־רוסישן יידן, וואָס אין ניטשע און דאָסטאָיעווסקי איז ער געווען נישט ווייניקער באַהאַוונט ווי אין זוהר און ליקוטי תורה — געווען די יורשטע פון די פּאַרצייטיקע פּויליש־רביאישע הויפן.

איז גוט, האָב איך לעצטנס נישט איין מאָל געטראַכט, וואָס אלחנן צייטלין, אַ קינד פון דער „ליטעראַרישער שטוב", האָט זי אין אַ וווּנ־דערלעכן בוך אַזוי וווּנדערלעך גוט אויסגעמאָלן. ער האָט זיין בוך טאַקע אַזוי אָנגערופן — „אין אַ ליטעראַרישער שטוב". און אין 1937, ערב דער היטלער־גזירה, וואָס דורך איר איז ער אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט, האָט ער פאַרעפנטלעכט דעם ערשטן באַנד. און ווען עס וואָלט געשען אַ נס און אלחנן וואָלט אַרויס אַ לעבעדיקער פון דער וואַרשעווער געטאָ, וואָלט ער אונדז געוויס געגעבן איצט דעם המשך פון אָט די אויסגעצייכנטע „בילדער, באַגעגענישן, עפּיזאָדן", און — ווער ווייס? — אפשר איז ער ערגעץ אין אַ געטאָ־באַהעלטעניש געזעסן און, אַ האַלב־הונגעריקער, גע־שריבן אָט דעם המשך? ווער ווייס, אפשר וועט מען אים ווען עס איז נאָך אויפזוכן? דערווייל זענען אונדז באַקאַנט נאָר די צוויי טיילן פון דעם ערשטן באַנד.

אין זיי האָט אלחנן דערציילט וועגן דער ליטעראַרישער שטוב און איר'ע אָפטע געסט אין די יאָרן, וואָס פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג. אלחנן אַליין איז געווען נאָך דאַן אַ ייִנגל, אַ קינד, אָבער — אַ ייִנגל, וואָס האָט געהאַט אַ שאַרף אויג, אַ קינד מיט אויערן, וואָס הערן, מיט אַ נשמה, וואָס רופט זיך אָפּ אויף אַלץ, זאַפּט אין זיך אַלץ איין און היט־אויף די שפּורן פון יעדן איינדרוק און דעם תמצית פון יעדער איבערלעבונג.

מיט גרויס אָפּנקייט און מיט אַ שטילן, פאַרבאָרגענעם הומאָר האָט ער אין אָט דעם בוך אונדז איבערגעגעבן „די רעפלעקסן און שטימונגען,

פון יענע קינדיש-יינגלשע יאָרן, וואָס (ווי ער אַליין זאָגט אין זיין אַריינפיר) זייער גליק און ליכטיקייט קאָן מען רעכט באַגרייפן ערשט דאַן, ווען אַרום שפּרייט זיך חשכות און יאוש".

חשכות און יאוש האָבן זיך געשפּרייט אַרום און אין היטלערלאַנד, ווען ער האָט זיך געזעצט שרייבן די דעראינערונגען פון זיינע קינדער-יאָרן, האָט זיך דעם יונגן וואַרשעווער זשורנאַליסט און פּאָעט געדאַכט, אַז אין די פריערדיקע יאָרן, אין זיינע קינדער-יאָרן, איז אַלץ אַרום אים געווען אָנגעזאַפּט מיט ליכט און מיט האָפענונג. און אים איז אַזוי געלונגען אָנצוזעמיקן זיינע דעראינערונג-בילדער מיט דער העלקייט פון זיין ליכטיקער דאַכטעניש, אַז ווען איך לייען עס איצט, ווער איך אַליין פאַרכאַפּט פון זיין שיינער אילוזיע, און אויך מיר הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז אין יענע פאַר-מלחמהדיקע יאָרן זענען מיר אַלע געווען אַרומגערינגלט מיט דער לופט פון עפּעס אַ מאָדנעם, נישט-דאַאיקן גליק און עפּעס אַ געשפּידטער, כאָטש אַן אומגעזעענער, ליכטיקייט...

:: :: ::

הלל צייטלינס (און אויך אהרנס און אלחננס) „ליטעראַרישע שטוב" האָט זיך געפונען אין ווילנע, איידער די משפחה צייטלין האָט אַרום דעם יאָר 1908 זיך איבערגעקליבן קיין וואַרשע און שפּעטער אַ ביסל זיך באַזעצט אינעם „ליטעראַרישן הויף" אויף שליסקע 60 (אינעם „ליטעראַרישן הויף" האָט, אַ חוץ צייטלינען, געוווינט אויך פ. לאַכאָווער, דער העברעאישער ליטעראַטור-קריטיקער, און אויך זיין וווינונג איז געווען אַ בית ועד לשרייבער). אין ווילנע איז מיר אַליין אויך אַ ביסל באַקאַנט געווען הלל צייטלינס שטוב. איך בין נישט געווען דאָרטן צווישן די אָפטע געסט. אָבער כ'געדענק נאָך ביז איצט דעם פּרייטיק-צו-נאַכט, ווען ז. י. אָנכי („רב אבא") האָט מיך גענומען אַהין. און אַ חוץ איין אָדער צוויי אויסנאַמען האָב איך געקענט די אַלע, וואָס זענען געווען אַריינגייער אין הלל צייטלינס שטוב אין ווילנע. אלחנן באַשרייבט יעדן פון זיי באַזונדער, און כאָטש ער דערקלערט, אַז ער האָט „געוואָלט בלויז געבן סוביעקטיווע שילדערונגען פון „מענטשן", אַזוי ווי זיי זענען פאַרפיקסירט געוואָרן אין זיין זכרון", דאַכט זיך מיר, אַז אַלע זיינע באַשרייבונגען טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון אָביעקטיווויטעט. כ'האָב געהאַט דאָס געפיל, ווען איך האָב זיי געלייענט, אַז אלחנן צייטלין האָט די ווערטער, מיט וועלכע ער באַ-

פון לינקס צו רעכטס 1) ר׳ הלל צייטלין. 2) באקאנטער העברעאישער שריי-
בער צ. ז. וויינבערג (איצט אין א״י). 3) אהרן צייטלין (געלעגן קראנק).

( דאָס בילד איז פאָטאָגראפירט אין די דרייסיקער יאָרן דורך הלל צייטלינס
איידעם, נחום האכערמאן).

שרייבט זיי, ביי מיר פון מויל אַרויסגענומען. ווען איך זאָל האָבן אַזאַ קינסטלערישן זכרון און אַזאַ קינסטלערישע פּען, ווי דער אַזוי פּריצייטיק-אומגעקומענער אלחנן האָט געהאַט, וואָלט איך, וועלנדיק כאַראַקטעריזירן די ווילנער שרייבער, וואָס פלעגן זיך פאַרזאַמלען ביי זיין פאָטער אין הויף אויף נאָוואָגראַדער גאַס, גענוצט מסתמא די זעלביקע פאַרבן און שיר ניט די זעלביקע ווערטער, וואָס ער האָט גענוצט... איך לייען, וואָס ער דער-ציילט וועגן אַנכין, שניאורן, הירשביינען, בערשאַדסקין, ספּוגן (ש. טשער-נאָוויץ), י. ד. בערקאָוויטשן, בן ציון כ״צן — און איך זע זיי, אַ דאַנק זיין אָפּמאָלן זיי, אַזוי ווי זיי זאָלן שטיין פאַר מיינע אויגן: איך דערקען זיי. יאָ, טראַכט איך, טאַקע אַזוי האָבן זיי אויסגעזען, און זיי זענען געווען טאַקע אַזעלכע, ווי זיי זענען אין אלחנן ציטלינס בוך.

מיט דעם אויסנאַם פון בערשאַדסקין און שמואל טשערנאָוויצן, לעבן זיי אַלע, דאַנקען גאָט, און די, וואָס זענען געשטאָרבן, זענען געשטאָרבן אויף אַ נאַטירלעכן אופן. אומגעקומען זענען הלל צייטלין און אלחנן — דער עלטסטער און יינגסטער פון דער „ליטעראַרישער שטוב״.

זיי זענען ביידע נישטאָ. קוק איך מיט טיפן טרויער אויפן וואָרט-פּאָרטרעט, וואָס דער יינגערער האָט פון דעם עלטערן קדוש אויסגעמאָלן:

„אַ הויכער, מיט לענגלעכע, צעשויבערט-שוואַרצע האָר און היפּשער רויטלעכער באָרד, מיט בלויע, אַ ביסל קורצזיכטיקע אויגן, תמיד פאַרטון אין זיך, פלעגט דער טאַטע האַסטיק נערוועז אַרומשפּרייזן איבערן האַלב-טונקעלן עס-צימער, פאַרזשמורענדיק די אויגן און אונטערברומענדיק עפּעס אַ פאַרדבקהטן ניגון. ער פלעגט זיך וויניק אָפּגעבן מיט אונדז, מיט די קינדער, געווען שטענדיק פאַרנומען מיט „זיי״, מיט די גרויסע — מיט די היציקע דיסקוסיעס, מיט די וועלט-פּראָבלעמען, אָבער ליב האָבן מיר אים געהאַט דווקא דערפאַר, וואָס עס פלעגן אים נישט אַרן אונדזערע שפּילערייען, אונדזער געפּילדער, וואָס ער פלעגט נעמען פאַר ליב אַלע אונדזערע טומלדיקע שטיק, גלייך ווי ער וואָלט גאָר אין שטוב נישט גע-ווען אָדער וואָלט דאָ געווען אַ פרעמדער. ער פלעגט זעלטן ווען זיך אַריינ-מישן אין היימישע, שטוביקע זאַכן, זעלטן זיך אָנרופן מיט אַ וואָרט און פלעגט אויפלעבן ערשט דאַן, ווען עס פלעגט צופאַלן די נאַכט און אין שטוב פלעגן זיך אָנהויבן צו פאַרזאַמלען ווילנער שרייבער, לערער און עסקנים. מיט אַמאָל פלעגט ער ווערן רעדעוודיק, נעמען רעדן הויך, ענער-

ניש, מיט אימפּעט, די אויגן פֿלעגן אויפֿבליצן, און מיר פֿלעגן האָבן דעם איינדרוק. אַז ערשט איצט פֿילט ער זיך, דער טאַטע, ווי ביי זיך אין דער היים".

אַזוי איז ער געווען אין ווילנע און אַזוי — אָנגעהויבן פֿון 1908 — אין וואַרשע, אויף שליסקע 60.

אין וואַרשע איז אין דער ליטעראַרישער שטוב, פֿאַרשטענדלעך, געווען נאָך לעבעדיקער און נאָך טומלדיקער ווי אין ווילנע. שוין דערפֿאַר אַליין, וואָס די צאָל באַזוכערס איז אין דער פּוילישער הויפּט-שטאָט געווען אַ סך אַ גרעסערע. אמת, נישט אַלע וואַרשעווער ליטעראַטן און נישט אַלע די, וואָס פֿלעגן קומען קיין וואַרשע אויף אַ באַזוך, האָבן געהערט צום הלל צייטלין קרייז, דאָך האָבן די, וואָס זענען געווען אָפֿטע געסט אין דער „ליטעראַרישער שטוב", זיך געציילט אין די צענדליקער. ס'איז גענוג צו דערמאָנען אַזוינע נעמען ווי: מרדכי ספּעקטאָר, צבי און נח פּרילוצקי, סטאַווסקי, קאַגאַנאָווסקי, קאַרלינסקי, קאַסעל, יונה ראָזענפֿעלד, די ברי־דער גאָרדין, מאַסטבוים, יעקב שטיינבערג, יצחק קאַצענעלסאָן, פֿיכמאַן, זעצער, ווייסענבערג, גילבערט, שטיינמאַן, סעגאַלאָוויטש, מנחם, אַלמי, טייטש, קאַווע, פּראַפּוס, טונקל, יאושזאָן, ווענדראָף, רחל פֿייגענבערג, א. מוקדוני, ר' מרדכילע, בעל-מחשבות. אויך שריפֿטשטעלער, וואָס ווערן אַסאָציאירט דערהויפּט מיטן פּרץ-קרייז — אַזוינע ווי: שלום אש, ה. ד. נאָמבערג, אברהם רייזען — האָט מען אָפֿט געקאָנט טרעפֿן אין דער לי־טעראַרישער שטוב אויף שליסקע 60, אָדער אויף צייטלינס זומער-וווינונג לעבן וואַרשע. און אלחנן, כאָטש ער איז געווען נאָך דאַן אַ חדר-יינגל, האָט זיך צו יעדן פֿון זיי גוט צוגעקוקט, יעדן גוט געקענט, און שפּעטער פֿיין אויסגעמאָלן.

כ'וואָלט געדאַרפֿט האָבן אַ סך מער אָרט צו אילוסטרירן דעם אופֿן פֿון אלחננס געבן אונדז קורצע און שאַרפֿע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון שריי־בער. עטלעכע פֿון זיינע פּאָרטרעטן אין מיניאַטור וויל איך דאָך ווייזן: מאַסטבוימען מיט די טיפֿע בלוי-גרינלעכע, ברענענדיקע אויגן, הויכע האָר און שפּיציק-געשניצטע נאָז, וועלכער פֿלעגט שטענדיק ביים גיין אונטער־ברומען עפּעס אַ מעלאָדיע פֿון אַן אָפּערע... פֿויקנדיק דערביי מיט די פֿינ־גער אין דער לופֿט... דעם קאַרג-רעדעוודיקן יעקב שטיינבערגן מיטן קיי־לעכדיקן, כמעט יינגלשן פּנים און תמיד עלעגאַנטן אָנצוג... דעם אונטער־

טאַנצנדיקן, שטענדיק שמייכלענדיקן און אויפגעלייגטן יצחק קאַצענעל־סאָנען מיטן פּולן, רויטלעכן געזיכט... ער פּלעגט נישט דורכלאָזן קיין קינד אויפן הויף, ער זאָל עס נישט אַ פעסטן קניפּ טון אין בעקל (איצט איז נישטאָ שוין מער דער הויף, נישטאָ קיין קינדער צו קנייפּן זיי אין די בעקלעך, און יצחק קאַצענעלסאָן אַליין איז אויך שוין נישטאָ... ווי זאָגט סעגאַלאָוויטש: נישטאָ! — ש. נ.)... דעם הויכן, ברייטלעכן יעקב פיכמאַן, מיט די געלע, קורץ־געשוירענע האָר, מיטן קליינעם שטערן, גרויסע, געלע זומער־שפּרענקעלעך און אַפּענעם, לאַכנדיקן פּנים... דעם לענגלעכן, דאַרן און מרה־שחורהדיקן ש. ש. זעצער, „וועלכער פלעגט צוליב זיין מאָדנעם ברוינעם געזיכט אויסזען ווי ער וואָלט נאָר־וואָס געקומען ערגעץ פון ווייטע, הייסע לענדער" אא"וו אא"וו.

אלחנן צייטלין באַנוגנט זיך נישט מיט שילדערן די „העלדן" פון דער „ליטעראַרישער שטוב", ער נוצט אויך דעם אַנעקדאָטיש־דערציילעריש מעטאָד. ווענן אַ סך פון זיי דערציילט ער עפּיזאָדן, וואָס כאַראַקטעריזירן אי יעדן פון זיי באַזונדער, אי די אַלגעמיינע אַטמאָספערע, אין וועלכער זיי האָבן אַלע געלעבט ערב דעם ערשטן וועלט־קריג. דערביי איז אין זיין דערציילן דאָ אַ פרישע, לעבעדיקע שטיפעריששקייט און אָפט עכטער הומאָר. די שטיפעריששקייט קומט פון דער קינדהייט־עלטער, ווען ער האָט די אַלע איינדרוקן אין זיך איינגעזאַפּט, דער הומאָר — פון זיין שפּעטערדיקן רייף און קלוג ווערן.

ער גראָבט נישט טיף, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מעמוארן־שרייבער, אָבער אויף זיין צייכנעריש־מאָלערישן שטייגער גיט ער אונדז אַ לעבעדיק בילד סיי פון דער סביבה, אין וועלכער די יידישע ליטעראַטור האָט געלעבט אין די ערשטע אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר פון אונדזער גרויסן און מוראדיקן יאָרהונדערט, סיי פון יענער צייט און אירע ליטעראַרישע פאָרשטייער.

איז דאָס אי אַ ליטעראַרישער, אי אַ ליטעראַטור־היסטאָרישער דאָקומענט פון גרויס וויכטיקייט...

אַמאָל האָט דוד פרישמאַן געשריבן וועגן מענדעלע מוכר ספרים, אַז ווען עס זאָל אויסברעכן עפּעס אַ קאַטאַסטראָפע, זאָגן מיר, אַן ערדציטערניש, און עס זאָל גאָרנישט בלייבן פונעם אַלטן יידישן לעבנשטייגער אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, — וואָלט מען לויט

מענדעלעס שילדערונגען געקאָנט אים רעסטאַווירן. נו, די קאַטאַסטראָפע איז נישט מער קיין משל, זי איז אַ געשעענער פאַקט. פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי פון דעם יידישן לעבן אין פּוילן, איז כמעט גאָרנישט ניט געבליבן. אויף וואָס מען זאָל נישט פרעגן, איז דער ענטפער: נישטאָ. און אויב מיר ווילן איצטער כאָטש אין דער פאַנטאַזיע זיך פאָרשטעלן דאָס יידיש-ליטעראַרישע לעבן אין פּוילן מיט אַ יאָר 30-40 צוריק, איז אלחנן צייטלינס „אין אַ ליטעראַרישער שטוב" איינער פון די כישוף-שפּיגלען, אין וועלכע יעדער, וואָס האָט כאָטש איין רגע אין זיי אַריינגעקוקט, איז געבליבן אויף שטענדיק, כאָטש ער אַליין איז נישטאָ...

נישטאָ דער פרומער הלל צייטלין,
דער זון זיינער, מיין פריינט אלחנן.

נישטאָ דער פרייליכער יצחק קאַצענעלסאָן... נישטאָ די ליטעראַרישע שטוב אויף שליסקע 60... די אַדרעסאַטן זענען פאַרשוווּנדן אינאיינעם מיטן אַדרעס... עס זענען געבליבן נאָר בילדער, ליכט-און-שאָטן-צייכענונגען. אין אלחנן צייטלינס בוך „אין אַ ליטעראַרישער שטוב" זענען זיי אויפגעהיט געוואָרן. ער איז נישטאָ, נאָר זיי זענען דאָ, נאָר זיי...

ניו - יאָרק, אויגוסט 1946

ר׳ הלל צייטלין און זיין אייניקל אברהמלע האָבער-
מאַן, בן יחיד פון רבקה צייטלין (געשט. 31-טן
דעצ. 1938) און נחום האָבערמאַן (אומגעקומען
מיטן זון פון נאַצישע הענט אין 1942).

# אלחנן צייטלין און זיין סביבה

(שטריכן צו אַ כאַראַקטעריסטיק)

פון מאַרק טורקאָוו

אין די ערשטע דעצעמבער-טעג פון 1942־סטן יאָר האָבן שוואַרץ־באַרעמטע טרויערמעלדונגען אָנגעזאָגט די איינוווינער פון וואַרשעווער געטאָ, אַז נאָך אַ שווערער קראַנקהייט האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם דער פאָרדינסטפולער יידישער זשורנאַליסט און געזעלשאַפטלעכער עסקן א ל ח נ ן צ י י ט ל י ן.

ס״ה 40 יאָר איז ער אַלט געווען. די קראַנקהייט, וואָס האָט אים צוגעשמידט צום בעט, איז טאַקע געווען אַ שווערע. אָבער די דירעקטע סיבה פון זיין טויט איז נישט געווען די עצם-קראַנקהייט, נאָר דער הונגער. זיין שוואַכער, צעטרייסלטער אָרגאַניזם האָט נישט אויסגעהאַלטן מער.

דאָך, ווען פריינט און באַקאַנטע האָבן זיך פאַרזאַמלט, בכדי דעם יונג-פאַרשטאָרבענעם אלחנן צייטלין באַגלייטן אין זיין אייביקער רו, האָבן אַ סך מיט אַ טיפן זיפץ מקנא געווען דעם נפטר, וואָס ער גייט אַוועק פון דער וועלט מיט אַ נאַטירלעכן טויט. מען האָט עס דאַן אין וואַרשעווער געטאָ באַצייכנט מיט אַ ביטערן הומאָר אַלס אַ „לוקסוס-טויט״.

נישט יעדער האָט אין יענע טראַגישע טעג זוכה געווען צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, מעג אפילו דער הונגער האָבן געווען די סיבה דערפון. ס׳האָט שוין דאַן געהערט צו די זעלטנהייטן, אַז אַ ייד זאָל זוכה זיין צו פאַרענדיקן זיין לעבן ביי זיך אין שטוב, אין דער סביבה פון זיין נאָענט-

סטער פאמיליע, אז פרוי און קינדער זאָלן זיך געפינען ביים טויטן-בעט און ער זאָל געבראַכט ווערן צו קבר-ישראל, באַקומען אַן אייגענעם קבר פאַר זיין אייביקער רו.

דאָס זענען דאָך געווען צייטן, ווען טויט און אומקום זענען געווען טאָג-טעגלעכע דערשיינונגען אין דעם געטאָ-לעבן. די גאַסן זענען געווען אויסגעלייגט מיט טויטע קערפּערס, וועלכע מען פלעגט גאַנצע הויפנס צו-נויפזאַמלען און מיט וועגענער אַוועקפירן הינטער דער שטאָט און דאָרט זיי מקבר זיין אין ברודער-קבר, נישט ווייסנדיק אפילו, ווער אין וועלכן מאַסן-קבר עס רוט...

דעריבער האָבן אפילו אַזעלכע טראַגישע אומשטענדן ווי דער הונ-גער־טויט געמוזט זיין אַ טרייסט פאַר דער משפחה פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם אלחנן צייטלין, בפרט נאָך, אַז עס איז זיי געגעבן גע-וואָרן די מעגלעכקייט בייצווויין די קבורה פון זייער מאַן און פאָטער. אויך דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט, וואָס נאָר יחידי-סגולה האָבן דערצו געקענט זוכה-זיין.

אין יענע צייטן, ווען עמיצער איז שוין זוכה-געווען צו האָבן אַן אייגענע לויה, האָט מען זי געמעגט באַגלייטן נאָר ביז צום געטאָ-טויער, וואָס האָט זיך געפונען ביים עק פון די גאַסן זאַמענהאָף און גענשע. מחוץ פון דעם טויער, לענג-אויס דער גענשע גאַס האָבן נאָר די באַאמטע פון דער לויה-געזעלשאַפט אין זייער אָפיציעלן אוניפאָרם, אין די ווייסע היטע-לעך, געמעגט מיטפאָרן מיטן לויה-וואָגן.

איז געלונגען אויסצופועלן פאַר דער יונגער אלמנה און פאַר די צוויי יתומים אָט אַזעלכע ווייסע היטעלעך, בכדי זיי זאָלן קענען מחוץ דעם געטאָ-טויער מיטפאָרן מיטן וואָגן ביז צום בית-עולם און בייזיין די קבורה. וואָרפן דעם לעצטן בליק אויפן נפטר, פאַרגיסן אַ טרער ביי זיין אָפענעם קבר — וויסן, ווו זיין קבר געפינט זיך.

אין דעם גרויסן צער — איז דאָס אויך געווען אַ געוויסע טרייסט, אַ פאַרלייכטערונג אין זייער ווייטיק.

זיי האָבן דעם דאָזיקן געדאַנק מיטגעפירט מיט זיך אין זייער איי-גענעם טראַגישן גורל, ווען זיי זענען מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, דעם 18-טן יאַנואַר 1943, בעת דער „קליינער אַקציע" אין וואַרשעווער געטאָ,

צוזאמען מיט נאך אכט טויזנט יידן, אוועקגעפירט געווארן קיין טרעב-
לינקע...

* * *

אלחנן צייטלין האט אין משך פון די קנאפע צוויי צענדליק יאר צווישןביידע וועלט-מלחמות פארנומען א פירנדיק ארט אין דעם זשור-נאליסטישן און געזעלשאפטלעכן לעבן פון ווארשע.

מיט זיין אינטעליגענץ, ארבעטזאמקייט און ענערגיע, האט ער זיך אליין אויסגעקעמפט די פאזיציע, וואס ער האט פארנומען.

פונקט ווי זיין גרויסער פאטער, דער אומשטערבלעכער מנהיג פון פוילישן יידנטום, ר׳ הלל צייטלין, איז געווען פילזייטיק אין זיין ליטע-ראַרישער און געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, פונקט ווי זיין עלטערער ברו-דער אהרן צייטלין איז פילזייטיק אין זיין דיכטערישער שאפונג, אזוי איז אויך דער יונג-אוועקגעגאנגענער אלחנן צייטלין געווען פילזייטיק אין זיין טעטיקייט אלס שרייבער און געזעלשאפטלעכער עסקן.

דאס איז א ירושה-זאך ביי די צייטלינס, דאס איז די אייגנארטי-קייט פון דער צייטלין-משפחה, דאס איז דער צייטלין-אוצר, וואס האט בארייכערט דאס לעבן פון פוילישן יידנטום.

דען „די ליטעראַרישע שטוב" פון ר׳ הלל צייטלין, וואס אלחנן לעבט אויף פאר אונז אין דער שטימונגספולער שילדערונג, וועלכע מיר פאר-עפנטלעכן איצט אין דער ביכער-סעריע „דאס פוילישע יידנטום", איז גע-ווען נישט בלויז א גייסטיקער צענטער פאר יידישער און העברעאישער ליטעראַטור און וויסן. אין דער ליטעראַרישער שטוב אויף שליזקע 60, דעם אייגנארטיקן אדרעס פון פוילישן יידנטום אין משך פון דרייסיק יאר, זענען פארגעקומען נישט בלויז ליטעראַרישע מסיבות. דארט זענען געקומען נישט בלויז יידישע און העברעאישע שרייבער. שליזקע 60 איז אויך געווען דער גייסטיקער צענטער פאר וויכטיקע געזעלשאפטלעכע און נאציאנאל-רעליגיעזע אידעען. דארט פלעגט מען רעדן נישט בלויז וועגן ליטעראַטור און קונסט, נאר דארט פלעגן פארקומען אויך געזעלשאפט-לעכע באראטונגען, אויף וועלכע עס פלעגן באהאנדלט ווערן אלגעמיין-נאציאנאלע יידישע פראבלעמען. דארט פלעגן געבוירן ווערן וויכטיקע אי-ניציאַטיוון פאר יידישער געזעלשאפטלעכער ארבעט, וואס האבן אפטמאל

נעהאט א גרויסע השפעה אויף דער אנטוויקלונג פון דעם געזעלשאפט-לעבן לעבן אין פוילן.

אלחנן צייטלינס בוך „אין א ליטעראַרישער שטוב" נעמט אַרום די צייט ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס איז אונדז באַוווסט, אַז אלחנן צייטלין האָט פאַרטגעזעצט דאָס שרייבן פון זיינע זכרונות שוין נאָכדעם, ווי דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין וואַרשע. ער האָט אויך פיל געשריבן, בעת וואַרשע האָט זיך געפונען אונטער דער נאַצי-אָקופּאַציע. ליידער איז דער גורל פון זיינע מאַנוסקריפּטן נישט באַקאַנט. וואַרשיינלעך געפינען זיך די דאָזיקע מאַנוסקריפּטן, פּונקט ווי פיל וויכטיקע ליטעראַרישע און דאָקומענטאַלע מאַנוסקריפּטן פון אַנדערע יידישע שרייבער און פאָרשער, ערגעץ-וווּ אונטער די חורבות פון דעם געטאָ און בלויז א נס קען עס באַווייזן, אַז זיי זאָלן אויפגעזוכט ווערן.

וואָלט דער דאָזיקער נס געשען און די אַלע מאַנוסקריפּטן זאָלן זיך אויפזוכן, וואָלטן מיר דורך אלחנן צייטלינס וויטערדיקע זכרונות באַקומען א ניי, פאַרבנרייך בילד פון א וויכטיקער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער פאַרשווּנדענער וואַרשע, וואָס די שטוב פון ר' הלל צייטלין איז געווען איינער פון די גייסטיקע צענטערס אירע.

פּערזענלעך באַצי איך מיך אויף די יאָרן פון 1925 ביז 1938, ווען איך האָב געהאַט דעם כבוד און די זכיה געהערן צו די אָפטע איינגייער אין הויז פון ר' הלל צייטלין און אַנטיילנעמען אין פיל פון די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע באַראַטונגען.

יידן פון דעם גאַנצן לאַנד און געסט פון אויסלאַנד פלעגן באַזוכן די שטוב פון ר' הלל צייטלין, אָדער שרייבן בריוו צו אים, מיט פאַרשידענע פּלענער, פרעגן עצות, באַרירן אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער דאַמאָלסטיקער יידישער ווירקלעכקייט.

מען איז געקומען און מען האָט געשריבן ווי צו א רבין. מען האָט זיך אויך צוגעהערט צו זיין וואָרט ווי צום וואָרט פון א רבין. די מאַסע חסידים פון ר' צייטלין איז געווען אומגעהויער גרויס נישט בלויז אין פוילן גופא, נאָר צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

ר' הלל צייטלין איז געווען געדולדיק אויסצוהערן אַלע פּלענער,

## פאמיליען-בילד פון די צייטלינס.

ערשטע ריי: (שטייענדיק — פון רעכטס צו לינקס): נחום האַכערמאַן (איידעם), אהרן צייטלין, טאַליא צייטלין (אהרנס פרוי), אלחנן צייטלין.

צווייטע ריי: (זיצנדיק — פון רעכטס צו לינקס): רבקה צייטלין (טאָכטער), ר' הלל צייטלין, אסתר צייטלין (הלל צייטלינס פרוי), רעניא צייטלין (אלחננס פרוי).

דריטע ריי: די אייניקלעך (פון רעכטס צו לינקס) דוד (אלחננס בכור), צבי-דוב (אהרנס בן יחיד), אברהם (רבקהס בן-יחיד), אדם (אלחננס יינגערער זון).

פלעגט פירן אַ ברייטפאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ, פלעגט באַרירן די פראַגן אין זיינע פובליציסטישע אַרטיקלען, פלעגט זיך נישט באַגניגענען מיט זיין אייגענער מיינונג און זיינע עצות, נאָר פלעגט רופן באַראַטונגען, בכדי די ענינים צו באַהאַנדלען אין אַ ברייטערן קרייז פון געזעלשאַפטלעכע טוער.

אַ גאַנצע רייע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין וואַרשע זענען אויפגעקומען און אויסגעוואַקסן אַ דאַנק אַט די צוזאַמענקונפטן אין הויז פון ר׳ הלל צייטלין.

די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען זענען נישט געווען קיין סיסטעמאַטישע. זיי זענען אָפּהענגיק געווען לויט דער צייט, לויטן פּראָבלעם און לויט דער וויכטיקייט, פון דעם, וואָס דאָס דאַמאָלסטיקע יידישע לעבן האָט געפאָדערט.

דורך ספּעציעל געדרוקטע איינלאַדונגען פלעגט ר׳ הלל צייטלין רופן צו זיך מענטשן צו די דאָזיקע באַראַטונגען.

אלחנן צייטלין פלעגט אויך אין זיי אָנטיילנעמען. נישט אַלס זון פון ר׳ הלל צייטלין, נישט אַלס קינד, וואָס איז אין דעם הויז דערצויגן געוואָרן און האָט דאָ אויסגעפורעמט זיין וועלט-באַנעם, נאָר טאַקע אַלס אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער עסקן, אַלס וואָרט-זאָגער אין דעם יידישן לעבן, אַלס מענטש, וואָס האָט אַליין געבויט, געקעמפט און געשאַפן.

אויב דער דיכטער אהרן צייטלין האָט געירשנט ביי זיין גרויסן פאָטער דאָס מיסטישע אין זיין דיכטערישער שאַפונג, האָט אלחנן צייטלין געירשנט דעם געזעלשאַפטלעכן נערוו, דאָס קעמפערישע. ער האָט די דאָזיקע ירושה אָפּגעהיט ביז צום לעצטן אָטעם פון זיין נשמה.

דערמאָנענדיק ר׳ הלל צייטלינס שטוב אויף שליזקע 60, די ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע מסיבות, קען מען נישט פאַרגעסן די געשטאַלט פון דער איידעלער, שטילער און האַרציקער יידישער מאַמע, די טרייע לעבנסבאַגלייטערין פון דעם גרויסן דענקער — פרוי אסתר צייטלין, וועלכע האָט פיל ביי געטראָגן צו דער ווירקונג פון דער צייטלין-סביבה.

אין די דעבאַטן האָט זי קיין דירעקטן אַנטייל נישט גענומען. זי פלעגט זיך בלויז אויפמערקזאַם צו זיי צוהערן. אַלץ, וואָס עס האָט אינטערעסירט איר מאַן און אירע קינדער, איז אויך פאַר איר געווען אינטערעסאַנט. זי איז געווען אַן אַקטיווע מיטבאַטייליקטע אין דער אַנטוויקלונג פון די גרויסע אידעען און טעטיקייטס-פאַרנעם פון ר׳ הלל צייטלין.

זי איז אוועק קיין טרעבלינקע צוזאמען מיט איר איידעם נחום האַ־בערמאַן און איר אייניקל, אברהמל, דעם זונדעלע פון דער בת-יחידה רבקה, וואָס איז אין דעצעמבער 1938 געשטאָרבן יונגערהייט פון אַ לונגען-אנצינ־דונג.

נחום האַכערמאַן האָט זיך פולשטענדיק אריינגעפאסט אין דער גייס-טיקער סביבה פון דער צייטלין-משפחה. אַ מענטש מיט העכערער יידישער און וועלטלעכער בילדונג איז ער געוואָרן דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון ר׳ הלל צייטלין.

ער האָט געענדיקט דעם העברעאישן לערער־סעמינאר אין ירושלים, ווו ער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט. נאָך זיין צוריקומען קיין וואַרשע האָט ער שטודירט אויפן וואַרשעווער אוניווערזיטעט. הגם אַ טיף-איבער-צייגטער העברעער, האָט ער זיך געווידמעט דער פאָרשונג פון יידיש, פאַר-פאַסנדיק אַ פראַזעאָלאָגישן ווערטערבוך פון דער יידישער שפראַך, וואָס האָט געפונען גרויס אנערקענונג ביי אזעלכע אויטאָריטעטן, ווי נח פריי־לוצקי א. א. דאָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלע וויסנשאפטלעכע ארבעט, וואָס האַכערמאַן האָט פאַרעפנטלעכט דערפון בלויז פראַגמענטן. ליידער האָט שוין דאָס גאַנצע ווערק נישט באַוויזן צו דערשיינען.

זיין יונג-פאַרשטאָרבענע פרוי רבקה האָט פון קינדווייז-אָן ארויסגע-וויזן אַ שטאַרקע באַגאַבונג צו מוזיק און מאַלערישער קונסט.

זאָל זייער אָנדענק דאָ דערמאָנט ווערן מיטן פאַרדינטן יראת־הכבוד.

* * *

זיין אַ זון פון אַ גרויסן פאָטער איז זיכער אַ גרויסער כבוד, עס איז אָבער זעלטן אַ מעלה פאַר דער פערזענלעכער קאַריערע פון אַ יחיד. עס איז אָפטמאָל אַ שטערונג.

אלחנן צייטלין קען דינען אַלס ביישפּיל פאַר דער דאָזיקער באַ-הויפּטונג.

אַ מענטש מיט שרייבערישן טאַלאַנט, מיט שפּראַך און סטיל, מיט יידישער און וועלטלעכער בילדונג, איז אלחנן צייטלין געווען אַ זשור-נאַליסט פון הויכער קוואַליטעט, מיט אַ קלאָרער געזעלשאפטלעכער און פּאָליטישער אָריענטאַציע, מיט חוש פאַר ציימונגס-אקטואַליטעט.

מען קען דרייסט זאָגן, אַז עס איז נישט געווען קיין איין צייטונגס-

רובריק, ווו אלחנן צייטלין זאָל נישט קענען אַ בליץ-טון מיט זיין אינ-טעליגענץ און זיינע פעאיקייטן.

דאָך האָט עס לאַנג געדויערט ביז אלחנן צייטלין האָט זיך געקענט אויסקעמפן אַ געהעריקע פּאָזיציע אין דעם יידישן צייטונג-וועזן.

ווען אלחנן צייטלין איז אַלס צוואַנציק - יעריקער בחור צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער אהרן צוריקגעקומען קיין פּוילן פון ארץ-ישראל, האָבן די יידישע צייטונגען איבערגעלעבט זייער בלי-פּעריאָד. זשורנאַליסטן האָבן זייער גוט פאַרדינט, נייע, יונגע קרעפטן האָבן פאַרפולט די יידישע רעדאַקציעס, עס זענען איינגעפירט געוואָרן נייע רובריקן אין צייטונגען, די אינפאָרמאַציע-דינסט איז מאָדערניזירט געוואָרן, אייגענע קאָרעספּאָנדענטן אין דער גאַנצער וועלט — און יידישע זשורנאַליסטן האָבן געמאַכט גרויסע רייזעס, באַקענענדיק דעם יידישן לייע-נער מיט אַלעם, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט.

דאָך האָט אלחנן צייטלין דאַן נישט געפונען קיין פּלאַץ אין קיין יידישע רעדאַקציע, אויסער צופעליקע אַרבעטן, אויסער פאַרטרעטונגען.

נישט צוליב בייזקייט צו אים און נישט צוליב דעם, וואָס ער זאָל האָבן געווען אַ בייזער מענטש אָדער אַ שלעכטער חבר. אין קעגנטייל: אלחנן צייטלין איז געווען זייער אַ האַרציקער און גוטער חבר, ער איז בטבע געווען זייער אַ מילדער מענטש, וואָס האָט יעדן פאַרגונען זיין קאַריערע.

אָבער אין זייער אונטערבאַוווסטזיין האָבן די, וואָס האָבן שוין פאַר-נומען שטענדיקע צייטונגס-פּאָזיציעס, מורא געהאַט פאַר אים.

מען האָט עס געגומען גאַנץ לייכט:

— ר' הללס זון וועט זיך שוין סיי־ווי אַן עצה געבן...

ר' הלל צייטלין ווידער, אפשר צוליב באַשיידנקייט אָדער צוליב זעלבסטווירדע, האָט די עוולה, וואָס געשעט זיין זון, אויפגענומען מיט שטילשווייגן. הלל צייטלינס פּאָזיציע אין דער יידישער פּרעסע אין פּוילן איז געווען גענוג שטאַרק, אַז ווען ער וואָלט זיך איינגעשפּאַרט, וואָלט ער פאַר זיין יינגערן זון אויסגעקעמפט אַ שטענדיקן פּאָסטן אין אַ יידישער רעדאַקציע. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן.

ר' הלל צייטלין האָט צו שטאַרק געגלויבט אין דעם טאַלאַנט פון זיינע קינדער, איז אים נישט אָנגעשטאַנען אויסצונוצן זיין אייגענע פּאָ-

זיציע, בכדי אויסצוקעמפן א פּאָסטן פאר זיין זון. ער האָט געוואוסט, אַז זיינע קינדער וועלן זיך זייער פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור און אין דער יידישער פּרעסע אַליין אויסקעמפן.

ער, דער תּלמיד־חכם, דער ייד פון טיפן גלויבן, וואָס איז דעם 11־טן סעפּטעמבער 1942 אומגעקומען על קידוש־השם ווי א גרויסער נאַציאָנאַלער העלד, ווי א קעמפער — האָט זיך געשטעלט אַן א זייט אין דעם קאַמף, וואָס איז דאָך סוף־כּל־סוף געווען נישט מער ווי א פּערזענלעכער ענין פון א יחיד, האָט עס געמעגט זיין אַן אייגענער זון.

* * *

יאָרן זענען אריבער ביז אלחנן צייטלין האָט זיך אויסגעקעמפט זיין פּאָזיציע אין דעם צייטונגס־וועזן אין וואַרשע.

די דאָזיקע פּאָזיציע, דאָס איז געווען די נייע יידישע טאָג־צייטונג „אונזער עקספּרעס" (געגרינדעט אין סוף 1926).

אנטשטאַנען איז די צייטונג אַלס פּריוואַטע אונטערנעמונג פון א מענטש, וואָס האָט מיטן צייטונגס־וועזן געהאַט א קנאַפּן שייכות, איז אָבער שנעל פארוואַנדלט געוואָרן אין א קאָאָפּעראַטיווער אונטערנעמונג פון די מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע, אַדמיניסטראַציע און דרוקעריי, פּונקט ווי דאָס זענען שפּעטער געוואָרן אויך די אַנדערע יידישע צייטונגען אין וואַרשע.

אין פאַרגלייך מיט די גרויסע צייטונגען איז „אונזער עקספּרעס" געווען אין אָנהויב אַן אָרים צייטונגל. נישט בלויז דערפאַר, וואָס דאָס איז דער וועג פון יעדער יידישער צייטונג, ווען זי הויבט אָן צו דערשיי־נען, נאָר פּשוט צוליבן קאַמף, וואָס עס האָבן קעגן דער נייער צייטונג אונטערגענומען די אַנדערע, אַלט־איינגעפונדעוועטע יידישע צייטונגס־אונטערנעמונגען.

עס איז געווען א ריין עקאָנאָמישער קאַמף: די מורא פאַר א נייעם קאָנקורענט אויפן יידישן צייטונגס־מאַרק.

אויב „אונזער עקספּרעס" איז אינפאָרמאַטיוו ביים אָנהויב געווען הינטערשטעליק לגבי די עקזיסטירנדיקע צייטונגען, אויב ער איז נישט גע־ווען אימשטאַנד צו קאָנקורירן מיט די אַנדערע צייטונגען בנוגע אויס־לענדישע קאָרעספּאָנדענטן און אויסערלעכע מיטאַרבעטער, איז ער אָבער



ר' הלל צייטלין אויף דער עלטער

(פאָטאָגראפירט אין יוזעפאָוו ביי ווארשע)

לויטן רעדאַקציאָנעלן צוזאַמענשטעל גאָרנישט געווען ערגער, ווי די אי-בעריקע, אַזוי-גערופענע, רייכע צייטונגען.

גענוג אויסצורעכענען די נעמען פון די שטענדיקע רעדאַקציע-מיטגלידער, בכדי צו זען, אַז „אונזער עקספרעס" האָט גע-האַט מיטאַרבעטער מיט סטאַזש, פון אַ הויכער שרייבערישער און זשור-נאַליסטישער מדרגה: אהרן צייטלין, אלחנן צייטלין, לאַזאַר קאַהאַן, מ. נו-דעלמאַן, משה זילבורג, אפרים קאַגאַנאָווסקי, בער י. ראָזען, מנחם פלאַק-סער, לעאָן דרייקורס, מ. עלבוים, דאָס זענען מענטשן, וואָס יעדער איי-נער האָט אויף זיין געביט פאַרנומען אַ געהעריקע פּאָזיציע.

אלחנן צייטלין, אַלס מיטרעדאַקטאָר פון דער צייטונג, האָט פאַרנומען איינע פון די פאָדערשטע פּאָזיציעס.

„אונזער עקספּרעס" איז געווען אַ פּאָפּולערע צייטונג פאַר דער פאָלקס - מאַסע. זי האָט שנעל געפונען אָנהענגער צווישן דעם אָרימען יידישן קליינבירגערטום, צווישן דעם האַנדווערקער און קליינהענדלער, דעם פאַראָרימטן יידישן סוחר, וועמענס אינטערעסן די צייטונג האָט געדינט, פאַרטיידיקט זייערע רעכט און געקעמפט קעגן די עוולות, וואָס זענען לגבי זיי אויף טריט און שריט באַגאַנגען געוואָרן.

עס איז געווען אַ פּאָפּולערע יידישע פאָלקס-טריבונע, וווּ אירע רעדאַקטאָרן האָבן געקענט ברענגען צום אויסדרוק זייערע אידייען.

מען האָט זיך באַמיט צו דערהויבן דעם פשוטן יידישן צייטונגס-לייענער צו דער העכערער מדרגה פון יידישן געדרוקטן וואָרט אויף אַן אופן, וואָס זאָל זיין צוטריטלעך פאַר דעם פאָלקס-מענטש.

אלחנן צייטלין האָט זיך גוט איינגעלעבט אין דער דאָזיקער סביבה. זי האָט אַנטשפּראָכן זיין פאָלקסטימלעכן גייסט. עס איז פאַר אים גע-ווען אַ דאַנקבאַר אַרבעטס-פעלד, כאָטש ער האָט אָפטמאָל געמוזט קעמפן מיט גרויסע מאַטעריעלע שוועריקייטן און דערגענצן די פרנסה-באַדער-פעניש ביי זייטיקע באַשעפטיקונגען.

אלחנן צייטלין איז קיינמאָל קיין פאַרטיי-מענטש אין דעם ענגן באַ-גריף נישט געווען.

זיין אָנגעהעריקייט צו דער יידישער פאָלקספאַרטיי אין די ערשטע יאָרן פון איר אויפקום איז געווען אַ טראַנזיטאָרישע, פונקט ווי דאָס איז געווען פאַר פיל יידישע פאָלקס-אינטעליגענטן.

מען האָט געהערט צו דער פּאַרטיי — ווייל מען האָט געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט די אינטערעסן פון דער יידישער פאָלקס-מאַסע.

איז אָבער די פאָלקס-פּאַרטיי אוועק אויף וועגן פון אָרטאָדאָקסאַלע פּאַרטיי-פּרינציפּן, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער ווירקלעכקייט פון דער צייט, האָט זיך די יידישע פאָלקס-אינטעליגענץ פון דער פּאַרטיי דער-ווייטערט. נח פּרילוצקי איז געבליבן אַ פירער פון אַ פּאַרטיי, אָבער אָן מאַסן.

די אַמאָליקע טוער פון דער פאָלקס-פּאַרטיי האָבן זיך צעשפּרייט איבער פאַרשידענע פּאַרטייען. אַ טייל איז אוועק צום „בונד", אַנדערע אַפילו צום קאָמוניזם. אַ גרויסע טייל איז געבליבן אומאָפּהענגיק, מחוץ פון יעדער פּאַרטיי, אָבער זיך דערנענטערט צום אַקטיוון קאַמף פאַרן ווי-דעראויפבוי פון ארץ-ישראל.

צו זיי האָט געהערט אלחנן צייטלין.

מיט וואָרט און שריפט האָט ער מיטגעווירקט אין דעם דאָזיקן גייסט.

ער איז געוועזן אַ נאַציאָנאַלער ייד אָן שום פּאַרטיי-שטעמפּל, אָן שום פּאַרטיי-דירעקטיוון.

פריי אין זיינע איבערצייגונגען, פריי אין זיין אנשויאונג, האָט ער פאַרטיידיקט און געקעמפט פאַר יעדער זאַך, וואָס איז לויט זיין געוויסן, לויט זיין געפיל, געווען גערעכט און האָט געדינט די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס-מאַסן.

ער האָט געהאַט מוט אַרויסצוזאָגן זיין אומאָפּהענגיקע מיינונג, אַזוי ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען, אַזוי ווי ער האָט דאָס געפילט. מען האָט דאָס אָפּגעשאַצט און מען האָט זיך דעריבער מיט זיין מיינונג גערעכנט. זיין וואָרט האָט געהאַט חשיבות.

אלחנן צייטלין האָט געאַרבעט אויף אָנפירנדיקע אמטן אין פיל יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַרבעטזאַמקייט און איבערגעבנקייט. ער האָט פיינט געהאַט בלויז צו פי-גורירן. האָט ער געגעבן זיין נאָמען, האָט ער מסכים געווען אָנצונעמען אַן אמט, האָט ער עס געטאָן מיטן פולסטן פליכט-באַוווסטזיין.

אויב עס וועט נאָך ווען עס איז געשריבן ווערן די געשיכטע פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּוילן, אויב מען וועט באַשרייבן די אויפטוען פון אַ גאַנצער רייע אָרגאַניזאַציעס, וועט מען זיכער דאָרט אָנ-

טרעפן דעם נאָמען פון אלחנן צייטלין. בפרט די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיטן יידישן פאָלקסלעבן, אינסטיטוציעס צו פּראָדוקטיוויזירן די יידישע פאָלקסמאַסן און יידישע קולטור-אינסטיטוציעס.

זיי זענען אים געווען נאָענט און ער האָט אויך אַרויסגעוויזן זיין נאָענטקייט צו זיי.

שוין אָפּגערעדט פון אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווי דער יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין, וואָס איז אריין אין דער קולטור־געשיכטע פון פּוילישן יידנטום אַלס „טלאָמאַצקע 13", יידישע שולן און יידיש טעאַטער.

בפרט טאָקע דאָס יידישע טעאַטער.

ער האָט ליב געהאַט דאָס יידישע טעאַטער בלב ונפש. ער האָט עס איבערגעלעבט ווי אַ פּערזענלעכע סאַטיספאַקציע, ווען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג איז געווען אַ גוטע און עס האָט פאַרדינט אַן ענטוזיאַסטישן אָפּרוף.

ער האָט, ווי זעלטן וועלכער יידישער שרייבער, מיטגעפילט די דאָליע פון די בלאָנדזשענדיקע שטערן, זיך געפרייט מיט זייערע פריידן און מיטגעליטן זייערע ליידן.

מען האָט אים אפילו פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז אָפּטמאָל צו מילד אין זיינע אָפּשאַצונגען בנוגע געוויסע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אלחנן צייטלין האָט אָבער אויף די פאַרוואורפן קיין אכט נישט געלייגט. ער האָט באַטראַכט דאָס יידישע טעאַטער ווי אַ וויכטיקע יידישע קולטור־פּאָזיציע און גערופן דעם עולם באַזוכן דאָס טעאַטער. ער איז געווען זיכער, אַז ווען דער יידישער אַקטיאָר וועט נאָר האָבן מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, וועט ער אַליין הויבן דעם ניווא פון יידישן טעאַטער, ווייל דער יידישער אַקטיאָר איז פעאיק דערצו, ווייל דער יידישער אַקטיאָר איז עס אימשטאַנד צו טאָן.

ער איז אַלס טעאַטער־קריטיקער געווען קודם־כל אַ פריינט פון דעם אַקטיאָר, ווי ער וואָלט פאַרגעפילט, אַז אין דעם טראַגישן געראַנגל פאַרן יידישן קיום וועט אויך דער יידישער אַקטיאָר דאַרפן פאַרנעמען אַ העלדיש קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע.

ווען די וואַרשעווער יידן זענען איינגעשלאָסן געוואָרן הינטער די מויערן פון געטאָ, האָט אלחנן צייטלין פאַרנומען גאָר אַ חשוב אָרט אין

דער יידישער הילפס-ארבייט און האָט זיך געפונען בראש פון די יידישע קולטור-טוער, וואָס האָבן דורכן לעבעדיקן יידישן וואָרט געמוטיקט די יידישע מאסן צום אויסדויער און קאמף.

די טעטיקייט פון אלחנן צייטלין אין ווארשעווער געטאָ וועט זי־כער אויספירלעך געשילדערט ווערן דורך די געציילטע לעבנגע־בליבענע עדות פון יענער טראגישער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם פּוילישן יידנטום.

ביים אָנהויב פון דער מלחמה איז אלחנן צייטלין צוזאמען מיט פיל, פיל טויזנטער יידן אוועק פון ווארשע קיין לעמבערג, וואָס איז שוין דאן געווען באזעצט דורך דער רויטער ארמיי.

זיין פרוי האָט עס פון אים געפאָדערט. זי האָט אים דערצו צוגע־רעדט און דערמוטיקט, וויסנדיק וועגן די געפאַרן, מיט וועלכע עס איז פאַר־בונדן זיין פארבלייבן אין ווארשע אונטער די נאציס. אין די ערשטע יאָרן פון דעם אויפקום פון דער היטלערמאכט אין דייטשלאנד איז דאָך אלחנן צייטלין געווען אן אקטיווער טוער אין דעם פאראייניקטן אנטי־היטלעריסטישן קאָמיטעט.

מיט א שווער געמיט האָט אלחנן צייטלין זיך געלאָזט איבערציי־גן, פארלאָזט זיין היים און זיין פאמיליע מיינענדיק אז אפשר וועט אים אזוי ארום געלינגען צו ראטעווען אויך זיין פרוי און קינדער. ער איז א געוויסע צייט אָפּגעווען אין לעמבערג אונטער דער סאָוויעטישער הער־שאפט און ווען ער האָט זיך אנטוישט אין זיינע האָפענונגען צו קענען ראטעווען אויך זיינע נאָענטע, האָט ער שוין נישט געוואָלט מיטגיין מיטן סאָוויעטישן מיליטער קיין טיף רוסלאנד, ווען ד' נאציס האָבן אָנ־געהויבן זייער מארש קעגן ראטנפארבאנד, וואָס דאָס וואָלט אים פּער־זענלעך אפשר געראטעוועט פון טויט, נאָר ער האָט זיך אומגעקערט קיין ווארשע.

איינגעשלאָסן אין ווארשעווער געטאָ, האָט אלחנן צייטלין ממש מיט מסירת - נפש זיך גענומען צו געזעלשאפטלעכער און קולטורעלער ארבעט.

ער האָט געהאָלפן אָרגאניזירן די גרויסע י. ל. פרץ-פייערונגען סיי אין יידיש, סיי אין העברעאיש, ער האָט אָרגאניזירט רעפעראטן און קול־טור-אקטן, וועלכע זענען אין די שרעקלעכע טעג פון הונגער-טויט, גע־ווען די וואונדערלעכסטע דעמאָנסטראציע פון יידישן אויסדויער.

זייענדיק א צייט לאנג פאַרבונדן מיטן „דזשווינט" און בכלל אלס זשורנאַליסט און פירנדיקער עסקן, האָט ער געהאַט א רעכט צו געניסן פון געוויסע פריווילעגיעס. באַגלויבטע עדות שטעלן פעסט, אז ער האָט זיך דערפון קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, נאָר זייענדיק אליין איינגאַנצן באַדעקט מיט ווונדן און געשוואָלן פון הונגער, איז ער מיט זיינע לעצטע כוחות נאָך אַלץ אַרומגעלאָפן בכדי צו העלפן אנדערע.

אלחנן צייטלין איז שטענדיק געווען טריי און איבערגעגעבן צו דער מיסיע, וואָס דער גורל האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

* * *

א באַזונדערער שטריך צו אלחנן צייטלינס כאַראַקטעריסטיק איז זיין דיכטערישע שאַפונג.

ער איז געווען א פיינער לירישער דיכטער, וואָס פלעגט אין די פרייע שעהן זיך ווידמען דער מוזע.

א קליין ביכל, מיטן באַשיידענעם נאָמען „א ביכעלע לידער", האָט ער אין 1931 פאַרעפנטלעכט.

אָבער זיינע צאַרטע לידער זענען פאַרשווּיגן געוואָרן, ווייל ווער וועט עס זיך פאַרנעמען מיט פּאָעזיע, וואָס עס שרייבט א זשורנאַליסט, א מענטש, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּראָזאַאישע ענינים, א געזעלשאַפטלעכער טוער דערצו...

די לידער זענען אן אָפּשפּיגלונג פון דער איידלקייט פון זיין נשמה, א באַוויז פון דער צאַרטקייט פון זיינע געפילן, ערשט איצט, ווען אלחנן צייטלינס נאָמען געהערט שוין צו דער אייביקייט, זוכט מען אויף אין די אַרכיוון זיין באַשיידענע דיכטערישע ירושה און מען אַנטדעקט זיין דיכטערישן טאַלאַנט. ערשט איצט שרייבט מען וועגן אלחנן צייטלינען דעם לירישן יידישן דיכטער.

אלחנן צייטלין האָט געהאַט גענוג כוח און גלויבן צו קענען דערשטיקן אין זיך די עוולה, וואָס איז קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן. ער האָט געהאַט גענוג מוט צו פאַרשווייגן עס.

אפשר האָט ער טאַקע געפילט, אז עס וועט קומען א צייט און מען וועט זיך דערמאָנען אויך אָן זיין דיכטערישער שאַפונג.

אמתע דיכטער שרייבן דאָך פֿאַר דער אייביקייט. זייער ווערק ווערט אַנערקענט דאַן, ווען זייער געביין איז שוין נישטאָ.

מיר האָבן טאַקע געפֿונען פֿאַר נויטיק צו באַערן זיין אָנדענק אויך אַלס דיכטער און מיר דרוקן איבער צום סוף פֿון דעם דאָזיקן בוך זיינע לידער.

* * *

צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון אלחנן ציטלינס פּערזענלעכקייט גע־הערט נישט בלויז דער גייסטיקער צענטער פֿון זיין פֿאַטערס ליטעראַרישער שטוב אויף שליזקע גאַס 60, נאָר אויך זיין אייגענע פֿאַמיליען־סביבה, זיין אייגענע היים, וואָס האָט זיך געפֿונען טאַקע אויף דער זעלבער גאַס, אָבער מער צום שטאָט־צענטער: שליזקע נומער 8.

א באַשיידענע, אָבער וואַרימע היים און אַ האַרציקע סביבה.

זיין פֿרוי, רעניא קירשבּרוין, פֿון חסידישן יחוס, וואָס איז יונג גע־וואָרן אַ יתומה, איז דערצויגן געוואָרן אונטער דער אויפֿזיכט פֿון איר עלטערן ברודער, דעם פּאָפּולערן אגודה־פֿירער, פּאַרזיצער פֿון וואַרשע־ווער קהלה־ראַט, סיים־דעפּוטאַט און לאַנגיעריקער ראַטמאַן פֿון דער פּוי־לישער הויפּט־שטאָט ר׳ אליהו קירשבּרוין.

פֿאַר אים, דעם פֿרומען אָרטאָדאָקסישן פֿירער, איז דער זון פֿון דעם גדול־הדור ר׳ הלל צייטלין געווען צו „פֿריי", צו וועלטלעך. ער האָט גע־שטרעבט פֿאַר זיין שוועסטער צו טאָן אַ שידוך פֿון זיין אייגענער חסידישער סביבה. עס האָט טאַקע לאַנג געדויערט, ביז ר׳ אליהו קירשבּרוין האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק פֿון זיין שוועסטערס זיווג. כאָטש יידיש האָט זי זיך אויסגעלערנט דווקא נישט אין דער אָרטאָדאָקסיש־פֿרומער און חסידישער שטוב פֿון איר מוטער און ברודער, נאָר דווקא ביי איר „פֿרייען" מאַן... די שפּראַך, אין וועלכער עס זענען דערצויגן געוואָרן רייכע חסידישע טעכטער אין פּוילן, איז דאָך געווען פּויליש...

יונג און עלעגאַנט, שטיל און באַשיידן, באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור, האָט די האַרציקע רעניא באַגלייט איר מאַן ביז זיין לעצטן וועג. איר אַליין איז נישט באַשערט געווען צו געפֿינען קיין אייביקע רו, ווייל צוזאַמען מיט מיליאָנען איז זי אומגעקומען אין די קאַלך־אויוונס פֿון טרעבלינקע.

ביי די ציטלינס אויף זומער-

וווינונג אין יוזעפאָוו.

(פון רעכטס צו לינקס): היימי דזשייקאָבסאָן, אלחנן

ציטלין, רעניא ציטלין, מאַרק טורקאָוו, מרים קרעסין,

און אדאם - אַדאַש ציטלין

(דאָס בילד איז אראָפּגענומען אָנהויב זומער 1939).

איר איז אויך געווידמעט דאָס „ביכעלע לידער", וואָס אלחנן צייטלין האָט פאַרעפנטלעכט.

צוויי קינדער האָבן זיי געהאַט. צוויי שיינע, געזונטע בחורים: דוד און אדאש.

די ידיעות, וואָס אלחננס עלטערער ברודער, דער דיכטער אהרן צייטלין, האָט צונויפגעזאַמלט וועגן זיין טראַגיש-אומגעקומענער פאַמיליע, זענען אַזוי פאַנטאַסטיש, אַז זיי דאַרפן פאַרנאָטירט ווערן אין דער פאָרם, ווי זיי זענען באַקומען געוואָרן. אפשר וועט זיך אָפּגעפינען אַן עדות פון דער טראַגישער עפּאָכע, וואָס וועט גענויער שילדערן, וואָס וועט בייטראָגן מער פּרטים צו פאַראייביקן דאָס אין דער מאַרטירער-געשיכטע פון דעם פּוילישן יידנטום.

ווען רעניא צייטלין האָט זיך, עטלעכע וואָכן נאָכן טויט פון איר מאַן געפונען מיט אירע קינדער אין דעם פּולגעפּאַקטן פּראַכט-וואַגאָן אויפן וועג קיין טרעבלינקע, ווען זי האָט דערפילט מיט איר מוטערלעכן אינסטינקט, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער וועג זייערער, האָט זי געטראַכט ווי אַזוי צו ראַטעווען כאָטש די צוויי יונגע קינדער.

אין אַ פראָסטיקער נאַכט פון יאַנואַר 1943 האָט זי, אינמיטן פאָרן, אַרויסגעשטופּט דורכן פענסטערל פון וואַגאָן דעם יינגערן זון — אדאש, וועלכער איז דעמאָלט קראַנק געווען. פון דעם מאָמענט-אָן איז יעדער שפּור נאָך אים פאַרשוווּנדן. זיין גורל איז פאַרבליבן אומבאַקאַנט, כאָטש עס איז זיך לייכט פאַרצושטעלן...

אַ טראַגישע עפּאָפּעע האָט דורכגעמאַכט דער עלטערער זון — דוד. אויך ער איז אַרויסגעשפּרונגען ביינאַכט פון פאָרנדיקן צוג. ער איז געפאַלן אויפן פוכיקן שניי און ווען דער צוג, וואָס האָט געפירט טויזנטער יידן צום טויט, איז שוין פאַרביי, האָט ער זיך געלאָזט לויפן, וווּהין די אויגן טראָגן. אַן אוקראַאינישע וואַך האָט דערהערט טריט, געשאָסן און אים פאַרוווּנדעט אין פוס. דוד האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. מיט דער קויל אין פוס איז ער מיטן לעצטן אָטעם פון זיין נשמה ווייטער געלאָפן. פאַרטאָגס איז ער אָנגעקומען אין אַ דאָרף און געבעטן אַ פּויער, אַז ער זאָל אים ראַטעווען. דער פּויער האָט אים אַריינגעלאָזט אין זיין כאַטע, צוגענומען ביי אים דאָס געלט, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך, אַראָפּגעצויגן די שיך, פאַרשפּאַרט אין אַ קעמערל און אַוועק מסרן אין דער געשטאַפּאָ.

דוד האָט, ווייזט אויס, דערפילט זיין גורל און ווי אַן אמתער העלד אויפ־געבראָכן די טיר פון פויערישן קעמערל, אַ באַרוועסער און מיט אַ פאַר־וווּנדעטן פוס אין אַ ביטערן פראָסט אַוועק פון דאָרט. אין קעלט און הונגער, מיט אומגעוויינלעכן אויסדויער און כסדרדיקער לעבנס־געפאַר זיך דערשלאָגן צוריק קיין וואַרשע.

אַ דאָקטאָר האָט אים אַרויסגענומען די קויל פון פוס און ער האָט אַ געוויסע צייט געאַרבעט אַלס פשוטער הויזוועכטער אין געטאָ. דאָס איז אַן „אמת", וועלכן עס פלעגן אין וואַרשעווער געטאָ פאַרנעמען פיל אינטעלי־גענטן, מענטשן מיט אַקאַדעמישער בילדונג. ס'איז געווען אין די טעג, ווען עס האָט זיך שוין געגרייט דער געטאָ־אויפשטאַנד. דוד צייטלין האָט גע־נומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דעם אויפשטאַנד. געכאַפּט דורך די נאַציס, איז ער צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע פאַרשיקט געוואָרן אין דעם לאַגער קיין בודזין, ווו ער איז אָפּגעווען 13 חדשים ביי שווערער אַרבעט און אונטער דער שטענדיקער טויט־געפאַר. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מפּלה פון דער נאַצישער מיליטערמאַכט און דייטשלאַנד האָט זיך גענוי־טיקט אין אַרבעטער, האָט זיך דוד צייטלין געפונען צווישן די, וואָס זענען געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אין די פאַרשידענע שקלאַפן־לאַ־גערן. ביז סוף יולי 1945 האָט דוד צייטלין געלעבט, ער איז געשטאָרבן דעם 27־סטן יולי, פון פריער דערהאַלטענע וווּנדן און פון גאַלאָפּ־שווינדזוכט נאָכדעם ווי די רוסן זענען אַריין אין גאַוטינג, אַ דאָרף נעבן מינכען. דאָרט איז דוד צייטלין געקומען צו קבורה שוין אונטער דער אָקו־פּאַציע פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

דאָס זענען אָבער נישט מער ווי אַ פּאָר נאָטיצן וועגן דעם העראָאישן דוד צייטלין.

עס וואָלט געווען אַן עוולה צו פאַרשווייגן, אַז מיט זיין טראַגישן טויט איז אומגעקומען נישט בלויז אַ יונגער יידישער העלד, נאָר אויך אַ גרויסער קינסטלערישער טאַלאַנט, סיי אַלס מאָלער, סיי אַלס דיכטער.

אויך אין דער הינזיכט איז ער געווען אַ יורש פון דער גרויסער צייט־לין־טראַדיציע.

שוין אַלס קליין קינד האָט דוד צייטלין אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע באַנאַבונג אין דער מאָלעריי. ער פלעגט מיט זיינע עלטערן באַזוכן די קונסט־אויסשטעלונגען, זיך אינטערעסירן מיט דער שאַפונג פון באַרימטע

דער קבר פֿון דוד צייטלין, זון פֿון אלחנן, אין גוטינג, ביי
מינכען.

מאלער און אליין געמאָלן בילדער, וואָס האָבן באַשטעטיקט די השערות, אַז דוד צייטלין וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער מאָלער.

אָבער אין געטאָ האָט דער יונגער צייטלין אַ בליץ־געטון אויך אַלס דיכטער.

רחל אויערבאַך, די לעבנגעבליבענע יידישע שרייבערין פון וואַרשעווער געטאָ, האָט געלייענט זיינע לידער און זאָגט עדות, אַז דוד צייטלין האָט אַרויסגעוויזן אַ וווּנדערלעכן לירישן טאַלאַנט.

דאָס זעלביקע באַשטעטיקן אַנדערע עדות, וואָס האָבן מיטגעלעבט מיט דוד צייטלינען אין פאַרשידענע לאַגערן.

זייענדיק אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, האָט ער אויך רעדאַקטירט נישט־לעגאַלע צייטונגען, געשריבן אויפרופן, וואָס האָבן אויפגעפאָדערט צום קאַמף און זיך בכלל אויסגעצייכנט מיט זיין אַלזייטיקער טעטיקייט אין דעם קאַמף קעגן דער נאַציישער באַרבאַריע.

אַזוי־אַרום איז די צייטלין־משפּחה, וואָס האָט דערהויבן דאָס יידי־שע גייסטיקע לעבן צו דער סאַמע העכסטער מדרגה פון שעפערישקייט און קדושה, אויך אַריין אין דעם פּאַנטעאָן פון די אַקטיווע קעמפער און מאַרטירער פאַרן קיום פון אונזער פאָלק.

די דריי צייטלין־דורות — זענען דריי רומפולע קאַפּיטלעך פון אונ־זער טראַגישער געשיכטע.

זאָל דאָס דאָזיקע בוך, דורך וועלכן אלחנן צייטלין האָט אויפגע־שטעלט אַ מאָנומענט דער גייסטיקער סביבה פון זיין גרויסן פאָטער, — דינען אַלס דערמאָנונג פון זייערע אויפטוען און אַלס באַערונג פון זייער הייליקן אָנדענק.

בוענאָס - איירעס, אויגוסט 1946

# אין אַ ליטעראַרישער שטוב

# פון דעם מחבר

„בילדער, באגעגענישן, עפּיזאָדן" — אזוי האָב איך באצייכנט דאָס בוך, וואָס ליגט פאר אייך. קלאָר, אז נישט קיין געסדרטע, סיסטעמאַטיש-צונויפגעשטעלטע מעמוארן — מיט גענויע דאטעס, מיט מוקדמס און מאוחרס — בין איך אויסן-געווען צו שרייבן. כ'האָב געוואָלט בלויז געבן סוביעקטיווע שילדערונגען פון מענטשן, געשעענישן און שטימונגען אַ ז ו י ווי זענען פארפיקסירט געווארן אין מיין זכרון. צו א ריי מענטשן, וואָס גייען-דורך אין דעם בוך, האָב איך, נאַטירלעך, אין לויף פון די יאָרן, געביטן מיין באציאונג לחובה אָדער לזכות. א ריי פאקטן אָדער פּאַסירונגען האָבן אפשר, אין משך פון דער צייט, באקומען אן אנדער זין און וואָלטן איצט, מהאי טעמא, געדאַרפט אַנדערש אויסגעטייטשט ווערן. האָב איך אָבער מיט א כיוון געטריבן פון זיך דעם א י צ ט, כדי פריי-צו-מאכן וואָס-מער אָרט פאר די רעפלעקסן און שטימונגען פון י ע נ ע קינדיש-יינגלשע יאָרן, וואָס זייער גליק און ליכטיקייט קען מען רעכט באַגרייפן ערשט דאן, ווען ארום שפּרייט זיך חשכות און יאוש,

ס'איז איבריק, גלויב איך, צו בעטן די אַלע, וואָס זענען אין דעם בוך באלויכטן נישט מיט קיין גאָר-העל ליכט, אז זיי זאָלן קיין פאריבל נישט האָבן. איך האָב זיי געשילדערט אזוי, ווי איך האָב זיי געזען אין דער ק י נ ד ה יי ט. קענען זיי דאָס נעמען פאר אומגוט?



ווארשע, 1937.

# קאַפּיטל 1

## אונטערן קאַשטאַן־בוים

איך געדענק זיך אין ווילנע, אין די שטורעם-פרילינגדיקע יאָרן פינף און זעקס.

אונדזער שטוב האָט זיך געפונען אויף אַ זייטן-גאַס, נאָוואָגראָד-סקע, דאַכט זיך, האָט זי געהייסן. אַקעגנאיבער — אַ מארק-פּלאַץ. דער ריח פון היי און פערדיש מיסט האָט זיך געטראָגן אין אונדזער פּאַרטער-דירה אריין. ס'איז געווען שטאָט און נישט-שטאָט צוזאַמען. אָפט האָט עפּעס אַ טרויער ארומגענומען, ווען ס'האָט פאַרשמעקט מיט פאַרנאַכטיק פעלד. בפרט, ווען דער הויף, ווו אונדזער שטוב איז געשטאַנען, איז גע-ווען אַ זאַמדיק-גרויסער, אַ ברייטער און אומגעלומפּערטער, פול מיט בערגלעך און גריבער, און יינגלעך פלעגן דאָרט טיילמאָל, שפּילנדיק און ארומלויפנדיק איבער אים, געפינען פאַרוואַלגערטע, אויפגעגראָבענע ביי-נער — אַ זכר, אַ סברא, פון אַ גאָר-אַלטן בית-עולם, וואָס האָט זיך דאָרט אַמאָל געפונען...

אין מיטן הויף האָט געגרינט אַ ברייטער, רחבותדיקער קאַשטאַן, וואָס פלעגט, אין אַ חמימה, אונדז שיצן אַקעגן דער שרפהדיקער זון.

ס'איז געווען אַ קאָנטראַסט-שפּיל: טרוקענע, פאַרדאַרטע סקעלעטן-ביינער און — צווייט פון אַ לעבן-שפּראָציקן בוים.

וואָלט איך שוין דאַן, אין די רעוואָלוציע-יאָרן אין ווילנע, געווען אַ בר-דעת און — דער עיקר — וואָלט איך שוין דאַן געהאַט איבערגע-

ליענט כאָטש איין רעוואָלוציאָנערע בראָשור, וואָלט איך דאָך איצט, ביים שרייבן אָט-די שורות, געקענט זאָגן, אַז אָט-יענע טרוקענע ביינער און אָט יענער בליענדיקער בוים, זענען געווען סימבאָלן:

דאָס נייע, לאָקנדיקע לעבן — אקעגן דער אַלטער, אונטערגייענדיקער און אָפּשטאַרבנדיקער וועלט...

בין איך אָבער נישט קיין ליטעראַרישער זכרונות-שרייבער און וויל מיך, מילד גערעדט, נישט מיידן מיטן אמת — זאָג איך בלויז, אַז איך געדענק, אַז די ביינער זענען געווען פּשוטע ביינער פון מתים און דער בוים איז געווען אַ פּשוטער קאַשטאַן-בוים, וואָס פלעגט זיך צעבליִען און צעשמייכלען אין פרילינג און פלעגט ווערן אומעטיק און אַלט און וועלקנדיק אין האַרבסט, ווען עס פלעגן נעמען רוישן טרויעריקע ווינטן...

:: :: ::

דער פאָטער האָט דאַן געאַרבעט אין „הזמן". דורך אונדזער שטוב פלעגן דורכגיין אַ סך העברעאישע שרייבער און לערער, וואָס פלעגן זיך ר יי ב ן אַרום די שרייבער. וועגן וואָס מען פלעגט רעדן האָב איך, נאַטירלעך, נישט געוווסט, כ'געדענק אָבער, אַז מען פלעגט זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט, מען פלעגט רעדן הויך, אַמפּערן זיך, אָפּט מאָל שרייען, און די מאַמע פלעגט פון די דיסקוסיעס זיין נישט איבעריק צופרידן: ס'הייסט, מען וועקט די קינדער פון שלאָף?

שפּעטער ,אַז איך בין אויפגעוואַקסן, האָב איך מיך דערוווסט, אַז די דיסקוסיעס אין דער שפּעטער נאַכט אַריין אין זעקסטן און זיבעטן יאָר האָבן זיך געדרייט אַרום פראַגן, וואָס זענען דאַן געשטאַנען ביי יידן ברומו של עולם: ציוניזם, אוגאַנדע, טעריטאָריאַליזם, העברעאיש, יידיש, דורכגעפאַלענע רעוואָלוציע, סאָציאַליזם, „בונד". דער טאַטע האָט שוין דאַן, ווייזט-אויס, געהאַט אַ נטיה צו שווימען קעגן שטראָם, וואָרום איך געדענק, אַז ער פלעגט זיך תמיד שפּאַרן מיט אַלעמען און אַלע פלעגן זיך שפּאַרן מיט אים. איך האָב, געוויינלעך, ווי אַ קינד, געהאַלטן מיט אים, מיטן טאַטן. און בין געווען אַ דם-שונא די אַלע, וואָס פלעגן זיך אַרומקריגן מיט אים.

אַ הויכער, מיט לענגלעכע, צעשויבערט-שוואַרצע האָר און היפּשער,

רויטלעכער באָרד, מיט בלויע, אַ ביסל קורצזיכטיקע אויגן, תמיד פאַרטון אין זיך, פלעגט דער טאַטע האַסטיק, נערוועז, אַרומשפּרייזן איבערן האַלב-טונקעלן עס-צימער, פאַרמרוזשענדיק די אויגן און אונטערברומענדיק עפּעס אַ פאַרדבקעטן ניגון. ער פלעגט זיך ווייניק אָפּגעבן מיט אונדז, מיט די קינדער, געווען שטענדיק פאַרנומען מיט „זיי", מיט די גרויסע, מיט די היציקע דיסקוסיעס, מיט די וועלט-פּראָבלעמען, אָבער ליב האָבן מיר אים געהאַט דווקא דערפאַר, וואָס עס פלעגן אים נישט אַרן אונדזערע שפּילערייען, אונדזער געפּילדער, וואָס ער פלעגט נעמען פאַר ליב אַלע אונדזערע טומלדיקע שטיק, גלייך ווי ער וואָלט גאָר אין שטוב נישט געווען, אָדער וואָלט דאָ געווען אַ פרעמדער. ער פלעגט זעלטן-ווען זיך אַריינמישן אין היימישע, שטוביקע זאַכן, זעלטן זיך אָנרופן מיט אַ וואָרט און פלעגט אויפלעבן ערשט דאַן, ווען עס פלעגט צופאַלן די נאַכט און אין שטוב פלעגן זיך אָנהייבן צו פאַרזאַמלען ווילנער שרייבער, לערער און עסקנים. מיט אַמאָל פלעגט ער ווערן רירעוודיק, נעמען רעדן הויך, ענערגיש, מיט אימפּעט, די אויגן פלעגן אויפבליצן און מיר פלעגן האָבן דעם איינדרוק, אַז ערשט איצט פילט ער זיך, דער טאַטע, ווי ביי זיך אין דער היים.

פון די שרייבער-געסט, וואָס פלעגן דאַן אָפט אַריינקומען צו אונדז אין שטוב, געדענק איך באַזונדער ז. שניאורן און ז. י. אַנכין (אַרנסאָן), מיט וועלכע עס איז אויך פאַרבונדן אַ טייל פון מיין אייגן קינדיש לעבן.

אין זכרון זענען מיר די צוויי פאַרבליבן הויפּטזאַכלעך צוליב דער פאַרשידנקייט — אייגנטלעך, צוליב דעם קאָנטראַסט — פון זייערע כאַראַקטערן, וואָס האָט אויך, אין אַ געוויסער מאָס, געלייגט אַ שטעמפּל אויף מיין געמיט. שניאור און אנכי האָבן, נעמלעך, געהאַט אַ שייכות צו מיינע... שפּילערייען און — דער עיקר — צו מיין זינגען. און אָט טאַקע, אויפן גרונט פון זייער ביידנס באַציאונג צו מיר, צו מיינע שפּילערייען און קינדישן געזאַנג, האָב איך מיר דאַן אויסגעאַרבעט אַן אורטייל און אַ מיינונג וועגן דעם געמיט און כאַראַקטער פון די צוויי שריפטשטעלער. ווייזט אויס, אַז דער סאַמע-ערשטער איינדרוק, דאָס סאַמע-ערשטע בילד, וואָס מען שאַפט זיך פון אַ מענטש, בלייבט, אינעם רוב פאַלן, אויף אַ לעבן-לאַנג,

וואָרום עד-היום זע איך זיי, שניאורן און אנכין אזוי, ווי איך האָב זיי געזען מיט צענדליקער יאָרן צוריק.

שניאור, א הויכער, מיט שווארצע, ברענענדיקע, אומהיימלעכע אויגן, מיט א קליין, אָבער פעט, שווארץ בערדל, פלעגט תמיד ארומגיין א פרעמדער, א בייזער און אומצופרידענער, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך פאַרלייגט אים צו טון רשעות. זעלטן-ווען פלעגט זיך אויף זיין געזיכט באַווייזן א שמייכל, זעלטן-ווען פלעגט ער לאָזן פאַלן א פריינטלעך וואָרט. און נישט בלויז איך, נאָר אויך די מאַמע, דאַכט זיך, פלעגט מורא האָבן, ציטערן פאַר אים, פאַר זיין בייזן בליק. שטענדיק האָט ער געהאַט פאַר דער מאַמען, פאַר איר באַלעבאַטישקייט און — דער עיקר, שיינט מיר — פאַר איר איינגעמאַכטס („ווארעניע" האָט מען עס גערופן) — א חוזק-וואָרט, אַן אָפּשפּעטעניש, א שלעכטן, אומפריינטלעכן ברום אונטער דער נאָז. אָבער דווקא דערפאַר — געדענק איך — האָט מען זיך אין שטוב, מיט שניאורן, מיט זיין מיינונג, שטאַרק גערעכנט: מען האָט אים געהאַלטן פאַר א מפונק, פאַר א מבין און איבערקלויבער, פאַר א גרויסשטאָטישן, וואָס האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון „אייראָפּע", פון דער גרויסער וועלט. געקליידט האָט ער זיך, פאַר די דעמאָלטיקע ווילנער פאַרהעלטענישן, עלעגאַנט, כמעט פאַצעטיש, מיט באַזונדערן פוץ, און געהאַלטן האָט ער זיך שטאָלץ, אַרויסרופנדיק.

אָנכי, ווידער, איז געווען א מזג-טוב. א הויכער, א דאַרער, מיט א לאַנגער, א ביסל פאַרבויגן-קרומלעכער נאָז, מיט א הויכן, גלאַטיקן, למדנישן שטערן, מיט טיף-אריינגעזעצטע, קלוגע, גוטמוטיק-דורכדרינגענדיקע אויגן, איז ער געווען שטיל, ווי א טויב, געלאַסן, וואַרעם-היימיש און צוגעלאָזט, פריינטלעך און איבערגעגעבן. פלעגט זיך תמיד נאָכפרעגן אויפן געזונט פון די היימישע, אַפילו אויף קליינע באַלעבאַטישקייט-זאַכן, און זיין הייזעריקלעכער קול פלעגט ווירקן נאָענט און ליב.

אָנכי האָט דאַן געהאַלטן אין שרייבן זיין סעריע הומאָרפּולע ר' אבאַ-געשיכטן, וועלכע ער פלעגט, פון צייט צו צייט, פאָרלייענען ביי אונדז אין שטוב, ווען עס פלעגן זיך צונויפקומען געסט. זיין פאָרלייענען „ר' אבאַן" איז געווען פאַר אונדז א שטיק יום-טוב: אָנכי פלעגט נישט סתם לייענען, נאָר ער פלעגט ר' אבאַן אָפּשפּילן מיט אַלע קנייטשן פון זיין

למדניש, לאַנג געזיכט, מיטן דריי פונעם גראָבן פינגער, מיטן גוט-יידישן שנייצן די נאָז, מיטן וואָרעם-יידישלעכן קרעכץ, מיטן בית-מדרשדיקן פאַרגלאָצן די אויגן, מיטן הייזעריק-זיידישן קול. ר׳ אבא איז פאַר אונ-דזערע אויגן געשטאַנען אַ לעבעדיקער. מיר האָבן אים אַלע געזען און מיר האָבן אים ליב-געהאַט און טאַקע נישט קיין אַנדערער, ווי אָנכי אַליין, איז פאַר אונדז געווען ר׳ אבא. מען האָט אַפילו אין שטוב פאַרגעסן, אַז אָט-דער, וואָס לייענט אונדז פאָר די ר׳ אבא-געשיכטן, איז אַ שרייבער, אַז מען רופט אים אַראָנסאָן, אַז זיין ליטעראַרישער פסעוודאָנים איז אָנכי, אַז ר׳ אבא איז אַן „אויסגעטראַכטע" פיגור. ווען ער פלעגט אַריינקומען, פלעגט ווערן פריילעך אויף דער נשמה, מען פלעגט אים מקבל-פנים-זיין מיט אַ האַרציקן „סקאַצל קומט":

— אָ, ר׳ אבא איז געקומען!... וואָס מאַכט איר, ר׳ אבא?

און אַז ער פלעגט האָבן אַ פּאָר פריש-פאַרשריבענע בלעטלעך מיט אַ ר׳ אבא-מעשהלע, פלעגט ער זיך נישט לאָזן לאַנג בעטן, פלעגט אַרויס-נעמען פון דער בוזעם-קעשענע די העלע בייגעלעך פּאַפּיר, אַרויסשלעפּן ...פון אַ הינטערשטער קעשענע אַ רויטע פּאַטשיילע (מיט אָט-דעם ר׳ אבא-רעקוויזיט פלעגט ער זיך קיינמאָל נישט שיידן), אַרומבינדן דערמיט די גאָמבע — עלעהיי אַ באָרד — לייכט אָפּהוסטן און נעמען אָפּשפּילן פאַר אונדז דאָס אָנגעשריבענע מיט אַזאַ ווארעמקייט און נאַטירלעכקייט, אַז איר וואָלט געשוווירן: עס איז קיינמאָל קיין אָנכי אויף דער וועלט נישט געווען — געווען איז בלויז אַ האַרציקער, מחיהדיקער ייד — ר׳ אבא האָט מען אים גערופן...

און אָט דעמאָלט טאַקע, ביי די אָנכישע ר׳ אבא-סצענקעס, האָב איך שוין גענומען איינזאַפּן אין זיך דעם טרויעריק-שיינעם ריח פון טעאַ-טער, פון שוישפּיל, צו וועלכן איך האָב מיך שפּעטער צוגעבונדן בלב ונפש.

אגב האָט אויך פּרץ הירשביין, מיט דער שאַרפער, שפּיציקער נאָז, מיט די לאַנגע, געדיכטע האָר, גרויע אויגן און ווייכע, שעמעוודיקע טריט, וועלכער פלעגט דאַן אָפט אַריינקומען צום טאַטן און אים פאָרלייענען זיינע זאַכן מיט אַ שטילן, האַלב-זינגענדיקן קול, מיט אַרטיסטישע תנועות און הוועיות, טעאַטראַליש — אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן — באַווירקט מיין קינדישע נשמה. אָבער הנאה געהאַט „מיטן פולן מויל" האָב איך גי-

בער פון אָנכים אָפּן, אוממיטלבאַר-נאַטירלעך שפּילן ר׳ אבאן, איידער פון הירשביינס אומעטיק-צעצויגן לייענען, וואָס האָט אָנגעוואָרפן עפּעס אַ מאָדנע טרויעריק-פאַרנאַכטיקע שטימונג.

איך האָב אַלס קינד שטאַרק ליב-געהאַט צו זינגען. די לופט איז דאַן פול-געווען מיט געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער. די „שבועה" איז נישט אַראָפּ אויך פון מיינע ליפּן. מען פלעגט מיך, ווען חברה שרייבער און לערער פלעגן קומען — בייטאָג, אָדער פאַרנאַכט-צײַ — קודם-כל אוועקשטעלן אויף אַ שטול. אַ רויט טיכל, צוגעבונדן צו אַ שטעקעלע, פלעג איך שטענדיק האָבן גרייט — מעשה רעוואָלוציאָנערער דעמאָנ-סטראַנט! — און אַזוי, מיט דער „רויטער פאָן" אין האַנט, — פלעג איך אָפּצאָלן מיין חוב דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג אין לאַנד, אָפּזינגענ-דיק מיטן גלעקלדיקן שטימעלע:

הימל און ערד וועט אונדז הערן —  
עדות — די ליכטיקע שטערן —  
מיר שווערן, מיר שווערן, מיר שווערן  
אַ שבועה פון בלוט און פון טרערן...

אָבער אויך דעם ציוניזם האָב איך נישט פאַרשעמט: אויף דער זעל-בער שטול, מיט דער זעלבער „רויטער פאָן" אין האַנט, פלעג איך זיך צעגיין אין בענקשאַפט:

צי קענסטו דאָס לאַנד, ווו אתרוגים בליען,  
ציגן עסן באָקסער, ווי גראָז, אוי, ווי גראָז?...  
און מלאכים, און מלאכים טוען אַרומפליען...

און דערביי פלעג איך עס מאַכן מיט אַלע קנייטשן, מיט אַלע תנועות פון אַן אַלטן ייד, ווי עס האָט מיך געלערנט ר׳ אבא — אָנכי.

אַלעמען פלעגט מיין „זינגען" געפעלן. מען פלעגט מיך אַפּלאָדירן און לויבן. דער גוטער ר׳ אבא פלעגט מיך אָפט, נאָכן זינגען, אַ הויב-טון פון שטול ביז צום סופיט אַרויף און דערנאָך פלעגט ער מיך קושן אָדער גלעטן איבער די געקרייזלטע האָר. קען מען שוין, דערפאַר, פאַרשטיין, ווי דאַנקבאַר איך בין געווען אָנכין און ווי צוגעבונדן איך האָב מיך צו

אים. זייער אָפט פלעגט מען מיך צווינגען צו ביסירן מיין „רעפּערטואַר", זינגען נאָך און נאָך. אַפילו דער שטענדיק-פאַרטראַכטער פּרץ הירשביין און דער אייביק-אומעטיקער, קראַנק-הייזעריקער בערשאַדסקי, פלעגן זאַרגלאָז שמייכלען, אויפמערקזאַם זיך צוהערן צו מיין זינגען, הנאה-האָבן און קנייפּן מיך, אוים דאַנקבאַרקייט, אין די פּולכנע בעקלעך. בלויז איין שניאור פלעגט נישט קענען פאַרטראָגן — נישט מיינע שקאָצערייען און נישט מיין געזאַנג. עס פלעגט אים ממש קאָסטן געזונט, וואָס די בני-בית און די געסט ווילן זיך, האָבן הנאה. איך פלעג פאַר אים ציטערן אימת-מות און כ'פלעג זיך פילן גליקלעך, ווען כ'פלעג באַוויזן אַריינצוכאַפּן מיין „קאָנצערט", נאָך איידער שניאור, וועלכער פלעגט אָפט אַריינפאַלן שפּעטלעך, איז אָנגעקומען. און ווי איז געווען צו מיר, ווען שניאור פלעגט אָנקומען אין מיטן זינגען: ער פלעגט נעמען מיך איבערקרימען, אָפּשפּעטן, אַזוי, אַז איך פלעג בלייבן אַ צעטומלטער, מיט דער „פּאָן" אין האַנט, פלעג פאַרגעסן, וואָס איך זינג, און — נישט איין מאָל פלעגט דער קליינער קאָנצערטאַנט זיך אַפילו ביטער צעוויינען אונטער די שאַרפע, בייזע בליקן פון זיין „אַנטאַגאָניסט"...

אַנכי, הירשביין, בערשאַדסקי, דער העברעאישער לערער האַלפּערן און, פאַרשטייט זיך, דער טאַטע, פלעגן מיך נעמען אין שוץ אַקעגן שניאורן.

— דווקא, ווייל ער וויל נישט — האָט דער שטענדיק-שטילער אַנכי זיך גענומען קאָכן — ווילן מיר!

און די איבעריקע האָבן מיטגעהאָלפן, געהאַלטן מיט אַנכין און מיר צוגעגעבן מוט.

אַזוי האָבן זיך געשאַפן צוויי „צדדים" ביי די שרייבער-באַזוכן ביי אונדז אין שטוב. איין „צד" איז באַשטאַנען בלויז פון איין מענטש. דאָס איז געווען שניאור, וועלכער איז פאַרבליבן — איינער אַליין, איזאָלירט — אַ פאַרביסענער קעגנער פון מיינע „מוזיקאַלישע" אויפטריטן. דער צווייטער „צד" איז באַשטאַנען פון אַלע איבעריקע באַזוכער אין אונדזער הויז.

איין מאָל איז אַפילו געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן די „צדדים".

געווען איז עס בעת אַ שמחה נאָכן געבורט פון מיין שוועסטערל.

ס׳איז געווען פאַרזאַמלט דער גאַנצער היימישער עולם: אַנכי, האַלפּערן, בערשאַדסקי, ש. טשערנאָוויטש (ספוג), דער הויכער, בלאָנדער און איי-ביק-שטילער אורי ניסן גנעסין, מיט דער לאַנגער, איידל-געשניצטער נאָז, מיטן גרויסן, ווייסן שטערן, און בלויע, מילדע אויגן, דער דיקלעכער, שוואַרצאויגיקער, י. ד. בערקאָוויטש. ס׳זענען געווען די אַרויסגעבער און מיטאַרבעטער פון „הזמן" — דאַכט זיך: בן-ציון כץ, ש. ל. ציטראָן, טאַ-וויאָוו. געווען איז אויך, נאַטירלעך, שניאור.

מען האָט זיך אונטערגעלענט ס׳האַרץ, גענומען צו קאַפּיטשקע, גע-ברומט ניגונים, אָבער די „הויפּט-אַטראַקציע" האָט ערשט געדאַרפט קו-מען: מיין „עפנטלעכער אַרויסטריט" מיט ניי-צוגעגרייטע און איינשטו-דירטע לידער. וואָס אָן אמת האָט מיר אויך דאָס מאָל געקלאַפּט ס׳האַרץ אויף שניאורס אָנבליק. גערעכנט האָב איך אָבער, אַז ביי אַזאַ געהויבענער שמחה, ביי אַזוי פיל געסט, וועט ער זיין אכזריות אביסל מילדערן און וועט מיין „אויפטריט" אַדורכלאָזן.

ערשט עס הויבט זיך נישט אָן!

ווי נאָר אָנכי און ספוג, — וועלכער איז אויך געווען אַ „פאַרערער" פון מיין „טאַלאַנט" — האָבן מיך גענומען אויפרופן: אנו, חאַנטשע, ווייז וואָס דו קענסט — און האָבן מיך נאָך, תוך כדי דיבור, אַרויפגעשטעלט אויף אַ שטול אויך — האָט זיך פון עק טיש דערהערט אַ ברום. קלאָר: ס׳איז געווען דער ערשטער, הגם נאָך גאָר מילדער, אָנגריף פונעם „שונא". אָבער — אַרומגערינגלט פון אַזוי פיל מעכטיקע באַשיצער, האָב איך זיך נישט פאַרלוירן, האָפנדיק, אַז יענער „צד" וועט דאָס מאָל איינזען זיין שוואַכקייט, וועט זיך אונטערגעבן און איך וועל אַרויס אַלס זיגער. שניאור איז אָבער, ווייזט אויס, שוין דאַן געווען אָן עקשן, אַ האַרטנעקיקע נאַטור. נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן. נישט געהאַט, ווייזט אויס, אפילו אויף אַ שמחה, קיין געדולד צו קינדערשע שפּילערייען און פרייד. האָב איך געזונגען און ע ר האָט געברומט פון ווינקל אַרויס. געזען אָבער, אַז כ׳וועט דאָס מאָל נישט שטאַרק נתפעל פאַר זיין „אָבסטרוקציע" און זינג מיר וואָס וויטער אַלץ תקיפותדיקער, צום נחת פון מיין „צד", אונטער די צעשטראַלטע בליקן פון טאַטע-מאַמע, פון אָנכין, ספוגן און די איבע-ריקע, האָט זיך שניאור אַ הויב-געטון פון אָרט, מיט לייכטע טריטלעך צוגעשפּרונגען צום אַנדערן עק טיש, צום פענצטער, ווו עס איז געשטאַנען

מיין „עסטראַדע״ און זיך אָװעקגעשטעלט פּונקט אַקעגן מיר, מיט בייז-צעבראָכענע אויגן גרייט מיך צו פאַרצוקן. דערזעענדיק דעם פאַרשטאַרקטן אָנגריף פונעם „קעגנערישן צד״, האָבן זיך מיינע „אָנהענגער״ ענגער אַרומגעשטעלט אַרום מיר, גרייט אָפּצושלאָגן אַלע אַטאַקעס. שניאור האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן: גענומען איבערקרימען מיין געזאַנג, איבער-חזרן שפּאָטיש די ווערטער און — מיין שטים האָט זיך ענדלעך גענומען איינברעכן, נישט-קוקנדיק אויף די דערמונטערונג-ווערטער פון מיינע „פאַרערער״. טרערן פון בושה האָבן זיך באַוויזן אין מיינע אויגן. אָט-אָט און דער „קאָנצערטאַנט״ ברעכט-אויס אין אַ געוויין און פאַרלאָזט מיט שאַנד די „עסטראַדע״, צום פאַרדרוס און ווייטיק פון די געטרייע מעלאָ-מאַנען. אָבער דאָ איז פּלוצלינג געשען אַזוינס, אויף וואָס איך האָב מיך, באין-אופן, נישט גערעכנט:

דערזעענדיק, אַז עס האַלט מיט מיר שמאָל, אַז די שמחה קען אָט-באַלד פאַרשטערט ווערן, האָט זיך ספּוג, הינטערווייַלעכטס, פאַרגנבעט צו שניאורן און כהרף-עין, איידער יענער האָט נאָך באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, האָט ער אים פאַרדרייט די הענט אויף די פּלייצעס אַזוי, אַז ער זאָל זיך נישט קענען רירן. איך האָב דערווייל איבערגעריסן דאָס זינגען, בלייבנדיק, אַ פאַרלוירענער און צעטומלטער, אויפן בענקל.

— נעמט אים! — האָט ספּוג, מיט די לענגלעכע, שוואַרצע וואָנסעס און דיקער נאָז, זיך אַ ווענד-געטון צו מיין „צד״.

תיכף האָבן זיך צו שניאורן אַ וואָרף-געטון אַנכי, גנעסין און נאָך עטלעכע. שניאור האָט זיך געפּרוּווט ווערן, וואַרפן זיך. דאָס מאָל איז אָבער מיין „צד״ געוועזן שטאַרקער.

אַז אַנטוואָפנטן האָט אים חברה גענומען אויף די הענט און, ביים אַלגעמיינעם געלעכטער פון די איבעריקע „נייטראַלע״ געסט, אַרויסגעפירט אים מיט פּאַראַד פונעם „זאַל״, אַריינגעוואָרפן אים אין אַ זייטיקן חדר-מיוחד און פאַרשלאָסן הינטער אים די טיר, אַוועקשטעלנדיק ביי דער טיר אַן „ערן-וואַך״, וואָס האָט געדאַרפט האַלטן שמירה איבערן געפאַנגענעם אַזוי לאַנג, ווי מיין „קאָנצערט״ וועט נישט זיין געענדיקט.

— זינג ווייטער! — האָט מיר אַ באַפעל-געטון אַנכי, נאָך דעם ווי ער האָט בראש פון דער זינגער-מחנה, אַ טריאומפירנדיקער, צוריק אַריינ-מאַרשירט אין געסט-זאַל.

דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן פון ס׳ניי. געזונגען האָב איך שוין איצט מיט מער קוראַזש. דרייסטער און פרייער, וואָרפנדיק פון מאָל צו מאָל דאַנקבאַרקייט-בליקן צו די רעטער פון מיין כבוד און קינסטלע-רישער אַמביציע!...

פון דער ווייט, פונעם זייטיקן חדר, האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן אין דער טיר. דאָס האָט דער געפּאַנגענער בונטאָווטשיק זיך נישט געקענט שענקען זיין דורכפאַל און געפּרוווט אַרויסרייסן זיך פון געפענגעניש. די שמירה האָט אָבער געהאַלטן קאָפּ, דערפילט בשלימות די אָנפאַרטרויטע מיסיע: נישט אַרויסגעלאָזט דעם „אַרעסטירטן" ביז איך האָב נישט פאַר-ענדיקט מיין גאַנצן „אויפטריט". ערשט דאַן איז, אויף אַ „ווונק פון אויבן", דאָס הייסט: פון אָנכין און ספּוגן, די וואַך אַראָפּגענומען גע-וואָרן און שניאור איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי.

צוריק אַריינגעקומען איז ער, אמת, ווי אַ באַזיגטער, אָבער ווי אַ שטאָלצער באַזיגטער; ברוגזלעך און שווייגנדיק, אָבער מיט אַן אויפ-געהויבענעם קאָפּ, נישט שענקענדיק דערביי אַפילו קיין בליק זיינע „באַ-צווינגער" פון „יענעם צד". געזעצט זיך צום טיש, ווי קיינמאָל גאָרנישט, האָט ער גלייך ווידער פאַרפירט אַ היים געשפּרעך מיט אַ „נייטראַלן", וואָס האָט נישט גענומען קיין אָנטייל אין דעם קאַמף, וואָס האָט זיך אָקאָרשט דאָ אָפּגעשפּילט.

פון דאַן אָן האָט מיין מורא פאַר שניאורן נאָכגעלאָזט. ביי אַ פּאַ-סיקער געלעגנהייט, פלעג איך דערנאָך מיט מער מוט, אויפן פאַרלאַנג פון מיין „צד", פאָרטראָגן מיין ניי-איינשטודירטן „פּראָגראַם". קיין פריינט-לעכן בליק, קיין שמייכל, האָב איך, וואָס אַן אמת, נאָך אַלץ נישט באַ-מערקט ביי שניאורן — געשטערט האָט ער שוין אָבער נישט מער.

:: :: ::

און נאָך היינט, ווען איך דערמאָן מיך אין יענע איבערלעבענישן מיינע, קען איך מיך נישט באַפרייען פונעם אומהיימלעכן געפיל, וואָס איך האָב פאַר שניאורן, ביי דער פולער אָנערקענונג און דרך-ארץ פאַר זיין שטאַרקן דיכטערישן טאַלאַנט.

פאַרן גוטמוטיקן, האַרציקן ז. י. אָנכי טראָג איך נאָך ביז איצט אין מיין האַרץ אַ געפיל פון ליבע.

# קאַפּיטל צוויי

## דאָס ליטעראַרישע הויז

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין 1908, האָבן מיר זיך פון ווילנע אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע, ווו דער פאָטער איז געווען באַזונדער פּאָפּו-לער, דער עיקר צוליב זיינע „בריוועלעך צו דער יידישער יוגנט", וואָס ער האָט דאָן פאַרעפנטלעכט אין „היינט".

די באַציאונג צו אַ יידישן שרייבער, בפרט צו אַן אָנגעזעענעם און באַוווסטן, איז דאַן, אין די יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער וועלט-שרפה, געווען גאָר אַן אַנדערע, ווי היינט. די יידישע יוגנט האָט דאַן באמת גע-קוקט אויף די שרייבער, ווי אויף אירע לערער און מדריכים, אַרויסוויזנ-דיק זיי מערקווירדיקן דרך-ארץ און ליבשאַפט, אַרומרינגלענדיק זיי מיט באַזונדערער פּיעטעט און פאַרערונג. נישט געווען נאָך דאַן די אומבאַ-גרענעצטע און אומגעלומפּערטע פּאַרטיי-הערשאַפט אויף דער יידישער גאַס, געוווסט האָט נאָך דאַן די יידישע יוגנט, אַז נישט יעדער פּאַרטיי-גדול איז טאַקע אַ גדול און אַז נישט דאָס פּאַרטיי-בלעטל איז, ווי היינט, אויך דער פּוסק אין ענינים פון קונסט און ליטעראַטור...

שוין בלויז דערפון, ווי מען פלעגט באַגעגענען אויף דער גאַס אַ באַדייטנדיקן יידישן שריפטשטעלער, האָט מען געקענט באַ-גרייפן דעם אינטערעס און די אכטונג, וואָס פלעגט דאַן אַרויסגעוויזן ווערן די פאָרשטייער פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור, וועלכע זענען דאַן ווירקלעך באַטראַכט געוואָרן ווי פּוסקים און וואָרט-פירער.

איך געדענק, אַז ווען דער טאַטע פלעגט זיך נאָר באַווייזן אין גאַס, פלעגט ער גלייך אַרומגערינגלט ווערן דורך גרויסע גרופּן פון זיינע פאַר־ערער, איבערהויפּט פון יונגעלייט אין לאַנגער, חסידישער קליידונג, מיט ביכלעך און צייטונגען אונטערן אָרעם. די דאָזיקע יונגעלייט, שאַרפע חסידים פון הלל ציימלין, וועלכע פלעגן מיט דורשט שלינגען יעדן וואָרט פון זיינע „בריוועלעך", אָדער פון זיין „בענקשאַפט נאָך שיינקייט", וועלכע פלעגן, ביז איבער די ברעגן, אויספילן די פאַרלעזונג־זאַלן אויף גזשי־באָווסקע, דלוגע („האַרמאָניע"), לעש („הזמיר"), אָדער נאָוויניאַרסקע („אַנגיעלסקי") — צי גאָר דעם זאַל פון די אַמאָליקע וואַרשעווער „חובבי שפת עבר" — ווי דער פאָטער פלעגט אָפט, אַליין אָדער מיט נאָך וועמען פון די שרייבער, לייענען רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע אָדער פילאָזאָפיש־עטישע טעמעס — די דאָזיקע יונגעלייט פלעגן, אפילו אויף דער גאַס, נישט אָפּטרעטן פון אים און פאַרוואַרפן אים מיט כלערליי פראַגן, אויף וועלכע ער האָט געדאַרפט, אָט טאַקע תוך כדי דיבור, געבן אַן ענטפער. אין בעסטן פאַל פלעגן זיי גלאַט האָבן הנאה צו באַגלייטן אים אַ שטיק וועג אַזוי, אַז ער פלעגט אין זיין ברייטן, שוואַרצן הוט, מיט דער לאַנגער באָרד און לענגלעכן שוואַרצן מאַנטל, אויסזען ווי אַ רבי, באַלאַגערט פון אַ מחנה חסידים.

איינמאָל (געווען איז עס אַ פּאָר טעג נאָך מיין פאָטערס אַ פאָרלעזונג וועגן „קרבת אלהים", וואָס האָט, ווי איך געדענק, אַרויסגערופן אַ שטורעם און אויך אַ שאַרפע פּאָלעמיק מצד י. ל. פּרץ און אַנדערע) בין איך אַרויס אויף אַ שפּאַציר מיטן טאַטן. איך בין שוין געווען געוווינט צו די שטענ־דיקע גרופּקעס „חסידים", וואָס פלעגן אַרומרינגלען דעם טאַטן, ווי נאָר ער פלעגט אַרויס פון טויער אויף דער גאַס. און איך בין אויך געווען געוווינט צו די סתם־נאָכלויפער און נייגיריקע, וואָס פלעגן אונדז תמיד פאַרלויפן דעם וועג און אַריינקוקן דעם טאַטן גלייך אין פּנים אַריין, שוש־קענדיק זיך מיט צופרידנקייט און סאַטיספאַקציע:

— הלל ציימלין... הלל ציימלין...

און איך מוז מיך מודה־זיין, אַז איך האָב פיל מאָל אויך באַוווּנ־דערט דעם געוויינלעך־אומגעדולדיקן טאַטן, וואָס ער ווייזט־אַרוס צו די נייגיריקע אויף דער גאַס אַזוי פיל געדולד, ענטפערט כמעט יעדן רואיק,

געלאַסן, שמייכלט פריינטלעך. אָבער אַזוי פיל „חסידים", אַזאַ מחנה יונגע-לייט, ווי דאָס מאָל האָב איך נאָך נישט געהאַט געזען. אַ לענגערע ווײַלע זענען מיר, — דער פּאָטער און איך — געגאַנגען פאַראויס. די מחנה — שווייגנדיק — הינטער אונדז. עס איז געווען שטיל, אָבער עס האָט זיך געשפּירט אין דער לופט, אַז עס גרייט זיך עפּעס, אַז באַלד וועט עפּעס געשען, די שטילקייט וועט איבערגעריסן ווערן. מיט אַמאָל האָט זיך טאַקע פון דער גרופּע באַגלייטער אָפּגעטיילט עפּעס אַ הויכער, דאַרער חסידישער יונגערמאַן, אַ לאַנג-געקליידעטער, מיט ברילן אויף דער שאַרפער, בלאַסער נאָז, און איז האַסטיק צוגעטרעטן צום פּאָטער, פאַרשטעלנדיק אים דעם וועג. דער יונגערמאַן איז געווען שטאַרק דענערווירט, געציטערט אין גאַנצן. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען, נישט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט, בלויז לויט די באַוועגונגען פון זיינע, בלייכע ליפּן האָט מען דערקענט, אַז ער וויל עפּעס זאָגן. דער פּאָטער האָט אים, ווייזט-אויס, באַשלאָסן אַרויסצו-העלפן, וואָרום ער האָט אים אַ פרעג-געטון :

— איר האָט עפּעס געוואָלט, יונגערמאַן?

דער בחור האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און ענדלעך אויסגעשאָסן:

— יאָ, ה' צייטלין, איך האָב אייך געוואָלט פרעגן, צי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און צי עס איז טאַקע דאָ השארת-הנפש?...

דער טאַטע, וועלכער פלעגט געוויינלעך זייער פריינטלעך אויפנעמען די כלערליי פראַגן פון זיינע באַרערער, באַזונדער פון די, וואָס פלעגן זיך אינטערעסירן מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, האָט זיך דאָס מאָל נישט געקענט באַהערשן און זיך צעבייזערט:

— אָ ט - ד אָ, אויף דער גאַס, אויף איין פוס, ווילט איר עס וויסן, יונגערמאַן?

דער בחור איז נעבעך געבליבן אַ געפּלעפּטער, געשטאַנען אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך, דערנאָך האָט ער זיך אַ פאַרשעמטער, אָן אַ „זיי-געזונט", האַסטיק אויסגעדרייט און אַוועק. גלייך האָט זיך אויך די גרויסע גרופּע באַגלייטער שטילערהייט גענומען פונאַנדערגיין.

ווייזט אויס, אַז דער יונגערמאַן האָט גערעדט נישט בלויז אין זיין נאָמען: דאָס איז ער, מסתמא געווען דער ש ל י ח צ י ב ו ר פון דער מחנה...

געוווינט האָבן מיר אין וואַרשע אינעם „ליטעראַרישן הויף״, אויף שליסקע 60. „ליטעראַרישער״ האָט מען דעם הויף גערופן דערפאַר, וואָס דער פאַרוואַלטער פונעם הויז, אהרן לאַנגזאַם, הגם ער איז געווען אַ „חסי-דישער״ יונגערמאַן, ד״ה ער האָט נאָך געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע און אַ קליין, חסידיש היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, איז שוין דאָך געווען אַ „געכאַפּ-טער אין דער מעשה״. ער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון העברע-אישע און יידישע שרייבער, האָט פאַרגעטערט סאָקאָלאָוון און — דער עיקר — האָט שוין אַליין געשריבן און אפילו שוין געהאַט אָפּגעדרוקט אַ העברעאישע סקיצע אין „ספרות״, וואָס איז אַרויס אונטער פרישמאַנס און לחוברס רעדאַקציע. זיין יוגנט-חבר איז געווען דער העברעאישער שרייבער צ. ז. וויינבערג — ביידע האָבן זיי ייִנגלווייז געלערנט אין פּראַ-גער בית-מדרש — און דאָס האָט לאַנגזאַמען נאָך מער צוגעבונדן צום ליטעראַרישן וועלטל.

אַלס פאַרוואַלטער פון אַ הויז האָט ער, פילנדיק אַ שוואַכקייט צו ליטעראַטור און ליטעראַטן, זיך באמת, אַז אין זיין הויז זאָלן וווינען וואָס-מער שרייבער, אָדער לכל-הפחות, אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שייכות צו שרייבעריי. דער באַלעבאָס פונעם הויז, אַ רייכער סוחר פון אָקסן, האָט, דוכט זיך, געקוקט קרומלעך אויף אָט-דער „פאַנטאַזיע״ פון זיין אַדמי-ניסטראַטאָר. לאַנגזאַם האָט זיך אָבער דערמיט נישט גערעכנט און פלעגט שטאַלצירן דערמיט, וואָס ביי אים אין הויז וווינען ליטעראַטן און נישט „בילע-ווער״. אַפילו אויף צו רעמאָנטירן און מאָלן דאָס הויז, די טרעפּ-קאָרידאָרן און באַזונדערע וווינונגען, פלעגט לאַנגזאַם אַנגאַזשירן אַ „נאַש-בראַט״, אַ שרייבער. יואל מאַסטבוים, וועלכער איז פון פאַך געווען אַ שטובן-מאַלער, האָט שוין אָבער דאַן געשריבן און געדרוקט נאָוועלן, איז יאָרן-לאַנג געווען דער געשוווירענער מאַלער פונעם „ליטעראַרישן הויז״. די אַרבעטער מאַסטבוימס — מ. איז געווען אַ „מייסטער״ און האָט געהאַט „טשעלאַדניקעס״ — פלעגן מיט זייער באַלעבאָס שטאַלצירן און פלעגן אים גוטמוטיק רופן : דער „ליטעראַטניק״...

דערוויסנדיק זיך, אַז דער פאָטער, וועלכער האָט אַ שטיקל צייט גע-וווינט אַליין אין וואַרשע, אויף כלאָדנע, האָט בדעה אַראָפּצוברענגען די פאַמיליע פון ווילנע, האָט זיך לאַנגזאַם גענומען משתדל-זיין, אַז מיר זאָלן

וווינען ביי אים, אין זיין הויז, אויף שליסקע. ער האָט אויסגעזוכט אין הויף אַ פּאַסיקע דירה און, קומענדיק קיין וואַרשע, זענען מיר טאַקע גלייך פאַרפאָרן אין דער צוגעגרייטער וווינונג.

אינעם „ליטעראַרישן הויף" האָבן, אויסער אונדז און לאַנגזאַמען, געוווינט: דער העברעאישער קריטיקער פּ. לחובר מיט זיין פאַמיליע; צבי כהן, וועלכער האָט זיך דאַן איבערגעקליבן, דוכט זיך, פון לאָדזש קיין וואַרשע, און משה חייקין, וועלכער האָט אַמאָל געשריבן אין „הצפירה" און איז דערנאָך אַריבער, אַלס קאָרעקטאָר, אין „היינט". וועגן דעם קורצזיכטיקן און בלאָנדן צבי כהנען, געדענק איך, פלעגט, דוכט זיך, פרישמאַן דערציילן, אַז אויף זיינע וויזיט־קאַרטן שטייט אונטערן נאָמען אָפּגעדרוקט שוואַרץ אויף ווייס: סופר עברי בישראל — אפנים, כדי מען זאָל חלילה נישט האָבן קיין טעות און נישט אָננעמען אים פאַר אַ סופר עברי צווישן גויים...

פון די שרייבער, וואָס האָבן געוווינט אין אונדזער „ליטעראַרישן הויף", האָב איך באַזונדער גינציק געהאַט פישל לאַכאָווערן, צוליב זיין איידלקייט און שטילקייט. אַן אמתער ייִדענער יונגערמאַן געווען. קיינמאָל קיין הויך וואָרט נישט געלאָזט פאַלן. און הגם ער האָט געפירט ליטעראַרישע מסחרים — געווען, חוץ שרייבער, אויך פאַרלעגער („ספרות", „רשפים") — האָב איך אַלעמאָל געהאַט דאָס געפיל, אַז ער קען קיין צוויי נישט ציילן. ער פלעגט זיך תמיד האַלטן אין אַ זייט, שטענדיק גיין, ווי אַ שאָטן. איך פלעג כמעט טאָג־טעגלעך אַרויפקומען צו לאַכאָווערן אין שטוב און פלעג תמיד באַוווּנדערן זיין שטילקייט, זיין פאַרטראַכטקייט, איך וואָלט אַפילו געזאָגט: זיין נישט דאָאיקייט. קיין שטוב־זאַכן פלעגן אים נישט אָנגיין. אין היימישע ענינים פלעגט ער זיך נישט מישן. און ווען ס'ווייב פלעגט אים, נאָך זיין אַהיימקומען, נעמען דערציילן כלערליי הויף־און־שטוב־פאַרלויפעניש, פלעגט ער קוקן פאַרטראַכט אין אַ זייט, ערגעץ אויף דער סטעליע, פלעגט נישט הערן, נאָר שמייכלען בלויז, מילד און טרויעריק.

אַ הויכלעכער, אַ דאַרער, מיט אַ גרויסן, ווייסן שטערן, מיט שאַרף־אַרויסגערוקטע קין־באַקן, און גרויסע, העל־בלויע אויגן — אָט אַזוי טאַקע, ווי עס האָט אויסגעזען פישל לאַכאָווער — האָב איך מיר דאַן פאָרגע-

שטעלט — דאַרף אויסזען אַ פילאָזאָף. צוליב זיין איידלקייט, אינערלעכער פיינקייט און סובטעל-ערנסטער באַציאונג צו זיין אַרבעט, האָט אים דער טאַטע שטאַרק ליב געהאַט, געווען צו אים צוגעבונדן. גאַנצע טעג און אָוונטן פלעגן זיי פאַרברענגען צוזאַמען אין פריינטלעכע, אָבער אָפטמאָל היציקע דיסקוסיעס. ביי די וויכוחים פלעגט דער שטילער לאַכאָווער ווערן מיט אַמאָל שטאַרק אַגרעסיוו און באַרעדעוודיק. און הגם דער פאָטער איז שוין דאַן געווען וויט אין זיינע אָנשויאונגען פון לאַכאָווערן — לאַכאָווער האָט באַנומען ליטעראַטור פון ריין-עסטעטישן שטאַנדפּונקט און ביים פאָטער האָט זיך שוין דאַן בולט גענומען אויסקריסטאַליזירן אַ רעליגיעז-פילאָזאָפישער קוק אויף ליטעראַטור און לעבן — האָט ער דאָך פון אים שטאַרק געהאַלטן, ווי פון אַן אצילותדיקן מענטש, וואָס ער האָט געפילט צו אים אַ גייסטיקע קרובהשאַפט. און אויך לאַכאָווער האָט שטאַרק געשעצט דעם טאַטן, געקוקט אויף אים מיט ערפורכט, זיך באַ-צויגן צו אים, ווי צו אַן אויטאָריטעט, וואָס — הגם מען איז אָפט נישט מסכים צו זיין מיינונג, — קען מען דאָך פון אים אַ סך לערנען. פון יענער צייט טאַקע שטאַמט לאַכאָווערס אָפּהאַנדלונג וועגן טאַטן אין די „רשפים" — די דינע, חנעוודיקע, גרין-געהילטע העפטלעך, וואָס האָבן געשמעקט מיט יונגן וואַלד.

סיי צו אונדז און סיי צו לאַכאָווערן פלעגט דאַן אַרויפקומען דער רוב פון די יידישע און העבראַישע שרייבער אין וואַרשע. עס פלעגן אויך אָפּשטאַטן וויזיטן ס'רוב שרייבער פון אַנדערע שטעט אין אַמאָליקן רוס-לאַנד, וועלכע פלעגן אַראָפּקומען צו גאַסט קיין וואַרשע. אַזוי אַרום איז שליסקע 60 אַ צייט לאַנג געווען אַ מין יידיש-ליטעראַרישער צענטער, און די „געוויינלעכע", „שטערבלעכע" איינוווינער פון דעם הויז, פלעגן שטאָל-צירן מיט זייער „יחוס". לאַנגזאַם פלעגט **אינגאַנצן** שטראַלן פון נחת.

אינעם „הויף" האָט מען אָפט געקענט זען די שטענדיקע יוצאים ונכנסים: מאַסטבוימען מיט די טיפע, בלוי-גרינלעכע, ברענענדיקע אויגן, הויכע האָר און שפּיציק-געשניצטער נאָז, וועלכער פלעגט שטענדיק ביים גיין אונטערברומען עפּעס אַ מעלאָדיע פון אַן אָפּערע (געווען אַ פּייערדי-קער מעלאָמאַן), פויקנדיק דערביי מיט די פינגער אין דער לופט; דעם

קאָרג-רעדעוודיקן יעקב שטיינבערגן מיטן קיילעכיקן, כמעט יינגלשן פּנים און תמיד-עלעגאַנטן אַנצוג; דעם אונטערטאַנצנדיקן, שטענדיק-שמייכלדיקן און אויפגעלייגטן יצחק קאַצנעלסאָנען מיטן פּולן, רויטלעכן געזיכט (ער פלעגט נישט דורכלאָזן קיין קינד אויפן הויף, ער זאָל עס נישט אַ פעסטן קניפּ טון אין בעקל); דעם הויכן, ברייטלעכן יעקב פיכמאַן, מיט די געלע, קורץ-געשוירענע האָר, מיטן קליינעם שטערן, גרויסע, געלע זומער-שפּרענקעלעך און אָפּענעם, לאַכעדיקן פּנים; דעם לענגלעכן, דאַרן און מרה-שחורהדיקן ש. צ. זעצער, וועלכער פלעגט, צוליב זיין מאָדנע-ברוינעם גע-זיכט, אויסזען ווי ער וואָלט נאָר וואָס געקומען ערגעץ פון וויטע, הייסע לענדער; חיים גילדינען, דעם איצטיקן „גדול” אין סאָוויעט-רוסלאַנד און דעמאָלסטיקן רעפּאָרטער פון „היינט”, מיט די קליינע, גרינע אייגעלעך, גראָבע, צעאַקערטע הענט, ברייטן, שוואַרצן קאַפּעלוש און לאַנגער פּעלע-רינע; דעם קליינטשיקן און דאַרינקן א. י. שירמאַן, מיטן שפּיציקן קמץ-בערדעלע, מיט די קראַנקע, רויטע און האַלב-פאַרקלעפּטע אייגעלעך — וואָס דוד פרישמאַן האָט אים מחמת זיין קליינוויקסיקייט און שוואַכקייט, שפּאַסיק גערופן „פּיאָטר וויעליקי”. (אָט-דער שירמאַן, וועלכער איז גע-ווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער, האָט, אגב, שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין ארץ-ישראל, וו ער איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער העברעאישער פּוב-ליציסט און געזעלשאַפטלעכער טוער, ראַטמאַן און סעקרעטאַר פון דער ירושלימער עיריה); דעם ברייט-פּלייציקן ווייסענבערגן, מיט די אַרויסגע-שטאַרצטע קינבאַקן, קליין-געשוירענע האָר און האַרטע, שוואַרצלעכע קינ-באַקן; אלעקסאַנדער פּאַרבאַן, וועלכער האָט דאַן נאָר וואָס אָנגעהויבן צו שרייבן און פלעגט אַרויפקומען צום טאַטן לייענען זיינע ערשטע לידלעך (זיין געלבלעך, האַלב-מאָנגאָליש געזיכט האָט זיך עפּעס גאָרנישט געפּאַסט צו דער לאַנגער חסידישער קאַפּאָטע און קליין, יידיש היטעלע, וואָס ער האָט דאַן געטראָגן); שלמה גילבערטן מיטן שאַרפן, שפּיציקן פּנים, אויף וועלכן עס פלעגט תמיד שוועבן אַן אומעטיקער שמייכל, מיט די שווערע טריט און גרינלעכע, אָפּגעטראָגענע בגדים (גילבערט פלעגט תמיד קומען אין באַגלייטונג פון זיין אינטימען חבר יצחק גערשטענמאַן — אַ טשיקאַ-ווער חסידישער בחור, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, — וועלכער האָט אויך געשריבן און געדרוקט צו ביסלעך און וועלכער האָט געהאַלטן פון גיל-

בערטן אַן עולם ומלואו, נישט אָפּגעטרעטן פון אים און געקוקט אויף אים מיט פאַרליבטע אויגן. וועגן דעם מערקווירדיקן „פּאָרל" גילבערט - גער-שטענמאַן וועט אונדז נאָך אויסקומען באַזונדער צו דערציילן); דעם דאַרן, בייזלעכן אליעזר שטיינמאַן מיט די לויפּנדיקע, שוואַרצלעכע אויגן און נידעריק-געשוירענע וואָנסעלעך.

איך געדענק אויך אַלס באַזונדער פּונעם „ליטעראַרישן הויף": דעם הויכן, דאַרן ז. סעגאַלאָוויטש, מיטן אומעטיקן בליק, מיט די לענגלעכע סאַמעט-שוואַרצע האָר און מיטן גרויסן קנאָפּ אין האַלדז, וואָס איז אים, מחמת זיין דאַרקייט, כסדר געלאָפן אַרויף און אַראָפּ (ס. איז נאָר וואָס געהאַט געקומען פון ביאַליסטאָק און אַרויסגעגעבן ס'ערשטע העפטל לי-דער זיינס „שטילע געזאַנגען", פאַרזען אויף דער דאַרינקער, געלבלעכער הילע מיט אַ בילד פון מחבר, אין לאַנגע האָר, מיט פאַרלייגטע הענט); דעם שטילן, צניעותדיקן דוד שמעונאָוויטש, א. ח. שעפּסן (א. אַלמי) מיט די לאַנגע, ווייכע האָר, קיילעכיקע, שוואַרצע אויגן און גלאַטיקן, מיידלשן פּנים; דעם קליינעם, דאַרינקן קאַוועץ (מ. וואַנווילד), מיט די דינע פיס און קרומלעכער באַק, וועלכער האָט זיך חדשים-לאַנג געגרייט צו האַלטן אַ פּאָרלעזונג: אין „הזמיר" וועגן טאַטן און פלעגט דעריבער גאַנצע טעג אָפּזיצן ביי אונדז, בלעטערנדיק און נישטערנדיק אינעם טאַטנס געדרוקטע און נישט-געדרוקטע כתבים. (לסוף האָט קאַווע די פּאָרלעזונג געהאַלטן, זי איז אָבער נישט געלונגען; מען האָט זי, דאַכט זיך, אויסגעהוזקט אַביסל און ר' מרדכילע (מַשעמערינסקי) האָט זי, בעת דער דיסקוסיע נאָך דער פּאָרלעזונג, סתם אָפּגעפּטרט מיט אַ נישט-געשמאַקן און טאַקטלאָזן וויץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט קאַווע און ציקאָריע...); מנחמען מיטן שיינעם, קיילעכיקן פּנים, שוואַרצער, ווילערישער טשופּרינע און בלוי-ברענענדיקע אויגן; דוד דרוקן, וואָס האָט אַלעמאָל נאָכן ראַזירן געהאַט בלוי-גרוילעכע באַקן, און האָט אין די געקעסטלטע אַנצוגן, וועלכע ער האָט ליב געהאַט צו טראָגן, אויסגעזען ווי אַ „דענדי" און — אחרון אחרון חביב: אורי ניסן גנעסינען, וואָס האָט צוליב זיין בלאָנדן קאָפּ און בלויע, פאַרחלומטע אויגן גיכער אויסגעזען ווי אַ רוס, איידער ווי אַ רבס אַ זון (מיט אורי ניסנען פלעגט אויך אָפט מיטקומען זיין ברודער,

מנחם גנעסין, איצטיקער רעזשיסער און אַרטיסט פון „הבימה". דעמאָלט איז ער געווען העברעאישער שול-לערער אין וואַרשע).

יאָ, געווען נאָך איינער, אַ מאָדנער טיפּ: בער א-באַך.

אָבער ער האָט געהערט גיכער צו די שטענדיקע א יי נ ו ו י נ ע ר, צו די תושבים פונעם „הויז", ווי צו די באַזוכער. ער איז, נעמלעך, איינמאָל געקומען צו אונדז צוגאַסט, זיך פאַרזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט, איבערגענעכטיקט און — פאַרבליבן שוין ביי אונדז ווינען לאַנגע חדשים: נישט געהאַט וווהין צו גיין. אַמאָל האָט ער געשריבן העברעאישע נאָוועלן אין „השלוח", שפּעטער האָט ער, פון ציט צו צייט, געדרוקט אין „היינט". אין ערגעץ האָט ער זיך אָבער נישט געקענט איינהאַלטן, מיט אַלעמען האָט ער זיך אַרומגעקריגט, איינשמועסנדיק זיך, אַז מען רודפט אים. דערצו האָט ער נאָך קיין איבעריקן חשק צו אַרבעט אויך נישט אַרויסגעוויזן — איז ער געזעסן ביי אונדז אויף אַלעם גרייטן.

איינמאָל איז דער טאַטע אַהיימגעקומען מיט אַ גדולה און אָנגעזאָגט א-באַכן די בשורה, אַז נאָך לאַנגע זוכענישן איז אים געראָטן צו באַקומען פאַר אים, א-באַכן, אַ גוטע העברעאישע לעקציע אין אַ רייך הויז. מיט דער צייט, האָפט ער, וועט ער באַקומען פאַר א-באַכן אַרבעט און א. וועט זיך ווי-עס-איז קענען איינאָרדענען. א-באַך האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע צופרידנקייט מיט דער בשורה, און האָט קאַלט, ברוגזלעך אַ פרעג-געטון:

— וויפל וועל איך עס, אַ שטייגער, באַקומען פאַר דער לעקציע?

— אַ פופציקער, מסתמא...

פופציק רובל פאַר אַ לעקציע איז דעמאָלט געווען אַ הון-רב.

א-באַך האָט עפּעס שטיל אַ ברום-געטון אונטער דער נאָז, אָבער אַוועק צו דער לעקציע א י ז ע ר. ס'גייט נישט פאַרביי קיין האַלבע שעה — א-באַך איז ווידער דאָ.

— וואָס עפּעס אַזוי גיך, א-באַך? ש ו י ן נאָך דער לעקציע?

א-באַך ענטפערט נישט באַלד. קוקט אין אַ זייט, צעבעסט, ווי מען וואָלט אים געווען שטערבלעך באַליידיקט. ענדלעך וואַרפט ער אַוועק מיט געבייזער דעם צעקנייטשטן קאַפּעלוש און שטעלט אויס אויפן טאַטן אַ פּאָר ווילדע אויגן:

— אזעלכע טובות טוט איר מיר?... פאר פ ו פ צ י ק רובל זאָל איך אַרבעטן אַ גאַנצן חודש, יעדן טאָג אַ שעה?... אַנדערש ווילט איר נישט?... אַ חוצפּה פון מענטשן!...

און אַז דער טאַטע האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, האָט ער צו־געגעבן:

— געהערט אַ מעשה?... כ'האָב דאָך געמיינט, אַז איך קריג פופציק רובל פאַר אַ לעקציע, פאַר א יי ן לעקציע, פאַר א יי ן שעה... ווידען אַנדערש?

ווי בייז דער פאָטער איז דאָן נישט געווען, האָט ער זיך דאָך נישט געקענט איינהאַלטן און האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

א־באַך האָט זיך אָבער דערמיט וויניק־וואָס איבערגענומען. דער פאָטער האָט אים זינט דאַן צורו געלאָזט, אויפגעהערט זיך מיט אים צו פאַרנעמען. א־באכן האָט עס נישט געאַרט און ער איז זיך ווייטער ביי אונדז געזעסן אַזוי לאַנג, ביז די געשיכטע איז אויך אים ענדלעך נמאס געוואָרן...

פון דער זעלבער צייט געדענק איך נאָך אַ פיל־פיינלעכערע סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי אונדז אין שטוב צווישן טאַטן און משה טייטשן.

אויך משה טייטש, איינער פון די גדולים אין דער סאָוועטיש־יידי־שער ליטעראַטור, איז געווען אַן אָפטער אַריינקומער אין ליטעראַרישן הויף. אַ נידעריקער, אַ גרוילעכער, מיט קליינע, גרוי־שפּיציקע אייגעלעך, שפּי־ציקע, ווייסלעכע וואָנסעס און פעסט־אַרויפגעזעצטע ברילן אויף דער די־קער נאָז, פלעגט ער ביים גיין, אַביסל אונטערשפּרינגען. קיין גביר איז ער, ווייזט אויס, נ י ש ט געווען, וואָרום אין „הויף" פלעגט ער אָפט קומען נישט דווקא פאַרלייענען זיינע ניי־אויפגעשריבענע לידער, נאָר אויך לייען ביים טאַטן אַ גמילת־חסד.

טייטש פלעגט פון צייט צו צייט אַרויסגעבן ליטעראַרישע זאַמל־ביכער און אָט איז ער איינמאָל געקומען צום טאַטן בעטן אַ זאַך פאַר זיינעם אַ זאַמלבוך, וואָס ער גרייט זיך בקרוב אַרויסצוגעבן. ער געפינט זיך אין אַ שווערער לאַגע — האָט ער געטענהט — על־כן בעט ער, דער טאַטע זאָל אים געבן אַ זאַך אומזיסט. געפּועלט: דער טאַטע האָט אים די זאַך געגעבן און — פאַרגעסן אין דער גאַנצער געשיכטע. אין איינעם אַ

פרימאָרגן געמט דער טאַטע אין האַנט האָכבערגס „אונדזער לעבן” און — אַלע קאָלירן קומען אים אין פּנים אַריין, די פינגער טרייסלען זיך אים פון אויפרעגונג: די זאַך, וואָס ער האָט אַנומלט געגעבן טייטשן צו דרוקן אין אַ זאַמלבוך, איז אָפּגעדרוקט אין דער טאָג-צייטונג „אונדזער לעבן”, מיט קידוש-לבנה-אותיות, געחתמעט: הלל צייטלין, אָן שום באַמערקונג פון רעדאַקציע, אָן שום קאָמענטאַר, אַזוי, אַז יעדער לעזער זאָל זיך עס גאַנץ פּשוט קענען אויסטייטשן, אַז הלל צייטלין האָט פּלוצים פאַרלאָזט דעם „היינט” און איז אַריבער מיטצואַרבעטן אין דער קאָנקורענץ-צייטונג „אונדזער לעבן”.

גלייך האָבן זיך אויך גענומען יאָווען באַקאַנטע, פריינט. די טיר האָט נישט גערוט. יעדער האָט געהאַט אַ פאַרחידושט פּנים:

— וואָס איז געשען?

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין תשובה, פלעגט יעדער געפינען פאַר נייטיק, מיט אַן איראָניש שמייכעלע, צוצוגעבן:

— הע, קומט אייך אַ מזל-טוב, הייסט עס?... טאַקע אַריבער אין „אונדזער לעבן”?

(ווען איך רעד שוין, אגב, וועגן „אונדזער לעבן”, גלוסט זיך מיר אויך צו דערמאָנען איר אַרויסגעבער, האָכבערגן, מיט וועלכן עס מעגן זיכער שטאָלצירן די וואַרשעווער... זעצער. האָכבערג איז נעמלעך געווען דער ערשטער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אייגנטלעך, קען מען זיך אין אַ צייטונג באַגיין בכלל אָן שרייבער, אָן זשורנאַליסטן, מען דאַרף בלויז צו האָבן אַ פּאָר זעצער און דרוקער און אַביסל פּאַפּיר. דער עיקר — האָט ער געהאַלטן — איז דאָך, אַז ס'פּאַפּיר זאָל זיין באַדרוקט. וואָס עס זאָל זיין געדרוקט אויפן פּאַפּיר, איז שוין אַ קנאַפּע נפקא-מיניה. די וואַרשעווער צייטונג-זעצער געהער אַלזאָ נישט דאָס „אויטאָר-רעכט” פונעם דאָזיקן העכסט-אָריגינעלן געדאַנק...

דער טאַטע האָט מיר אפילו מיט יאָרן צוריק דערציילט, אַז האָכבערג איז אַמאָל געקומען צו אים זיך שואל-עצה-זיין מכוח דעם דאָזיקן „געדאַנק”.

— איר זענט דאָך עפּעס, ר' הלל, אַ קלוגער ייד, איז וואָס-זשע זאָגט איר דערצו?

און ווען ער האָט געזען, אַז דער טאַטע שמייכלט, האָט ער זיך, אַביסל זשעגירט, צוריקגעכאַפּט:

— ס'הייסט, מיין ווייב זאָגט, אַז מען דאַרף אײנגאַנצן קיין שרייבער נישט אין דער צייטונג... אָבער איך, כע... כע... איך האַלט, אַז איינעם-צוויי דאַרף מען אפשר יאָ...)

דער טאַטע איז געווען אויסער זיך, ער האָט האַסטיק געשפּאַנט אי-בערן עס-צימער, מרוזשענדיק די אויגן און פּירנדיק נערוועז מיט די פינ-גער איבער דער גרויסער, צעשויבערטער טשופּרינע.

— אַט אַזוי צאָלט מען עס אָפּ פאַר אַ טובה?

געגומען אויספאַרשן די זאַך, איז דער פּאַטער באַלד דערגאַנגען, אַז טייטש האָט, אַנשטאָט אָפּצודרוקן דאָס באַקומענע אַרטיקל אינעם זאַמלבוך, אַוועקגעטראָגן דאָס אַרטיקל צו דער קאָנקורענץ-צייטונג, וועלכע האָט, נאַטירלעך, זיך אָנגעכאַפּט אין דעם עסק מיט הענט און פיס (גוט איז חיי-שעה אויך, גוט איז, כאָטש אויף איין טאָג, כאָטש אויף אַ פּאָר שעה, — ביז דער אמת וועט פעסטגעשטעלט ווערן עפנטלעך — אַריינצו-שטעכן אַ שפּילקע דעם קאָנקורענט און אַרויסרופן אַ סומאַטאָכע...). דעם טאַטן האָט נישט אַזוי געאַרט דאָס, וואָס טייטש האָט פאַר פּרעמדער אַרבעט גענומען גוט געלט און עס אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין קעשענע, עס האָט אים אויך נישט אַזוי געאַרט דאָס עגמת-נפש, וואָס עס האָבן פון דעם סקאַנדאַל געהאַט די אַרויסגעבער פון דער צייטונג, ווו ער האָט געאַרבעט (דאָס מיספאַרשטענדעניש איז, פאַרשטייט זיך, באַלד אויפגעקלערט גע-וואָרן) — פאַרדראָסן האָט אים, דער עיקר, דאָס כיטרע אָפּנאַרן אים, דאָס באַצאָלן אים מיט שטיינער פאַר אַרויסהעלפן יענעם מיט ברויט...

אַריבער אַ פּאָר טעג — טייטש איז דאָ, ווי קיינמאָל גאָרנישט. גע-קומען מיט אַן אומשולדיק שמייכעלע אויף די ליפּן: ווייס איך וואָס?... לוינט זיך צו מאַכן אַ טומל צוליב אַזאַ קלייניקייט?...

דער טאַטע האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין טייטשן, ווי ער וואָלט אים נישט דערקענט, ווי ער וואָלט זיינע אויגן נישט געגלויבט. איך האָב געציטערט פון אויפרעגנדיקער דערוואַרטונג. פּלוצלינג האָט זיך דער טאַטע האַסטיק אויפגעשטעלט פון אָרט און — נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צו טייטשן און אַריינגעלאָפן

אין צווייטן צימער, פאַרהאַקנדיק הינטער זיך די טיר אַזוי פעסט, אַז די שויבן און דער לאָמפּ איבערן טיש האָבן זיך גענומען טרייסלען. טייטש איז געבליבן אַ געפּלעפטער, אַ בלאַסער. דאָס שמייכעלע איז פאַרשווונדן פון זיין געזיכט. ער האָט געפינטלט מיט די קורצזיכטיקע אויגן, גענומען עפּעס שטילערהייט רעדן, פאַרענטפערן זיך, אָבער דער הילך פונעם קלאַפּ מיט דער טיר איז נאָך געשטאַנען אין צימער. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס טייטש רעדט. אַ לענגערע ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, ווי אַן אָפּגעשמיסענער, דערנאָך האָט ער זיך, אָן אַ „זייגעזונט”, געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג.

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב דאַן מיטאַמאָל פאַרגעסן אין דער עוולה, וואָס איז געשען דעם טאַטן. אין יענער רגע האָב איך רחמנות באַקומען אויף... טייטשן, געהאַט צער פון זיין פאַרלוירנקייט און פון דער חרפּה, וואָס האָט אים געטראָפן אין אונדזער שטוב. און שפּעטער, אַז איך פלעג באַגעגענען טייטשן אין גאַס, פלעגט זיך מיר אויסווייזן, אַז עפּעס איז ער, זינט יענער סצענע אין „ליטעראַרישן הויף”, נידעריקער געוואָרן, איינגעשרומפּענער, און דער קאָפּ זיינער — האָט זיך מיר געדאַכט — האָט זיך טיפער אַראָפּגעלאָזט צווישן די אַקסלען...

# קאַפּיטל 3

## דורך פּאַרטאָגיקע שויבן.

פון די גאַר באַרימטע שרייבער פלעגט באַזוכן — הגם זעלטן — דעם „ליטעראַרישן הויף" דוד פרישמאַן. פאַרשטייט זיך, אַז זיינס אַ באַזוך פלעגט אין „הויף" זיין אַ סענסאַציע. לאַכאָווער, וועלכער איז געווען פרישמאַנס אַ פאַנאַטישער אָנהענגער, פלעגט דאַן זיין באַזונדער פייערלעך-אויפגערוימט. פרישמאַן, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ טיפּישער דייטש, אין דער ברוינער מאַרינאַרקע, העלע, געקעסטלטע הויזן און האַרטן, ברוינעם מעלאָניק, האָט, מיט זיין פאַרדייטשטן יידיש און שפּיציקע, קורצזיכטיקע אויגן, וואָס האָבן אָפּגעקוקט פון די דיקע ברילן-גלעזער, געוועקט אין מיר אַ געפיל פון פרעמדקייט און מורא.

איך דערמאָן מיך אין אַ פאַרדראָסיקער סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי אונדז אין שטוב צווישן פרישמאַנען מיט איינעם פון מיין טאַטנס פריינט — אַ סצענע, וואָס האָט א ו י ך גורם-געווען צו פאַרשאַרפן אין מיר דאָס געפיל פון מורא פאַר פרישמאַנען.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט איז דער טאַטע געזעסן פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט זיין נאָענטן פריינד ש—ן, אַ פייער-פלאַמיקער ציוניסט, אַ פאַרביסענער שונא פון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום גלות און צום יידישן לעבן אין גלות. כאָטש דער טאַטע האָט נישט מסכים-געווען מיט ש.ס אָנשויאונגען און פלעגט זיך אָפט מיט אים שפּאַרן, האָט ער דאָך געהאַט צו ש—נען אַ האַרציקע באַציאונג און איז געווען מיט אים אינ-

טים באַפֿריינדעט, מחמת ער האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ קריסטאַל-ריינעם אידעאַליסט, פֿאַר אַ פּערזענלעכקייט פֿון הויכער עטישער קוואַליטעט. דערצו נאָך האָט ש—ן אויך אויסערלעך געמאַכט אַ באַצויבערנ-דיקן איינדרוק: אַ שטילער, אַ דאַרער, מיט אַ בלאַס פּנים, אַרומגעזוימט מיט אַ דין, זיידן-בלאָנד בערדל, מיט גרויסע ליכטיק-קינדישע בלויע אויגן און אַ דינער, איידל-געשניצטער נאָז, האָט ער דערמאָנט אין עפּעס אַ הייליקן, אין אַן אַסקעט. בטבע איז ער געווען אַ שווייגער, ש—ן. פֿלעגט נישט אַרויסוואַרפֿן קיין איבעריק וואָרט, — פֿלעגט אָבער עמעצער פּרווון אָנגרייפֿן דעם ציוניזם, אין וועלכן ער איז געווען פֿאַנאַטיש איינ-געגלויבט, פֿלעגט ער אין גאַנצן משנה-צורה-זיין, אָנצינדן זיך און נעמען פֿייערן מיט בייזע, האַסטיקע רייד.

אין מיטן שמועס איז אַריינגעקומען פֿרישמאַן. דאָס געשפּרעך האָט זיך ווייטער געדרייט אַרום ציוניזם, גלות און העברעאיש. פֿרישמאַן האָט נישט געהאַלטן פֿון פּאָליטישן ציוניזם. דער עיקר — האָט ער געטענהט — איז קולטור. יידן זענען „חובבים”, אָבער ממשותדיקס טוען זיי גאָרנישט פֿאַר דער פֿאַרטיפֿונג פֿון דער העברעאישער קולטור, פֿאַר דער פֿאַרשפּריי-טונג פֿונעם העברעאישן בוך. אָן דעם ספֿר וועט דער עם-הספֿר נישט אויפֿ-געבויט ווערן. פּאָליטישער ציוניזם האָט קיין האַפֿט נישט. קודם-כּל דאַרף מען גיין אין חדר-אַריין.

דערביי האָט פֿרישמאַן, ווי זיין שטייגער, געשפּריצט מיט כּעס, גע-ביסן מיט איראָניע, נישט געקאַרגט קיין שטעכווערטלעך אויפֿן חשבון פֿון די „חובבים”. ש-ן, אַלס פּאָליטישער ציוניסט, האָט זיך געפֿילט געטראָפֿן. אַלע קאָלירן זענען אים געקומען אין פּנים. ער האָט זיך געדרייט אויפֿן בענקל, לסוף האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעפּלאַצט:

— אַז אַ מענטש האָט קיין אַנונג נישט וועגן ציוניזם, זאָל ער בע-סער שווייגן!

פֿרישמאַן האָט פֿריער כּמעט נישט געקוקט אויף ש—נען, גערעדט נאָר צום טאַטן. איצט האָט ער זיך פּאַמעלעך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו ש—נען. אַ קאַרגער פֿאַרביסענער שמייכל איז געלעגן אין די ווינקלען פֿון זיינע שפּיציק-באַוואָנסעטע ליפּן, דורך די גראָבע ברילן-גלעזער האָבן גע-שפּריצט פֿונקען. ער האָט שאַרף-חוזקדיק אָנגעקוקט ש—נען, אויפֿגע-

שטעלט זיך, אוועקגערוקט די שטול און, ארויפלייגנדיק א פינגער אויף דער שפּיץ נאָז, א זאָג-געטון מיט א ניגון, אויף דייטשמעריש:

— אבער ווישען זי זיך פריער די נאזע אב, יונגערמאַן, איידער זי שפּרעכען מיט דעם פרישמאַן!...

אָפּגעזאָגט, האָט זיך פרישמאַן רואיק צוריק אוועקגעזעצט. דער טאַטע איז געווען צעטומלט, פארלוירן זיך. ש—ן איז געוואָרן טויט-בלייך. זיינע הענט האָבן נערוועז געציטערט. דאַן האָט ער זיך אויפגעשטעלט, און — נישט רעדנדיק קיין וואָרט, איז ער ארויסגעלאָפן פון צימער, פאַר-קלאַפּנדיק הינטער זיך די טיר מיט אזא כוח, אז די שויבן און דער סופיט האָבן געגומען ציטערן...

און עד-היום, ווען איך זע ש—ען, וועלכער איז היינט א באַ-ווּסטער דאָקטאָר אין ווארשע, קען איך נישט פארגעסן דאָס ביטער-פריקרע באגעגעניש, וואָס האָט אים געטראָפן ביי אונדז אין שטוב. עס ווייזט זיך מיר אויס, אז ער איז נאָך אַלץ בלייך פון דעמאָלט-אָן און אין מיינע אויערן קלינגט נאָך דער אָפּהילך פון יענעם שרעקלעך-בייזן קלאַפּ מיט דער טיר אין „ליטעראַרישן הויז".

פאַר דוד פרישמאַנען ציטער איך, דאַכט זיך, נאָך איצט, שוין יאָרן נאָך זיין טויט...

:: :: ::

דערפאַר האָב איך, אויפן אָנבליק פון פּרצן, וועלכער איז, אגב, נישט געווען קיין איינגייער פונעם „ליטעראַרישן" הויף, ווייל ער איז גע-ווען קידער-ווידער מיטן טאַטן (איך געדענק נאָך, ווי דער טאַטע האָט גע-שריבן וועגן פּרצן: „פּרץ האָט א הימל, נאָר קיין גאָט איז אין אים נישטאָ"), אַלע מאָל געשפּירט א היימישע ווארעמקייט, כאָטש ער האָט מיטן גויישן אויסזען, דיקן פּנים, גראָבע, אראָפּגעלאָזטע וואָנסעס און שנעלע, דראָבנע טריטלעך, גיכער אויסגעזען ווי א בייזער פּריץ, איידער ווי א יידישער שרייבער. פּרצן, וועלכער האָט געוווינט נישט ווייט פון אונדז, פריער אויף צעגלאַנע און דערנאָך אין די יעראָזאָלימער אַלייען, פלעג איך זייער אָפט זען, ווען ער פלעגט איילן צו דער ארבעט אין דער גמינע, אויף גזשיבאָווסקע. ווען ער האָט זיך אריבערגעקליבן אויף יעראָ-

זאַלימסקע, פּלעגט ער זיין וועג צו דער אַרבעט דורכמאַכן דורך דער טוואַרדע, און אויף עק שליסקע פּלעג איך אים תמיד באַגעגענען אַ סאַפּענדיקן, אַ פּרייכנדיקן (צוליב זיין האַרץ-שוואַכקייט), געהילט אין דער ברייטער, גראָבער פּעלערינע. נישט געקוקט אויפן קידער-ווידער און אויף דער אָפּטער עפּנטלעכער פּאָלעמיק, האָט דער טאַטע דאָך געפּילט אַ גייסטיקע נאָענטקייט און פּאַרוואַנדשאַפט מיט פּרצן, גערעדט וועגן אים שטענדיק מיט ליבשאַפט און אַכטונג און געהאַט עגמת-נפש פון די בייסיקע שטעכווערטלעך, וועלכע פּרישמאַן פּלעגט אַזוי-אָפט לאָזן פּאַלן אויף פּרצעס אַדרעס. קען זיין, אַז פון אָט דער באַציאונג, דעם פּאָטערס, צו פּרצן, איז אויך אין מיר אויסגעוואַקסן יענעם מאָדנע-וואַרעם געפיל, נישט בלויז פון אומגעוויינלעכן יראת-הכבוד, נאָר אויך פון ליבע, צו דער כמעט אומהיימלעכער, אין פּלוג „פּראָזאַאישער" געשטאַלט פון י. ל. פּרץ.

און אַ בילד, וואָס וועט פון מיין געדעכעניש קיינמאָל נישט אויסגעווישט ווערן, האָט אָט-דאָס אינטים-וואַרעמע געפיל נאָך מער פאַרטיפט:

געווען איז עס אויף אַן אָוונט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די שילערינס פון אַלטערמאַנס העבּרעאישע קורסן פאַר פּרעבליסטינס, אויף לעשנע. דער פאָטער, וואָס האָט געלייענט לעקציעס אויף די קורסן, האָט באַשלאָסן אויך *מיך* מיטצונעמען צום דאָזיקן „אָוונט". פון גרויס פרייד בין איך געוואָרן בלאַס און פאַרלוירן ס׳לשון: אַ קליינקייט, אַן אָוונט ביי אַלטערמאַנען, ווו ס׳וועלן געווים זיין אַלע גדולים! (כמעט אַלע באַדייטנדערע יידיש-העברעאישע שרייבער האָבן געלייענט לעקציעס אויף אַלטערמאַנס און האַלפּערנס פּרעבל-קורסן). דערצו נאָך האָב איך מיר אויסגעמאָלט, אַז ביי אַלטערמאַנען אויף אַן אָוונט *מוז* זיין עפּעס גאָר יום טובדיק-פריילעך, לעילא-ולעילאדיק, וואָרום אַלטערמאַנען אַליין האָב איך געקענט פון דער מערקווירדיקער הייטערקייט און לוסטיקייט, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אויף די פּורים-סעודות און פּורים-אָוונטן אינעם „ליטעראַרישן הויז" — אָוונטן, וועגן וועלכע איך וועל נאָך ווייטער ריידן. האָב איך זיך שוין טאַקע קוים געקענט דערוואַרטן אויפן „אָוונט". לכבוד וועלכן מיין קוזינקע ביילקע, אויך אַ שילערין פון די קורסן, וואָס האָט ביי אונדז געוווינט, האָט באַזונדער-פלייסיק אויסגעפּוצט דעם טאַטנס יום-טובדיקע בגדים, און לאַנג געקעמט דעם טאַטנס באָרד.

אין די צימערן פון אלטערמאַנס שול האָט געזשט ווי אין א בינ-שטאָק. די שול-בענק זענען פונאַנדערגערוקט געוואָרן, כדי דער עולם זאָל זיך קענען פרייער באַוועגן. ווען דער טאַטע האָט זיך באַוויזן, איז ער, ארומגערינגלט דורך זיינע שילערינס און דורך לערער פון די קורסן, גלייך אריינגעפירט געוואָרן אין א באַזונדערן, זייטיקן צימער. מיך האָט מען אריינגעפירט אין אַלגעמיינעם זאַל, דאָרט, וווּ עס האָט גדאַרפט פאָרקומען די אייגנטלעכע פייערונג. איך בין געווען געפּלעפט פון דעם גערויש און טומל פונעם יום-טובדיקן עולם, וואָס האָט כסדר פריילעך געשטראַמט אין זאַל, פאַרשיכורט פון די הייטערע פּלאַפּלערייען פון די געסט, וואָס אויף זייערע פּנימער איז געווען צו דערקענען דעם געהויבן-נערוועזן צי-טער פון אנגעצעמער דערוואַרטונג. די בעקלעך האָבן געפּלאַמט, די אויגן — געברענט פון נייגיר און אויפרעגונג. מיט מאָדנער באַוווּנדערונג האָב איך געקוקט אויף אַלטערמאַנס שילערינס, די קורסיסטקעס. זיי, די בעל-שמחהניצעס, האָבן געשיינט, זיך געפּאַרעט און געבאַלעבאַטעוועט, פאַרשטייט זיך, מער פון אַלעמען, ארומגעלאָפן פאַרשמייעט, מקבל-פּנים-געווען די געסט, געהיצט זיך און געשטיפט.

ווי האָב איך זיי דאַן מקנא-געווען, די צעשטראַלטע און צענחתטע קורסיסטקעס, וואָס זיי האָבן נישט גדאַרפט, ווי איך, א קליינער און פאַרלוירענער, שטיין אין א זייט, און זענען מיט אזא ברען און פלאַטער-דיקייט ארומגעשפּרונגען איבער די וויים-באַלויכטענע צימערן, פון וואַנען ס'האָט געשלאָגן א גדיכטע וואַרעמקייט!

די קורסיסטקעס...

ווער עס האָט אויסגעטראַכט דעם בלבול און איינגעשמועסט דער וועלט, אז פּרעבל-קורסיסטקעס, וואָס האָבן געלערנט העברעאיש, זענען געווען קאַמיש, מיאוס און אַלט און האָבן געטראָגן ברילן — יענער זאָל זיך אָפּבייסן די צונג. איך מוז פון דעם אָרט ווי אם צאָרנדיקסטן פּראָ-טעסטירן קעגן דעם. אין מיין זכרון ליגט נאָך גוט פאַרבאַהאַלטן דאָס בילד פון יענע ארומלויפנדיקע, פלאַטערנדיקע מיידלעך, וואָס האָבן טאַקע גע-פּלאַפּלט העברעאיש, אָבער א פרישער, יונג-מחיהדיקער ריח האָט אראָפּ-געשוועבט פון זיי, פון זייערע הילפלאָז-פאַרקעמטע „גרעקלעך", פון זייערע דינע, שוואַרצע פאַרטעכלעך, און עפּעס א זיסע, וואַרעמע היימישקייט

האָט אַרויסגעשלאָגן פון זייערע גיכע, האַסטיקע רייד. זייער האַרטלעכער ליטווישער העברעאיש האָט געבראַכט אַ גרוס פון אָרעמע, איינגעשרומפּענע היימען, אין ווייסרוסלאַנד אָדער ליטע, פון וואַנען זיי זענען געקומען אַהער, אויף די טומלדיקע גאַסן פון דער גרויסער פּוילישער שטאָט, צווישן דיקע, אומהיימלעכע מויערן און פרעמד-קלינגענדיקע טראַמווייען. אַרומגעכאַפּט פון אַן אומבאַשטימטער בענקשאַפט נאָך אַ פרייער וועלט, צעברענט פון זים-ווייטיקדיקע חלומות אויף די האַרטע, שמאָלע שלאָף-בענק אין די איינגעפאַלענע הייזלעך פונעם קליינעם טאַטע-מאַמע-שטעטעלע, האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן פון זייערע קאַרגע, טרויעריקע היימען, און צוגעפאַלן דאָ, אויף די פאַרשידענע „קורסן", אינעם געפילדער פון דער שטיינערנער שטאָט, — וואָס איז פאַר זיי, פאַר די קליינשטעטלדיקע, ד י  װ ע ל ט,  ד י  ג ר ױ ס ע  װ ע ל ט  געווען, — ווי דורשטיקע צו אַ זילבער-קוואַליקן שטראָם. ווער פון זיי עס האָט די דינע, טונקעלע ווענט פון אַ שמאָל, נידעריק בוידעם-שטיבל מיט פּאַפּירענע בילדער פון מאַרקס און ענגעלס באַקלעפּט און ווער עס האָט די ווענטלעך מיט ביליקע פּאָרטרעטן פון הערצל און ביאַליק באַהאַנגען — אַלע האָט זיי אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט די ברוסטן צעשפּאַרט, אַלע האָבן זיי זיך געקלאַמערט אין אַן אויסגעטרוימט בילד פון דער צוקונפט.

פון דאַנען, פון די-אָ „קורסן", האָבן זיך שפּעטערדיקע פלאַמיקע סאָציאַליסטישע טוערינס אַרויסגעריסן, פון דאַנען זענען די ערשטע מחנות העל-צעזונגענע חלוצהם אויף די הייסע, גרויע פעלדער פון יהודה אוועק, באַגיסן מיטן יונגן שוויים פון זייערע פרישע לייבער די שווערע, האַרטנעקיקע ערד, באַשטראַלט מיטן טרויעריקן שמייכל פון א. ד. גאָרדאָן, באַצוואונגען פון די שטראָפעריש-כמורנע בליקן פון י. ח. ברענער.

פון דאַנען-אָ, פון אָט-דער קורסן-וועלט, שטאַמט אויך די שלאַנקע, ווײמוטיק-שיינע געשטאַלט פון חנה ראַווינא...

אָבער — איך האָב מיך פאַררעדט און געוואָלט האָב איך גאָר דערציילן נישט וועגן די קורסיסטקעס, נאָר וועגן י. ל. פּרץ.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּייערונג: דער „אָפיציעלער" טייל, ווי מען רופט עס. רעדעס, געזאַנג, דעקלאַמאַציעס. די צעפלאַמטע קורסיסטקעס אין זאַל האָבן אָבער נאָך אַלץ נישט געקענט רואיק איינזיצן. זיך

געדרייט נערוועז אויף די ערטער, געשעפּטשעט איינע דער אַנדערער אין אויער-אַריין, געוואָרפן אַפּטע בליקן צו דער טיר. עס האָט זיך געשפּירט אין דער לופט, אַז מען וואַרט נאָך דאָ אויף עפּעס, אָדער אויף עמיצן. די אַטראַקציע דאַרף נאָך ערשט קומען. און — זי איז געקומען. ס׳האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פון דער אָפיציעלער פייערונג. מיטאַמאָל איז אין זאַל געוואָרן א באַוועגונג, א גערודער, מען האָט שוין נישט געזען, וואָס עס טוט זיך אויף דער עסטראַדע. אַלע בליקן זענען געווען געווענדט צו דער טיר, וואָס איז איצט געווען ברייט-צעעפנט. אויף דער שוועל איז געשטאַנען פּרץ, א מיטלוווקסיקער, דיקער, מיט גרווילעכע האָר און בלי-ציקע, שאַרע אויגן, די דיקע, אַראָפּגעלאָזטע וואָנסן האָבן זיך פּאַמעלעך באַוויגן אַראָפּ און אַרויף. ער האָט האַסטיק געאָטעמט. אויף זיין פּנים איז געווען א לייכטער, קוים-באַמערקבאַרער שמייכל, ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס זשעניִרט. לכתחילה האָט זיך דער עולם פאַרלוירן, א ווײַלע איז פּרץ געשטאַנען אַליין, באַלד איז ער אָבער אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די צעהיצטע קורסיסטקעס. וואָס דאָרטן אויף דער עסטראַדע האָט זיך געטון — אָדער צי ס׳האָט זיך נאָך דאָרט ב כ ל ל עפּעס געטון — איז מיר שוין נישט אָנגעגאַנגען. איבעריקנס האָט זיך שוין דאָס פּראָגראַם פון דער פייערונג דערווייל סיי-ווי געהאַט געענדיקט. אין זאַל איז ערשט איצט געוואָרן דער אמתער טומל, יענער גערויש, וואָס באַגלייט אַלעמאָל דעם שלום פון אַן אָוונט: גערוקעריי פון בענקלעך, סקריפּעריי פון טירן, בינען-זשומעריי פונעם צעוואַרעמטן עולם. דער זייטיקער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין. די היימישע אָבער, אַלטערמאַן, די קורסיסטקעס, די לערער, די שרייבער, זענען געבליבן. איך בין, פאַרשטייט זיך, אויך געבליבן מיטן טאַטן. פּרץ האָט זיך שוין געהאַט אַוועקגעזעצט אויף איי-נעם פון די פונאַנדערגערוקטע שטולן. אַרום אים איז געשטאַנען א מחנה מיידלעך, געקלעפּט אין אים, געקוקט אים אין מויל אַריין, אויפגעכאַפּט יעדן וואָרט. אַלע ווײַלע האָט זיך פון אַט-דעם קרייז געהערט א הילכיק געלעכטער. דאָס האָט פּרץ, מסתמא, עפּעס דערציילט און זיינע פאַרליבטע פאַרערערינס האָבן געקוואָלן. צו אַלעמענס פאַרוווּנדערונג האָט פּרץ דאָס-מאָל כסדר גערעדט העברעאיש.

דערווייל האָט אַלטערמאַן אַריינגעבעטן דעם עולם אין א זייטיק,

לענגלעך צימער, ווו עס זענען שוין געשטאַנען ווייס-געדעקטע טישן. ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן די רעכטע שמחה. מען האָט גענומען צו-ביסלעך און באַלד האָבן זיך די צינגער אויפגעבונדן. עס איז אַוועק איין ניגון נאָכן אַנדערן. ארץ-ישראל-לידער זענען נאָך דאַן געווען אַ נייעס, גע-שמעקט מיטן פאַרשיכורנדיקן ריח פון גאָלדיק-צעהעלטע פעלדער און וואַ-רעמע, בלוי-דורכזיכטיקע פאַרנאַכטן. האָב איך דאַן, צום ערשטן מאָל, פאַרנומען די פאַרבענקט-אומעטיקע מעלאָדיע פון ביאַליקס „בין נהר פרת ונהר חדקל” און, זינט דעמאָלט, האָט זיך מיר שוין כסדר אויסגעוויזן, אַז איך הער דעם רויש פון שטיל-טרויעריקע פּאַליעס...

איינער אַ העברעאישער לערער, — זיין נאָמען געדענק איך נישט, אָבער זיין אויסזען געדענק איך: אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט אַ פאַר-ברוינט-קרענקלעך געזיכט און הייסע, פייערדיקע מזרח-אויגן — האָט מיט אַ שטיל-וואַרעמען קול גענומען זינגען:

אויפן באַרג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן,
גייט אַ ייד קיין ארץ-ישראל
מיט פאַרוויינטע אויגן...

האָבן שוין אַלע אונטערגעכאַפּט:

גאָט, גאָט, גרויסער גאָט,
לאָמיר דאַוונען מנחה,
אַז יידן וועלן גיין קיין ארץ-ישראל
וועט זיין גרויס די שמחה...

איך האָב געקוקט אויף פּרצן. ער איז געווען טרויעריק. זיינע אויגן האָבן פייכטלעך געגלאַנצט, געקוקט ערגעץ ווייט. ער האָט עפּעס שטיל געברומט אונטער די וואָנצעס. מיטאַמאָל האָט ער אַ באַוועג-געטון מיט זיין גרויסן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט. פּאַמעלעך האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש, נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. צוגעגאַנגען צום פענצטער און שטיל גענומען פּויקן אין די שויבן דורך וועלכע ס'האָט זיך געפינצטערט די נאַכט. דאַן

האָט ער זיך געלאָזט צו דער טיר. די קורסיסטקעס — נאָך אים. געמיינט האָט מען, אַז פּרץ גייט שוין אַרויס, איז געוואָרן אַ שטיקל באַוועגונג בײַם טיש, אָבער באַלד האָט ווײַטער אַ פרײלעך־צעזונגענע חברה זיך געלאָזט ווײלגיין, געקלאַפּט מיט די גלעזלעך, געקײַט, געוואָרפן מיט וויצן, גלײַכווערטלעך. מיך האָט אפילו פאַרדראָסן, וואָס פּרץ זיצט שוין נישט בײַם טיש, אָבער באַלד ביז איך שוין ווידער געווען פאַרנומען, פאַרכאַפּט פון דער וואַרעם־הייטערער שטימונג.

מיטאַמאָל איז איינע אַ קורסיסטקע, אַ קלײנינקע, אַ פרישינקע און שוואַרץ־אויגיקע, מיט קורצע שלעכט־פאַרפלאָכטענע צעפּלעך און קלײנע, שאַרף־בלאַנקענדיקע צײנדלעך, צוריק אַרײַנגעלאָפן צו אונדז אין צימער און האַסטיק, פאַרפלאַמט געגומען שלעפּן מיט זיך אייניקע געסט, וואָס זענען געזעסן בײַם ברעג טיש:

— קומט וועט איר עפּעס זען!

מען האָט זיך געלאָזט נאָך איר. אין האַלב־פינצטערן קאָרידאָר האָט דאָס מיידל פאָרזיכטיק געעפנט אַ טיר, וואָס האָט געפירט אין זאַל אַרײַן, וווּ עס איז פריער פאָרגעקומען די פײערונג און וואַנען מען האָט שוין באַוויזן אַרויסצוטראָגן די שטולן. פאַר מײנע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ בילד, וואָס האָט מיר אויסגעוויזן צו זײַן ווי פון אַ כישוף־מעשהלע אַרויס:

אין גרויסן, פּוסטן זאַל איז געווען טונקל. בלויז אַ קאַרג, געדעמפּט ליכט האָט געוואָרפן אַ בלאַסן שײַן אויפן שוואַרצלעכן דיל, אויף די אומהיימלעך־באַשאָטנטע ווענט. אין מיטן זאַל, אויף דער ערד, איז געזעסן פּרץ, די פיס פאַרלייגט אונטער זיך, ווי אַן אַראַבער, ווי אַ טערק. די גרויִלעכע האָר צעשויבערט, די אויגן — צעגליט. אַרום אים, אין אַ קרייז, זענען געווען אויסגעזעצט קורסיסטקעס. פּרץ האָט געזונגען. די מיידלעך האָבן אים אונטערגעהאָלפן, אונטערגעברומט. איך האָב אויפגעשפּיצט די אויערן. העברעאיש. אַן ארץ־ישראל־ליד. דאַכט זיך: „יה, חילי, לי, יה עמלי". אין אָנהייב האָט פּרץ געזונגען שטיל, טרויעריק. דערנאָך האָט זיך זײַן גראָבלעכע, הייזעריקלעכע שטים געשטאַרקט, צעוואַרעמט. אויך די מיידלעך האָבן גענומען זינגען פעסטער, ברוסטיקער:

מסביב למדורה,
האספו, רועי צאן...
נסע, נסע אל היער... הוי!

אַ פּאָר פון די, וואָס זענען געשטאַנען אין טיר און זיך צוגעקוקט צו דעם בילד, האָבן געגאַפּט, געשטוינט:

וואָס איז דער מער מיט פּרצן? העברעאיש? קאַפּריז? סענטימענט? אָדער גאָר פּאָזע? שטייט ער דאָך שוין אַריינגעטון ביז איבער די אויערן אין קאַמף פאַר יידיש, האָט ער דאָך שוין אַזוי לאַנג נישט געשריבן קיין העברעאיש ? !

מיך האָט אָבער דער עיקר פאַרכאַפּט דאָס בילד. פּרץ האָט נאָך געזונגען, פאַרמרוקשענדיק די אויגן, טרייסלענדיק מיט די וואָנסעס, צוקלאַפּנדיק מיט די פינגער. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מאַהאַראַדזשאַ, ווי עפּעס אַ רייכער פאַנטאַסטישער מזרח-הערשער, אַרומגערינגלט דורך זיינע האַרעם-ווייבער. אָבער עפּעס אַ מאָדנע זיידישע גוטסקייט און נאַענטקייט האָט דערביי אַראָפּגעשטראַלט פון זיין געזיכט, פון זיינע דיקע ברעמען און גרוי-געלבע וואָנסעס. מען האָט געפילט, אַז פּרץ איז איצט אויסגעטון פון אַלץ, האָט אין אַלץ פאַרגעסן — אַפילו אין דער יידיש-העברעאישער-מלחמה, אין וועלכער ער איז געווען אַזאַ מעכטיקער גענעראַל — האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט, ווו עס פליסן טייכן פון שלווה און עס בליען פעלדער פון גוטס.

אין די שויבן האָט שוין גענומען בלויען דער קאַיאָר. פּרץ איז נאָך אַלץ נישט געווען מיד. גלעטנדיק אַ צעפּיעשטשעט, פאַרוואָרפן קעפּל פון אַ קורסיסטקע, האָט ער געצויגן איין ניגון נאָכן אַנדערן, איין מאָטיוו נאָכן צווייטן. די אויגן פון די סענטימענטאַל-צעזונגענע, פאַרליבטע מיידלעך, האָבן נאָך אַלץ געבליצט פון איבעראַשונג און פרייד. און איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען מיט אַ האַלב-צעעפנט מויל, מיט פאַרוואונדערט-פינטלדיקע אויגן. געמיינט, כ׳בין אויף אַן אַנדער עולם. ערשט אַ האַסטיקער צי פאַרן אַרבל האָט מיך אַראָפּגעשלעפּט אויף דער ערד. דאָס האָט מיך דער טאַטע גערופן אַהיים.

די היימישע חברה שרייבער האָט לאַנג נישט געקענט פאַרגעסן פּרצס

עקסטראוואגאנץ פון יענעם „אָוונט” ביי אַלטערמאַנען. מען האָט זי גע-
ריסן-געביסן, די „עקסטראוואגאַנץ”, און נישט געקענט צעבייסן. איך האָב
דעמאָלט דעם חידוש נישט באַגריפן און פאַרשטיי אים ביז היינט
נישט:

איז דען א וואונדער, ווען א דיכטער אַנטלויפט אין איינער אַ נאַכט
פון זיך און קוקט אזוי לאַנג דורך די פינצטערע שויבן, ביז עס נעמט
אויפגיין אַ נייער, יונגער פאַרטאָג?...

# קאַפּיטל 4

## שרייבער זינגען...

אינעם „ליטעראַרישן הויז" האָב איך איינגעזאַפּט אין זיך דעם ריח פון ערשט-אויפגעבליטע דיכטערישע שפּראָצונגען, וואָס היינט נאָך זע איך די יונג-פרישע טויאיקייט און דעם חן פון חלומות, וואָס איז אויף זיי געוועזן אויסגעגאָסן.

אָט שטייט מאַסטבוים מיט די צעשויבערטע האָר, מיט דער שפּיציקער נאָז און שוואַרץ-פייערדיקע אויגן. ס'איז בין-השמשות, דורך די שויבן פאַלט נאָך אַ בלאַס-רויטלעכער שיין פון דער פאַרגייענדיקער זון. מאַסטבוים שטייט ביים פענצטער און שאָקלט זיך גיך, ניך איבער לאַנגע, שמאָלע בייגעלעך פּאַפּיר, וועלכע ער האַלט איןביידע הענט. אַלע ווײַלע גיט ער אַ וואָרף מיטן קאָפּ האָר אויף צוריק, הינטער זיך. דאָס לייענט ער דעם טאַטן זיין „מיטן זון-אונטערגאַנג". מאַסטבוים לייענט מיט אַ ניגון, מיט אַ טרויעריק-פאַרחלומטן ניגון, וואָס צעגיסט זיך ווייטיקדיקזיס איבערן האַלב-טונקעלן צימער, איבער די באַשאָטנטע ווענט, איבערן טאַטנס צעפּאַטלטער באָרד. און וואָס ווייטער ער לייענט, וואָס אומעטיקער עס ציט זיך דער ניגון, אַלץ מער פאַרשווינדן די ווענט און אָט זע איך שוין נישט קיין שטוב, קיין פענצטער, קיין באַלקאָן, איך זע שוין נישט דעם טאַטנס באָרד, איך זע בלויז אַ פּייער-צעגליטע זון-קויל איבער אַ שטילער, ווארעם-פאַרנאַכטיקער לאָנקע.

„האָלדרי-האָלדרי", „אַ חלום פון פערעלעס יאָרן" — היינט נאָך

קלינגט אין מיינע אויערן דער ניגון פון אומעט און פאַרנאַכטיקייט, מיט וועלכן מאַסטבוים פלעגט אויסזינגען זיינע פאַרבענקטע, האַלב-עקסצענט-רישע נאָוועלן.

איך האָב ליב געהאַט מאַסטבוימען צוליב זיין מאָדנער צעזונגענ-קייט און מערקווירדיק-שיינעם קאָפּ. זיינע טונקל-ברענענדיקע אויגן האָבן באַצוווּנגען, היפּנאָטיזירט, און זיינע געדיכטע, סמאָלע-שוואַרצע האָר האָבן דערמאָנט אין אַ באַנאַכטיקן וואַלד. אַן אַנדערשדיקער, אַ נישט-דאָאיקער איז מאַסטבוים געווען נאָר בעתן לייענען זיינע זאַכן. דעמאָלט פלעגט ער אַריינפאַלן אין עקסטאַז און אַ פאַרדבקהטער פלעגט ער זיך איבערטראָגן אין אַן אַנדער וועלט. באַלד נאָכן לייענען פלעגט ער אָבער אַראָפּנידערן אויף דער וועלט, דער פלאַמיקער עקסטאַז פלעגט זיך פון אים מיט-אַמאָל אָפּטון, די צעברענטע אויגן פלעגן זיך, דאַכט זיך, נעמען לעשן און גאַנץ פּראָזאַאיש פלעגט ער פאָדערן פון טאַטן אַ תשובה תיכף ומיד:

— נו, צייטלין, וואָס זאָגט איר?... שיין, האַ?... זאָגט דעם אמת, האָט איר שוין געלייענט אַמאָל אַזאַ שיינע זאַך?... אָט דאָס הייסט גע-שריבן!..

און ווען דער טאַטע פלעגט אים ענטפערן רואיק, אָן התפּעלות, אַז די זאַך געפעלט אים, אָבער מען דאַרף זי נאָך אַ ביסל באַאַרבעטן, דאָ-און-דאָרט פאַרריכטן, פלעגט מאַסטבוים אָנשטעלן אַ פּאָר אָנגעברוגזטע, כמורנע אויגן און אַ באַליידיקטער פלעגט ער אַ געשריי-טון:

— וואָס?... עס געפעלט אייך בלויז?... איר שפּרינגט נישט פון דער הויט?

די זעלבע טענות פלעגט מאַסטבוים האָבן צו פרישמאַנען, נאָכן פאָר-לייענען עפּעס אַ זאַך. פרישמאַן האָט געהאַלטן פון מאַסטבוימען, געשטיצט אים און געהאָלפן אים דרוקן. פרישמאַן האָט אויך געהאַלטן פון מאַסט-בוימס שוועסטער, בת-שבע, וואָס האָט דעמאָלט שוין אַרויסגעוויזן אָרי-גינאַליטעט אין שרייבן. אָבער קיין התפּעלות, ווי מאַסטבוים האָט געוואָלט, האָט פרישמאַן נישט אַרויסגעוויזן. אויך פרישמאַן פלעגט אים, פאַרשטייט זיך, מאַכן פאַרשידענע פריינטלעכע באַמערקונגען נאָכן באַקענען זיך מיט אַ נייער שאַפונג מאַסטבוימס. און אויך אויף פריש-מאַנען פלעגט ער אָנשטעלן אַ פּאָר מאָדנע-בייזע אויגן:

— הייסט עס, אַז פון דער הויט שפּרינגט איר נ י ש ט?

און אַ ברוגזער פּלעגט ער צוריק פאַרשטעקן די באַשריבענע בייגע-לעך פּאַפּיר אין בוזעם-קעשענע.

דאָס האָט אָבער, נאַטירלעך, נישט צעשטערט נישט דעם טאַטנס און נישט פרישמאַנס פריינטלעכע באַציאונג צו מאַסטבוימען. און מאַסט-בוים האָט כסדר געקלעפּט אין זיי. אויף קיין שום שמחה אין מאַסטבוימס שטוב האָט נישט געטאָרט פעלן נישט דער פאָטער און נישט פרישמאַן. אָן זיי האָט מען די שמחה נישט אָנגעהויבן. איך געדענק, ווי מאַסטבוים איז איינמאָל, אַ פאַרסאַפּעטער, אַריינגעפאַלן צו אונדז אין שטוב און גע-נומען מאַכן קולות:

— ווו איז ציטלין? — ווו איז ר' הלל?

פון אַ ווייטערן צימער איז אַריינגעקומען דער טאַטע, נישט אין גאַנצן אָנגעטון.

מאַסטבוים איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. אַ ווײַלע האָט ער אין גאַנצן געשוויגן, נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסברענגען. ענדלעך האָט ער אַרויסגעפּלאַצט מיט שטורמישן געבייזער:

— וו-אַ-ס?... איר זענט נאָך נישט אָנגעטון?... אַ פולע שטוב מיט מענטשן וואַרט דאָך אויף אייך!... פרישמאַן איז שוין אויך דאָ און איר מאַכט זיך נישט וויסן... ווי קיינמאָל גאָרנישט!

דאָס האָט מאַסטבוים גערופן דעם טאַטן צום ברית פון זיין בכור. דער טאַטע האָט, ווייזט אויס, אין גאַנצן פאַרגעסן אין דער שמחה און זיך צוגעלייגט אַ ביסל נאָכן עסן. דאָס האָט מאַסטבוימען אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. ער האָט גענומען אַרומלויפן איבערן צימער, ווי אַ צעמיש-טער. לסוף האָט ער גענומען גיך אַרויפוואַרפן אויפן טאַטן די מלבושים און שלעפּן אים צו דער טיר. ער האָט דעם טאַטן נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, פאַרענטפערן זיך. ער האָט אים פּשוט אַרויסגעשטויסן פון שטוב און אַוועקגעפירט אים צו זיך אַ היים (מאַסטבוים האָט אויך גע-וווינט אויף דער ליטעראַרישער גאַס, אויף שליסקע). דערנאָך האָט דער טאַטע דערציילט, אַז מאַסטבוים איז אויף דער ברית-שמחה געווען מאָדנע ווילד-צעטומלט, נישט געוווסט אַרום וועמען פריער זיך צו פאָרען, אַרום פרישמאַנען, צי אַרום ציטלינען. געלאָפן אַהין-און-צוריק מיטן כיבוד,

געפלאָנטערט זיך, גערעשט, אָבער ביי דעם אַלעמען, ביי דעם גאַנצן קאָ-כעניש און טומל, האָט מאַסטבוים נישט פאַרגעסן יעדע ווײַלע אַ פּרעג-צו-טון — דאָ דעם טאַטן און דאָ פּרישמאַנען — וואָס עס הערט זיך עפּעס מיט זיינע זאַכן, צי זיי זענען אַנטציקט פון זיינע גאָוועלן, צי זיי „שפּרינגען פון הויט"...

:: :: ::

אַ צווייטער, וואָס פלעגט אויסזינגען אין „ליטעראַרישן הויז" זיינע שאַפונגען, איז געווען מנחם. אויך ער פלעגט, נאָכן אָנשרייבן אַ נייע פּאָעמע, פאַרלייענען זי פאַרן טאַטן. און אויך ער פלעגט נישט לייענען סתם-אַזוי, נאָר אויסזינגען דאָס אָנגעשריבענע מיט אַ באַזונדערן ניגון. אָבער מנחמס ניגון ביים לייענען איז געווען גאָר אַן אַנדערער, ווי מאַסטבוימס. אויב מאַסטבוימס ניגון האָט מיט זיין פאַרבענקטקייט און דינער מעלאַנכאָליע דערמאָנט אין טונקל-בלויע פאַרנאַכטן, אין זון-אונ-טערגאַנג, האָט מנחמס לויטער-מעלאָדיש און קלינגענדיק לייענען, מיט דער קוואַלנדיקער יוגנט-רחבות און האָפערדיקייט, דערמאָנט אין העל-צעשטראַלטע פרימאָרגנס. מנחם האָט געשפּריצט מיט לעבן-פרייד, איז געווען פול מיט יוגנטלעכער זיכערקייט און גלויבן אין זיך. דערפאַר איז אויך זיין „זינגען" געווען געהאַלטן אין מאַדזשאָר-טענער, וואָס פלעגן בסדר שטייגן קרעשטשענדאָ, און ענדיקן פלעגט ער, עפ"י רוב, ווי אַ גו-טער זינגער, מיט אַ גאָר לעילא-ולעילאדיקן טאָן...

מנחם האָט געהאַט אַ טבע צו שרייבן תמיד לאַנגע פּאָעמעס און יעדע שורה באַזונדער איז אויך געווען לאַנג ווי די וואָלגע. קיין קורצע לידלעך מיט קורצע שורהלעך האָט ער נישט גורס-געווען. פלעגט ער אָפט, אין מיטן לייענען, נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער בראַוורישקייט, זיך פאַרכלינען, נישט קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם צוליב אָט-די מעטער-לאַנגע שורות...

אַז ער פלעגט אַריינקומען אין שטוב, מנחם, פלעגט אַ ווײַ-טון מיט יונג-שמעקעדיקער בליעכץ. זיין קיילעכיק געזיכט מיט די גרין-שוואַרצ-לעכע, בליציקע אויגן און גלאַנציק-זיידענע, שוואַרצע האָר-לאָקן, וואָס פלעגן אים קאָקעטיש אַראָפּפאַלן איבער די אויערן, מיט די העל-רויטע

ליפּן, וואָס ווי נאָר ער האָט זיי געעפנט, האָבן באַלד א בלישטש-געטון צוויי רייען בלענדיק-ווייסע, פּערלדיק-געטאָקטע ציין — האָט דערמאָנט אין א פּנים פון א יונג, שיין מיידל. דערצו נאָך פלעגט מנחם ליב-האָבן אָפט זיך צו באַשפּריצן מיט פּאַרפום, מיט שמעקעדיקע וואַסערן, וואָס דער וואָרעמער ריח זייערער פלעגט לאַנג, לאַנג פאַרפּילן די ווינקעלעך פון שטוב — איז דאָך שוין גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס ער פלעגט אַלע-מאָל אויפגענומען ווערן ווי אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

צי דער טאַטע האָט געהאַלטן פון זיין שרייבערישן טאַלענט — ווייס איך נישט. אַז ער האָט זיך אָבער באַצויגן צו מנחמען וואָרעם-פריינטלעך, אינטערעסירט זיך מיט אים און געשטיצט, דאָס ווייס איך שוין דערפון אַליין, וואָס מנחם האָט שפּעטער דעם טאַטן „אַפּגעדינט" מיט א... רעה, וואָרום א קיימא-לן האָבן מיר, אַז מען צאָלט קיינעם נישט אָפּ מיט קיין שלעכטס, סיידן יענער האָט דיר פריער גוטס געטון...

ומעשה שהיה כך היה:

אין יענע יאָרן, ווען אַן עפנטלעכער אויפטריט פון א באַוווּסטן שרייבער האָט כמעט אַלע מאָל געקענט רעכענען אויף א שטאַרקן מאַ-טעריעלן דערפאָלג, פלעגן זיך א סך אומבאַמיטלטע און אָרעמע יידישע שרייבער, עפּ"י רוב יונגע, ווענדן אין אַן עת-צרה צום טאַטן, ער זאָל זיי אַרויסהעלפן מיט א פאָרלעזונג. זייער אָפט האָט דער טאַטע, אויף די בקשות פון זיינע קאָלעגן, וואָס האָבן זיך געפונען אין א נויט, געמוזט אַרויספאָרן אויף פאָרלעזונגען אין די גרעסערע פּראָווינץ-שטעט, און עס פלעגט טרעפן, אַז וואָכן גאַנצע איז דער טאַטע, צוליב זיינע טורנייען, נישט געווען אין דער היים. א שטיקל צייט, געדענק איך, איז דער טאַטע אַפילו אַרומגעפאָרן מיט א „טרופּע" א גאַנצער. די „טרופּע" איז באַשטאַ-נען פון א יונגן זינגער, א באַריטאָן, טשאַוווניק האָט ער געהייסן, און פון-נעם אַרטיסט לוקסעמבורג, וועלכער איז איצט אינטענדענט פון די מלוכה-טעאַטערן אין סאָוויעט-רוסלאַנד. טשאַוווניק איז געווען א קליינינקער, א דיקלעכער, מיט גרינע, גיך-לויפנדיקע אייגעלעך. אָפט איז ער געווען אָו-מעטיק, מרה-שחורהדיק, און האָט געקאַרגט א וואָרט. לוקסעמבורג ווידער איז געווען א הויכער, א דאַרער און — א פריילעכער. תמיד איז ער גע-ווען צופרידן, זאָרגלאָז. איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען א פאַרטראַכטן

אָדער באַטריבטן. לוקסעמבורג האָט ליב־געהאַט צו קליידן זיך אַקטיאָריש. ער האָט געטראָגן, אַפּילו ווינטער־צייט, העל־קאָלירטע אַנצוגן, שפּיציק־געלע שיך מיט ווייסע שטרייפן, אַ ברייטן, אויף אַ זייט פאַרוואָרפענעם, הוט און... אַ שוואַרצע פּעלערינע. אַז טשאַוועניק און לוקסעמבורג פלעגן זיך צוזאַמען באַווייזן אין גאַס, פלעגט אַ שפּאָר ביסל פאַרבייגייער אויס־גלאָצן די אויגן אויף דעם משונהדיקן פּאָרל.

דאָס פּראָגראַם פון די עפּנטלעכע אויפטריטן לטובת די נויט־באַ־דערפטיקע קאָלעגן דעם טאַטנס, איז אַלזאָ, געווען אַ פאַרשידנאַרטיקס און איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: דעם ערשטן טייל האָט אויסגעפילט דעם טאַטנס אַ רעפעראַט און דעם צווייטן, דעם קאָנצערט־טייל — טשאַוועניקס געזאַנג און לוקסעמבורגס דעקלאַמאַציעס און פאַרשידענע מאָנאָלאָגן אין גרים.

צווישן די שרייבער, פאַר וועלכע דער פאָטער האָט געמוזט אַרומ־פאָרן מיט פאָרלעזונגען, איז אויך געווען מנחם. איין מאָל האָט זיך מנחם געפונען אין אַ באַזונדערער עת־צרה: ער האָט געמוזט אומבאַדינגט אָפּ־פאָרן מעבר־לים און צו דער נסיעה האָט ער, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט אַ סך געלט. איז ער געקומען צום טאַטן, ער זאָל אים אַרויסהעלפן מיטן „געוויינלעכן" מיטל: לייענען אַ פּאָר פאָרלעזונגען אין עטלעכע שטעט און אַזוי־אַרום צונויפשלאָגן פאַר אים די נויטיקע הוצאות־הדרך. דער טאַטע האָט מסכים געווען און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

איינע פון די שטעט, וועלכע דער טאַטע האָט געדאַרפט באַזוכן, איז געווען פּינסק. אויפן וואָקזאַל פון אָט־דער שטאָט האָט עס דער טאַטע געזאָלט אויפעסן דאָס „באַרימטע" איי, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אינעם יאַצקאָן־צייטלין־סקאַנדאַל. אין דעם דאָזיקן סקאַנדאַל, וואָס האָט בשעתו אויפגערודערט דאָס גאַנצע יידישע לעזער־פּובליקום, האָט זיך, צווישן אַנדערן, געהאַנדלט אויך אין דעם, וואָס דער „היינט" און דער „פריינד" האָבן פאַרגעוואָרפן דעם טאַטן, אַז ער איז נישט גענוג פרום. איינער פון די הויפּט־באַווייזן קעגן טאַטנס פרומקייט איז געווען... דאָס איי, וואָס ער האָט געזאָלט אויפעסן אויפן גויישן וואָקזאַל. היינט קומט אונדז פאָר די גאַנצע מעשה לעכערלעך און בטלניש, אָבער דעמאָלט איז עס געווען אַן ענין, אַ „פּראָבלעם": יאָ געגעסן, צי נישט געגעסן ס'איי...

און אַט איז אַלץ הויפּט-עדות קעגן טאַטן אַרויסגעטרעטן נישט קיין אַנדערער, ווי דער זעלבער מנחם, וואָס טאַקע פאַר זיין טובה-וועגן האָט עס דער פאָטער געהאַט דעם טלטול-הדרך קיין פינסק. מנחם האָט עס פאַר די „ראַדיקאַלן" פון „פריינד" און „היינט" געמאַכט די וועלט-איבער-קערנדיקע אַנטדעקונג וועגן דעם פינסקער איי און די דאָזיקע „אַנטדעקונג" זיינע האָט ער אונטערגעשטיצט מיט אַ ריי „וויסנשאַפטלעכע דאָקומענטן" אין האַנט, צוהעלפנדיק פונאַנדערבלאָזן די „יראת-שמימדיקע" קאַמפּאַניע קעגן טאַטן און אָפּצאָלנדיק אים אַזוי-אַרום, פאַר זיין מי און שטיצע אין אַן עת-צרה...

:: :: ::

אָבער — נאָך דער קליינער דיגרעסיע, אויף וועלכער מיר האָבן זיך דערלויבט ביים דערציילן מכוח מנחמען, מוזן מיר זיך נאָך, אויף אַ ווייַלע, אומקערן צו די יונגע שרייבער, וואָס פלעגן ביי אונדז אין שטוב אויסזינגען זייערע ניי-אָנגעשריבענע זאַכן, איידער די דאָזיקע זאַכן האָבן דערזען די שוואַרצע פאַרב פון דער דרוק-מאַשין.

צו די זינגענדיקע שרייבער האָבן אויך געהערט שלמה גילבערט און אַלכסנדר פאַרבאַ.

צו גילבערטן האָב איך געהאַט אַ באַזונדערע שוואַכקייט מחמת דעם, וואָס איטלעך קומען זיינס האָט פאַר מיר באַדייט עטלעכע שעה פון אמתער פרייד און לוסטיקער קינדערשער שטיפעריי. גילבערט, וואָס איז, אין גרונט גענומען, געווען אַ טיפער מענטש, תמיד פאַרטון אין מיסטיק, קבלה און... ספּיריטיסטישע סעאַנסן, וועלכע ער פלעגט פּראַווען צוזאַמען מיט זיין חבר יצחק גערשטענמאַן און וועגן וועלכע ער האָט נישט אויפגעהערט איינצוטענהן מיטן טאַטן, האָט זיך זייער אָפט ליב-געהאַט צו שפּילן ווי אַ קינד, מאַכן יינגלשע שטיק, קריכן אונטערן טיש, מיאַוקען ווי אַ קאַץ, בילן ווי אַ הונט, רעווען ווי אַן אָקס און — דער עיקר — מעקען ווי אַ ציג. אָט-דאָס מעקען ווי אַ ציג איז געווען גילבערטס „ספּעציאַליטעט". ער איז אין דער דאָזיקער „קונסט" געווען אויסגעבונדן, געקענט אַלע אירע דינסטע „ניואַנסן" אַזוי, אַז ווען איר וואָלט לכתחילה נישט געוווסט, אַז דאָס מאַכט זיך גילבערט „נאַריש", וואָלט איר גע-

שווירן, אַז אין „ליטעראַרישן הויז" האָט זיך געיאָוועט אַן אמתע ציג, וואָס גיט צו וויסן דער וועלט, אויף א י ר שטייגער, אַז זי חלשט פאַר אַ ביסל פריש גראָז...

גילבערט איז אויך געווען אַ מייסטער אין באַווייזן אַ ציג אויף... דער וואַנט. טון פלעגט ער עס אַזוי: ער פלעגט זיך אין אָוונט, ביים שיין פון לאָמפּ, אַוועקשטעלן אַקעגנאיבער דער וואַנט, אַרויפלייגן די פינגער פון איין האַנט אויף דער צווייטער און — מיט דער הילף פון אַ באַזונדערער מאַניפּולאַציע פלעגט כהרף-עין אָפּגעשאָטנט ווערן אויף דער וואַנט אַ קאָפּ פון אַ ציג, וואָס שאָקלט מיטן בערדל. אַז מען האָט געקלאַפּט אין טיר און אויפן פרעג: ווער איז דאָרט? האָט זיך הינטער דער טיר דערהערט אַ מעקען פון אַ ציג, האָט מען געוווסט, אַז דאָס קלאַפּט שלמה גילבערט...

שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע אָפּטע אויסברוכן פון יינגלשער פרייד און שטיפעריי ביי גילבערטן דאַרפן אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ רעאַקציע אויף דער אַטמאָספערע פון גוואַלדיקער גייסטיקער אָנשטרענגונג, אין וועלכער גילבערט האָט געלעבט אַ גאַנצן טאָג, פאַרנעמענדיק זיך מיט שטודירן ספּיריטיסטישע ליטעראַטור און מיט דורכפירן פּראַקטישע ספּיריטיסטישע איבונגען. די לוסטיקע שטיק האָבן קענטיק אָנטשפּאַנט גילבערטס אָנגעצויגענע נערוון.

אַזוי צי אַזוי — דורכן אופן פון פאַרלייענען זיינע ניי-אָנגעשריבענע זאַכן האָט גילבערט, אַזוי ווי פּאַרבאַ, אויך געהערט צו די „זינגענדיקע", צו די, וואָס לייענען נישט סתם אין דער וועלט אַריין, גלייכגילטיק, אָן אַ באַזונדערן ניגון, אָן טעם און אָן ריח. גילבערט און פּאַרבאַ האָבן אָבער געהערט צו אַ גאַנץ באַזונדערן סוג פון „זינגער". מאַסטבוים און מנחם זענען געווען די פאַרשטייער פון די „וועלטלעכע" פאַרלייענער, פון די, וואָס זייערע ניגונים ביים לייענען זענען נישט געווען דווקא-יידיש, וואָס זייערע מעלאָדיעס האָבן געטראָגן אין זיך די ווינטן און ריחות פון פעלד און וואַלד און וואַסער און סאָד און האָבן דערמאָנט אין די חלומות פון פאַרבענקטע דאָרפישע שיקסעס. גילבערט און פּאַרבאַ זענען געווען די „רעליגיעזע", די „חסידישע" פאַרלייענער. ביידע האָבן זיי פון חדר און פון חסידישן בית-מדרש מיטגעבראַכט דעם שמאַרציק-יידישן קרעכץ

און זיפֿץ, דעם טיף-צעצויגענעם, ווייטיקדיקן „אוי", דעם אומהיימלעכן ניגון פֿון פֿאַרנאַכטיקן קדיש אין קלויז.

גילבערט פֿלעגט זיך נישט א ריר-טון אַן גערשטענמאַנען. און אויך ביים פֿאַרלייענען א ניי-אָנגעשריבענע נאָוועלע פֿלעגט גערשטענמאַן מוזן אַסיסטירן. און אַז גילבערט האָט זיך געשאָקלט ביים חסידיש-ווייִמוטיקן „זינגען", האָט זיך גערשטענמאַן מיטגעשאָקלט, אַז גילבערט האָט פֿאַר-צווייגן א פֿאַרדביקהטן ניגון, האָט גערשטענמאַן אונטערגעהאַלטן און אַז גילבערט האָט זיך פֿלוצלינג פֿאַרהוסט, האָט גערשטענמאַן אויך גענומען הוסטן...

ביים פֿאַרלייענען פֿלעגט גילבערט זיין אויסערגעוויינלעך ערנסט און קאָנצענטרירט. און כאָטש כמעט אַלע זיינע זאַכן זענען געווען באַהויכט מיט הומאָר, פֿלעגט ער קיינמאָל ביים לייענען קיין שמייכל נישט טון. זיין שפּיציק, ביינערדיק פּנים פֿלעגט נאָך שפּיציקער און אויסגעצויגענער ווערן, די גרוי-גרינע אויגן פֿלעגן באַקומען אַן אומהיימלעך-פּייכטן גלאַנץ און אַז דו האָסט פֿאַרמאַכט די אויגן און זיך איינגעהערט אין דעם טרויעריקן ניגון גילבערטס, האָט זיך דיר אויסגעוויזן, אַז דאָס איז דער ווייִמוטיקער תהילים-קול פֿון א פֿאַראיינזאַמטן ייד אין אַ הויכער, פֿוסטער שול.

גילבערט האָט נישט געהאַט קיין טבע, ווי אַנדערע, נאָכן לייענען, אויסצוגלאָצן אויפֿן טאַטן און אויף אַלע אַנדערע אַרומיקע די אויגן און פֿרעגן:

— האַ? וואָס זאָגט איר, ר' הלל?

פּאַמעלעך פֿלעגט ער אַריינלייגן אין דער אויבערשטער קעשענע פֿון דער מאַרינאַרקע די מערסטנטייל-צעקנייטשטע און פֿאַרפּעצטע שטיקלעך פּאַפּיר און געלאַסן, ווי קיינמאָל גאַרנישט, פֿלעגט ער נעמען רעדן וועגן אַנדערע, זייטיקע זאַכן. באַלד פֿלעגט ער ווידער ווערן הייטער און לוס-טיק, א שמייכל פֿלעגט זיך באַווייזן אין די ווינקלען פֿון זיינע שאַרף-גע-שניטענע ליפּן, אויפֿן גרינלעך-פֿאַרמאַטערטן געזיכט און אין א ווײַלע אַרום איז ער שוין ווידער געווען מיט אונדז, מיט די יינגלעך, און מיט אונדזערע שפּילערייען.

פֿאַרבאַ איז אין די ערשטע צייטן פֿון זיין אַריינקומען צו אונדז געווען שעמעוודיק, נישט-דרייסט. געקומען איז ער אין „ליטעראַרישן

הויז" גלייך פון בית-מדרש אין פראגע (אַ וואַרשעווער פאָרשטאָט), אינעם חסידישן הילוך, אין דער לאַנגער, פעט-שוואַרצער קאַפּאָטע און אינעם קליינעם חסידישן היטעלע. מיט אַ שטיל-אומעטיקן גמרא-ניגון פלעגט ער לייענען זיינע לידלעך, פון וועלכע דער טאַטע האָט אַמאָל אויסגעקליבן איינס, אַ תשעה-באב-ליד, דאַכט זיך, און עס אָפּגעדרוקט אין „מאָמענט". דאָס איז געווען פאַרבאָס דעביוט. ער איז געווען אין זיבעטן הימל. מיט אַ צעקנעפּלטער קאַפּאָטע, דאָס קליינע היטעלע פאַרוואָרפן אויף אַ שפּיץ אויער, מיט אַ צעשאָקלט, שיטער בערדל, וואָס איז אים געהאנגען אויף דער ברייטלעכער גאָמבע, איז ער, געדענק איך, האַסטיק אַריינגעלאָפן אין עס-צימער און — אָן אַ „גוטמאָרגן" — האָט ער, גאָרנישט ווי זיין גע-וווינהייט, אַ געשריי-געטון אין חלל פון צימער אַריין:

— נו, וואָס זאָגט איר צו מיין „זאַך"? געזען מיין „זאַך"?

דער טאַטע איז גראָד אין צימער נישט געווען, בלויז די מאַמע און איך. די מאַמע האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר לאַכנדיקע אויגן און געענטפערט:

— אַ, דאָס זענט איר, פאַרבאָ?... ניין, נאָך נישט געזען...

פאַרבאָ איז געבליבן געפּלעפט, ווי אַ שטראָם קאַלט וואַסער וואָלט אים אָפּגעקילט. ערשט איצט האָט ער דערזען, אַז דער טאַטע איז נישטאָ אין שטוב. ער האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט פאַר דער מאַמען, וועלכע איז שוין, אגב, געווען געוווינט צו התפעלות-אויסברוכן פון אָנפאַנגער, ווען זיי דערזעען צום ערשטן מאָל געדרוקט זייערס אַ זאַך. אָבער פון דאַן-אָן האָט זיך שוין פאַרבאָ גענומען פילן דרייסטער, היימישער. ער האָט זיך שוין באַטראַכט פאַר אַ „פּאָלנעם" שרייבער. שפּעטער האָט ער שוין אַראָפּ-געוואָרפן די לאַנגע קאַפּאָטע, דאָס היטעלע, און זיך גענומען קליידן קורץ, „דייטש". דער בית-מדרשדיקער קנייטש איז אים אָבער פאַרבליבן לעולם-ועד און ביים לייענען זיינע נייע זאַכן האָט זיך אַלעמאָל אַ פרום-חסידי-שער ניגון געטראָגן איבער די ווינקלען פון שטוב. ער פלעגט זיך צעוויגן איבערן טיש ווי ביי שבתדיקע זמירות און אָפט פלעגט ער איבערחזרן איין וואָרט, איין סטראָפע, צו עטלעכע מאָל. ער האָט זיך אויך איינגע-לעבט מיט מיר און מיט מיין יונג שוועסטערל און אַז קיינער פון די על-טערע פלעגט נישט זיין אין שטוב, פלעגט ער, מיט אַ ניגון פון אַ בלינדן

בעטלער אויף די הויפן, איינזינגען מיט אונדז זיינס אַ ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזעלכע שורות:

„אַ סטעפּ איז מיין לעבנס-וועג, זאַמדיק און טריב,
אַ וויסטע אָן פאַרבן, אָן קלאַנגען,
און פרעמד איז מיר אַלעס, וואָס טייער און ליב,
און פרעמד איז מיר יעדער פאַרלאַנגען...״

אין יענע שעהן, ווען קיינער פון די עלטערע איז אין שטוב נישט געווען, פלעגט פאַרבאַ נעמען פאַנטאַזירן וועגן זיין צוקונפט. ער פלעגט זיך קלאָגן פאַר אונדז אויף ביטערע דאגות-פּרנסה און טיילמאָל פלעגט ער זיך אין זיין „פאַנטאַזיע״ זען אַ... פאַרנייטן אין אַ זאַק מיט באַניעקערן: קיינער זעט אים נישט, קיינעם זעט ער נישט און ער ליגט זיך אַזוי רואיק, אָן דאגות און זאָרג, און קנאַקט באַניעקערן און חלומט וועגן מן פון הימל...

אָבער — קיין מן פון הימל איז אויף שליסקע 60 נישט אַראָפּגעפאַלן און לאַנגע יאָרן נאָך האָבן די ווענט און די אויערן אין „ליטעראַרישן הויז״ געהערט דאָס שטילע, וויטיקדיקע באַקלאָגן זיך פון יידישע שרייבער אויף זייער גורל.

# קאַפּיטל 5

## פּוקד עוון אָבות על בנים...

עס וועט נישט זיין, מיין איך, אומאינטערעסאַנט צו דערציילן אַ מעשה שהיה, וואָס וואַרפט אַ ביסל ליכט אויף די באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אַ יידישן שריפטשטעלער אין די דעמאָלטיקע „גוטע", „רואיקע", פאַרמלחמהדיקע צייטן אין וואַרשע. אמת, דער דרך-ארץ און די צוגעבונדנקייט פונעם יידישן לייענער צו די שרייבער זיינען געווען גרויס — אָן אַן ערך גרעסער, ווי אין די היינטיקע צעשטורעמטע און צעהפקרדיקטע צייטן — אָבער אויך ד אַ ן האָט אַ יידישער שרייבער, בפרט דער, וואָס האָט זיך פאַרנומען אויך מיט פּובליציסטיק, קיין האָניק נישט געלעקט. אַזאַ שרייבער האָט געהאַט אויסצושטיין קאַלטס און וואַרעמס, ווען ער האָט מוטיק פאַרטיידיקט זיינע מיינונגען און איבערצייגונגען, וואָס האָבן זיך נישט „געדעקט" מיט די מיינונגען און איבערצייגונגען פון דעם אָדער יענעם קרייז. נישט בלויז ער, דער שרייבער, האָט אין אַזעלכע פאַלן געליטן, נאָר אויך זיינע קינדער האָבן געמוזט אָפּקומען פאַר די „זינד" פונעם פאָטער. דעם „פּוקד עוון אבות על בנים" האָב איך אָפּט געפילט אויף מיין אייגענער הויט, און איין געשיכטע, וואָס האָט מיך, אין די קינדער-יאָרן, געקאָסט אַ שטיק געזונט, וויל איך דאָ טאַקע פאַרצייכענען לזכרון.

אין יענע יאָרן זענען אויפגעקומען די אַזוי-גערופענע חדרים-מתוקנים, אויסגעבעסערטע, מאָדערנע חדרים, הייסט עס. אנשטאָט אַ

רבין מיט א יאַרמולקע און מיט א קאַנטשיק, האָט אזא חדר-מתוקן געהאַט א לערער, — א גלות, אָדער מיט א פּיין-געשוירן בערדל. אַנ־שטאָט אויף „פּראָסט" יידיש, מאַמע-לשון, האָט מען אין חדר-מתוקן גע־לערנט אַלץ אויף העברעאיש, עברית בעברית. אנשטאט דעם האַרציקן, פאָלקסטימלעכן חומש-ניגון, האָט מען אין חדר-מתוקן געהערט דעם קלאַנג פון מאָדערנע העברעאישע ניגונים.

דער טאַטע האָט נישט שטאַרק גורס-געווען אָט-די חדרים-מתוקנים. ער האָט, אמת, אָנערקענט זייער באַדייטונג פאַר דער היגיענישׂ-פיזישער דערציאונג פון די קינדער, ער האָט מסכים-געווען, אַז מען מוז אויסראַמען דאָס קאַנטשיקעריי אינעם חדר, אַז מען מוז אַהין אַריינלאָזן א ביסל פרייע, פרישע לופט, אַז דער מלמד מוז נישט דווקא זיין שמוציק און אָפּגעלאָזן, נישט-קולטורעל, און-נישט-געבילדעט — אָבער דעם סיסטעם פון עברית-בעברית האָט דער טאַטע באַקעמפּט. ער האָט געבענקט נאָך דער האַרציק-יידישער פאָלקסטימלעכקייט, וואָס איז געלעגן אויסגעגאָסן אויפן אמאָליקן, אַלטן יידישן חדר און ער האָט מורא-געהאַט, אַז דער חדר-מתוקן וועט דערווייטערן דאָס קינד פון זיין פאָלקס-שורש, וועט אים „פּאַראַריסטאָקראַטישן", פאַרפרעמדן און אָפּשטויסן פון דער יידי־שער מאַסע, פונעם בשוטן יידישן מענטש, צו וועלכן דער טאַטע האָט אַלע מאָל אַרויסגעוויזן א טיפע צוגעבונדנקייט און ליבע. זיין קוק אויף אָט-דעם ענין האָט דער טאַטע, פאַרשטייט זיך, באַגרינדעט און פּאַרטיי־דיקט אין דער פּרעסע און דערמיט האָט ער געצויגן אויף זיך דעם גרימ־צאָרן פון די פאַראינטערעסירטע עברית-בעבריתניקעס און אייגנטימער פון די חדרים-מתוקנים. זיי זענען אויף אים געווען אש-להבה דערפאַר וואָס מיט זיין וואָרט האָט מען זיך גערעכנט און דער טאַטע האָט זיי, מיט די אַרטיקלען זיינע, געבראַכט מאַטעריעלן שאָדן. דערצו איז ער דאָך אַליין געווען א באַוווסטער העברעאישער שריפטשטע־לער און ז יי ן מיינונג וועגן די „עברית-בעברית"-שולן איז, אין דעם פאַל, געווען כמעט אנטשיידנדיק פאַרן קיום פון אָט-די שולן. איז דערי־בער דער כעס אויף אים געווען א פאַרשטענדלעכער.

כדי ממשותדיק זיך צו איבערצייגן אין דער ווירקזאַמקייט פון די דערציאונג-מעטאָדן אין די חדרים-מתוקנים, האָט דער טאַטע זיך אַנט־

שלאָסן אָפּצוגעבן מיך טאַקע אין איינעם פון די דאָזיקע חדרים, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פונעם העברעאישן פּעדאַגאָג ש. ז. פּוגאַטשאָוו, דעם שפּעטערדיקן גרינדער פון „כפר-ילדים”, דער „קינדער-רעפּובליק” אין ארץ-ישראל. צווישן די העברעאישע לערער אין וואַרשע איז געוואָרן אַ שמחה. פּוגאַטשאָוו האָט געקוואָלן פון נחת: איצט וועט זיך צייטלין איבערצייגן אין דער גרונטלאָזיקייט פון זיין קעגנערשאַפט צו די דאָזיקע שולן. אויף יעדן פאַל וועט ער דאָך איצט, בעת ער שיקט זיין איינגענעם זון אין אַ חדר-מתוקן, נישט אַרויסטרעטן עפנטלעך ק ע ג ן אַזאַ מין שול. זייער קורץ האָט אָבער געדויערט די שמחה. גיך איז פּוגאַטשאָוו — און מיט אים זיינע חברים — אַנטוישט געוואָרן: דער טאַטע האָט, ווייזט-אויס, נישט געהאַט קיין באַזונדער נחת פון דעם לערן-סיסטעם ביי פּוגאַטשאָוון (פריער האָב איך געלערנט העברעאיש, אויף מאַמע-לשון, אין דער היים, ביים אַלטן שריפטשטעלער און פּעדאַגאָג ישראל שאַף, מחבר פון אַ ריי דראַמאַטישע ווערק פאַר דער יוגנט, אין יידיש און העברעאיש), וואָרום ער האָט ווייטער גענומען פאַרעפנטלעכן זיינע אַרטיקלען קעגן דער עברית-בעברית - מעטאָדע, און כאָטש איך אַליין האָב געלערנט אין אַ חדר-מתוקן, האָט דאָס דעם טאַטן נישט אָפּגעהאַלטן פון אַרויסזאָגן זיין מיינונג און פון ווייטער פאַרטיידיקן זיין שטאַנדפּונקט.

פּוגאַטשאָוו האָט, פון גרויס כעס, באַשלאָסן זיך נוקם-צו-זיין אין... מיר. אין איינעם אַ בלאָטיקן ווינטער-טאָג, נאָך די לעקציעס, האָט מיר פּוגאַטשאָוו געהייסן פאַרבלייבן אין קלאַס. די תלמידים זענען זיך בּיסלעכוויז פונאַנדערגעגאַנגען אַ היים און איך בין געבליבן אַליין. איך האָב נישט געוווּסט וואָס דאָס זאָל באַדייטן: פאַרוואָס האָט מען מיך איבערגעלאָזט אַליין אין קלאַס, אָן מיטאָג? צי האָב איך מיך מיט עפּעס פאַרזינדיגט? ניין, גראָד אין דעם טאָג האָב איך מיך אויפגעפירט זייער אַרטיק, אין גאַנצן נישט געשטיפט, טאָ פאַרוואָס-זשע קומט מיר אַ שטראָף?

אין דרויסן האָט שוין גענומען טונקלען. טרערן האָבן מיך גענומען שטיקן אין האַלדז. וואָס וועלן זיך קלערן די עלטערן? פאַרוואָס באַפרייט מען מיך נישט?

ענדלעך איז אַריינגעקומען פּוגאַטשאָוו. ער האָט געשמייכלט בייז. זיינע צוויי גרויסע, אַרויסשטאַרטשענדיקע פאָדערשטע ציין זענען געוואָרן

נאָך לענגער, שפּיציקער און געלער. דאָס פּיר - קאַנטיקע, שיטער-בלאָנדע בערדל זיינס האָט זיך געשאָקלט און זיינע גרוי-וואַסערדיקע אויגן זענען, דאַכט זיך, געוואָרן קרומער, ווי געוויינלעך. ער איז געשטאַנען אין טיר און נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער מיך אַ רוף-געטון מיטן פינגער. ס'האַרץ האָט מיר געקלאַפּט. כ'האָב פאַרגעפילט עפּעס בייזס. גענומען ס'רענצל אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט גיין נאָכן לערער. דורכן לאַנגן, טונקעלן קאָרידאָר האָט ער מיך געפירט אין קאַנצעלאַריע-אַריין. כ'בין געווען זיכער, אַז דאָ, אין קאַנצעלאַריע, וועט קיינער, חוץ מיר און פּו-גאַטשאָוון, נישט זיין. ערשט די קאַנצעלאַריע איז געווען פול. אַלע לערער און לערערינס זענען געווען פאַרזאַמלט. ס'איז געווען טומלדיק און פרייי-לעך. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָבן זיך באַלד אַלע בליקן געווענדט צו מיר. ס'איז געוואָרן מיט אַמאָל שטיל. פון אַ ווינקל האָט זיך בלויז גע-הערט אַ נאַריש כיכיקען פון אַ לערערין, אין ברילן, מיט אַ לאַנג-פאַר-קרימטער נאָז.

איך בין געווען צעטומלט, געוואָרפן דערשראָקענע בליקן, דאָ אויף פּוגאַטשאָוון, וועלכער איז שוין איצט געשטאַנען הינטער זיין שרייב-טיש, און דאָ אויף די איבעריקע לערער, וואָס האָבן מיך נייגעריק אַרומגעקוקט, ווי איך וואָלט געווען אויסגעריסט מיט סאַדזעס...

איצט האָט זיך אָנגעהויבן די „עקזעקוציע":

פּוגאַטשאָוו האָט פון בוזעם-קעשענע אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר און פאַרגעלייענט בקול-רם דעם „אורטייל". דאָס איז געווען אַ בריוו, גע-שריבן, נאַטירלעך, אין העברעאיש, אַדרעסירט צום טאַטן. אין דעם דאָ-זיקן בריוו, וואָס ביים לייענען אים האָט פּוגאַטשאָוו פּאַמעלעך און צו-פרידן געזיפּט יעדעס וואָרט און זיך פאַסמאַקעוועט נאָך יעדן זאַץ, האָבן די „עברית-בעבריתניקעס" אויסגעגאָסן כל-חמתם אויפן טאַטנס קאָפּ, גע-זידלט אים פאַר זיינע אַרויסטריטן קעגן די חדרים-מתוקנים און אים מוסר-מודעה-געווען, אַז... זיי שיקן מיך, בכבוד גדול, צוריק אַ היים און זיי דאַרפן מער נישט האָבן אין זייערער אַ שול אַ זון פון אַ שונא...

ביים לייענען דעם בריוו בין איך געשטאַנען אַ פאַרשעמטער, אַ באַשפּיגענער, און געציטערט. איך האָב מיך געפילט ווי אַ פאַרמשפּטער, ווען מען לייענט אים פאַר דעם פּסק דין. איך בין מיך מודה, אַז קיין גרויס

ענמת-נפש פונעם עצם-פאקט, וואס איך וועל מער נישט גיין אין פּוגאטשאָוום שול, האָב איך נישט געהאַט. ס'האָט מיך אָבער ביז צום וויינען פאַרדראָסן די עפנטלעכע „עקזעקוציע", דער בזיון, וואָס איז מיר אָנגעטון געוואָרן בפני עם-ועדה, פאַר די אויגן פון אַלע מיינע לערער. ס'איז מיר אויך געווען א חרפּה פאר מיינע חברים, וועלכע וועלן זיך מאָרגן מסתמא דערוויסן וועגן דעם, ווי אַזוי מען האָט מיך „אַרויסגע-וואָרפן" פאַרן טאַטנס „חטאים".

אז פּוגאַטשאָוו האָט געענדיקט לייענען, האָט ער מיט הנאה א גלעט-געטון דאָס בערדל און געוואָרפן א טריאומפירנדיקן בליק אויף די לערערס, וועלכע האָבן הכנעהדיק פאַטאַקעוועט דעם באַלעבאָס. דאַן האָט ער דאָס בייגעלע פּאַפּיר איינגעקנייטשט, אריינגעלייגט אין א קאָנווערט און עס מיר דערלאַנגט מיט א זעשסט פון א זינגער:

— נאָ! דאָס וועסטו אוועקגעבן דעם טאַטן דיינעם. און איצט — ניי!

עס איז שוין געווען גוט פינצטער, ווען איך בין, א צעהיצטער פון אויפרעגונג, פון דער שטאַרקער איבערלעבונג, אריינגעפאַלן אין שטוב, ארויספּלאַצנדיק מיט א ביטער געוויין. איך האָב א וואָרף-געטון דעם בריוו אויפן טיש און מיט כעס אָפּגערוקט דאָס דערלאַנגטע צוגעוואַרעמטע מי-טאָג-עסן, ווי עמעצער פון די בני-בית וואָלט געווען שולדיק אין מיין ענמת-נפש.

דער טאַטע איז געווען אין דער היים. ער איז ארומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער איבער דער עם-שטוב, שפּרייזנדיק נערוועז אהין-און-צוריק. ער איז געווען אומרואיק צוליב מיין נישט אהיימקומען צו דער צייט. די דינסט איז שוין געווען גרייט, אָנגעטון, צו גיין מיך זוכן. דער טאַטע האָט געעפנט דעם בריוו, אויף גיך אים דורכגעוואָרפן מיט די אויגן און— קענגן מיין דערוואַרטונג: גערעכנט אויף אַן אויסברוך פון כעס מצד דעם טאַטן — אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער. נישט-ווילנדיק האָב איך, ווישנ-דיק די טרערן, זיך אויך צעשמייכלט.

— נו, מילא, וועסטו דערווייל וווייטער לערנען ביי שאפּן... קיין גרעסער אומגליק זאָל דיך קיינמאָל נישט טרעפן... האָסטו נעהערט א מעשה... וויינען גאָר?

אויף צו מאָרגנס איז ווידער ארויפגעקומען דער גוטער, האַלב-דרימל-

דיקער ישראל שאַף, מיט די גראָבע, גרוילעך-אראָפּגעלאָזטע וואָנסעס און אָפּגעטראָגענעם גראַנאַט-אַנצוג, וואָס האָט געגלאַנצט פון עלטקייט.

שאַפן האָב איך ליב געהאַט נישט אַזוי צוליב זיין לערנען, ווי צוליב זיין... נ י ש ט - ל ע ר נ ע ן. ביים לערנען פלעגט ער אָפט אַראָפּלאָזן דעם גרוילעכן קאָפּ און איינשלאָפן איבערן טיש. איך פלעג מיך דאַן שטילער-הייט אָפּערהויבן און אויף די שפּיץ-פינגער אריינשאַרן אין אַן אַנדער צי-מער אריין, וווהין עס פלעגט זיך דערטראָגן אַ הויך שנאָרכן. אָבער אין די פרייע שעהן, ביים נישט-לערנען, פלעגט שאַף אויפלעבן. זיינע גרויע, מידע אויגן פלעגן זיך צעשטראַלן און ער פלעגט מיט אַ שטילער, וואַרע-מער שטים נעמען דערציילן פאַרשידענע מעשיות פון זיין קינדהייט, פון זיין קליין ליטווישׁ שטעטל און פון זיינע קונדסערייען. אָפטמאָל פלעגט ער ביים דערציילן קאָמישע געשיכטעס, קרייען ווי אַ האָן אָדער אָנבלאָזן זיך ווי אַן אינדיק. דעמאָלט פלעג איך שאַפן ציען ביי די וואָנסעס אַזוי לאַנג, ביז עס האָט אים גענומען וויי-טון און — מיט אַ לייכט פּעטשל איבער דער האַנט פלעגט צוריק איינגעשטעלט ווערן די דיסטאַנץ צווישן לערער און תּלמיד...

אַ קורצע צייט נאָך האָב איך געלערנט ביי שאַפן. מער קיין „עקס-פערימענטן" האָט שוין דער טאַטע נישט געמאַכט איבער מיין לערנען: געטריי זיינע איבערצייגונגען, האָט ער מיך אָפּגעגעבן אין אַ פּשוט חדר, וו מען האָט געלערנט, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן, חומש מיט רש"י און גמרא, מיטן אמתן יידישן ניגון און אויפן אמתן פאָלקסטימלעכן יידיש. אמת, דאָס חדר האָט נישט געהערט צו קיין איינפאַכן עם-האַרצישן מלמד. אהרן פּנחס גראָס, דער איינגנטימער פונעם חדר, איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ באַלעזענער, אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן און אַ שטיקל שרייבער דערצו. ער איז געווען איינער פון די ערשטע טעריטאָ-ריאַליסטן אין וואַרשע און האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער טעריטאָ-ריאַליסטישער קאָנפערענץ אין ווין — איז ער דערפאַר דעם טאַטן, וועל-כער איז דאַן געשטאַנען נאָענט צו דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג, נאָך שטאַרקער געפעלן. גראָס איז, אַלזאָ, נישט געווען קיין פּשוטער מלמד — אַ חדר האָט ער אָבער געפירט מיט אַלע פּיטשעווקעס, לויט דער רעליגיעזער טראַדיציע, מיט דאַווענען און מיט מעביר-זיין די סדרה. ער

איז אַפילו „געגאַנגען" אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און יידיש היטעלע, כאָטש דער דאָזיקער לבוש האָט זיך נישט אַזוי שטאַרק געפּאַסט צו... די לאַנגע האָר און צום ברייטן, „ליטעראַרישן" קראַוואַט, וואָס ער האָט געטראָגן.

גראָס איז געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס הלל צייטלין האָט זיין זון אָנפאַרטרויט  א י ם,  און זייער אָפט פלעגט ער, ווען עס פלעגן אים באַזוכן זיינע באַקאַנטע בעת די לימודים, דערציילן די געשיכטע מיט פּו-גאַטשאָוון, אָנווייזנדיק דערביי אויף מיר:

— איר זעט? דאָס איז ער!...

דער „קרבן" פונעם צעפלאַקערטן העברעאיש-יידיש-קאַמף פלעגט, אַ פאַררויטלטער, אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ.

:: :: ::

איין מאָל בין איך שיער נישט געפאַלן, צוזאַמען מיטן פאָטער, טאַ-קע אַ קרבן ממש. געשען איז דאָס, אמת, נישט צוליבן טאַטנס שולד — אַ  פּ אָ ל י ט י ש  מיספאַרשטייעניש געווען — און געענדיקט האָט זיך די געשיכטע בכי-טוב, אָבער אַ פּאָר שעה טויט-שרעק האָב איך איבערגע-לעבט און לאַנג נאָך דעם געשעעניש האָב איך נישט געקענט קומען צו-זיך.

דער טאַטע האָט מיך מיטגענומען אויף זיינער אַ פאַרלעזונג, וואָס ער האָט געדאַרפט האַלטן אין „הזמיר". געווען איז עס אין אַ ווינטערדיקן שבת-צו-נאַכטס. צוליב דער שפּעטער שעה האָבן מיר גענומען אַ דראָשקע און זיך געלאָזט צום לאָקאַל פון „הזמיר" אויף לעשנע. צוליבן נעדיכטן שניי איז די בויד איבער אונדזער דראָשקע געווען אַרויפגעשטעלט און ווען מיר זענען אָנגעקומען פאַרן טויער פונעם הויז, ווו עס האָט זיך געפונען דער „הזמיר", האָבן מיר נישט באַמערקט, אַז פאַרן טויער איז פאַרזאַמלט אַ גרעסערע גרופּע מענטשן. ווען די דראָשקע איז געבליבן שטיין און מיר האָבן שוין געוואָלט אויסשטייגן, האָט זיך אין דער בויד דערהערט אַ שטאַרקער, טעמפּער זעץ, באַלד דערנאָך — נאָך אַ זעץ. מיר זענען, צע-טומלטע, געבליבן זיצן אין דער דראָשקע, קלערנדיק, אַז אויף דער גאַס איז אַ שיסעריי. אין אַ ווײַלע אַרום איז צו אונדזערע פיס, אין דער דראָש-קע, געפאַלן אַ גרויסער, שפּיציקער שטיין. אַ האָר האָט געפעלט, אַז דער שטיין זאָל טרעפן מיך אָדער דעם טאַטן. איך האָב אין גאַנצן געציטערט,

געבעטן דעם טאַטן, ער זאָל הייסן דעם דראָשקאַזש זיך אומקערן. דער טאַטע האָט זיך אָבער גראָד געהאַלטן רואיק, נישט פאַרלוירן זיך און באַ־שלאָסן אויסצושטייגן. ווען מיר זענען אויסגעשטיגן, זענען מיר גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ מאַן צוואַנציק. אַלע, דאַכט זיך, האָבן זיי געטראָגן לייכטע, אויסגעריבענע פּאַלטענדלעך און לאַנגע, ווייך־שוואַרצע קאַפּעלושן, טיף אַראָפּגערוקט איבער די אויגן. פון הינטער די צעבראָס־טעטע, אויפגעקנעפּלטע פּאַלטענדלעך האָבן אַרויסגעקוקט שוואַרצע העמד־לעך, פאַרקנעפּלט איבערן האַלדז. מען האָט אונדז פאַרשטעלט דעם וועג, נישט געלאָזט אַריינגיין אין טויער. בייזע, גיפטיקע בליקן זענען געפאַלן אויפן טאַטן פון הינטער די קאַפּעלושן אַפּער.

— וואָס ווילט איר? — האָט דער טאַטע אַ פרעג געטון.

— באַפרייט די אַרעסטירטע אַרבעטער!... אַ שאַנדע!... אַ שאַנדע!...

עס האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. דער טאַטע האָט געהויבן די אַקסלען, נישט פאַרשטאַנען, אַפּנים, וואָס דאָ טוט זיך, וואָס מען וויל פון אים. פויסטן האָבן זיך גענומען הויבן אין דער לופט. נאָך אַ רגע און ס'וואָלט זיכער עפּעס געשען. אָבער אויבן, אין „הזמיר״, האָט מען שוין, מסתמא, דערהערט דעם גערודער אויף דער גאַס, וואָרום מיט אַמאָל האָט זיך אַ גרופּע „הזמיר״־יונגעלייט אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ און דערזעענ־דיק אונדז אין דער קלעם, האָבן זיי גלייך גענומען „מאַכן אָרדענונג״, אָפּ־געשטויסן די שוואַרץ־העמדלדיקע און געמאַכט פריי דעם וועג פאַרן טאַטן. קיין צייט צו באַטראַכטן דאָס געשעענע איז נישט געווען, ווייל דער „הזמיר״ זאַל איז שוין פון לאַנג געווען פול געפּאַקט און דער עולם האָט אומגעדול־דיק געוואַרט אויפן אָנהייב פון דער פאָרלעזונג. נישט באַוויזן אָפּצואָטעמ־מען, האָט דער טאַטע גלייך געמוזט אַריינגיין אין זאַל אַריין, וואָרום פון אינעווייניק האָט זיך שוין געהערט אַ טופּען מיט די פיס — אַ סימן, אַז געדולד איז אַ דעליקאַטער ענין און מען טאָר מיט אים נישט צופיל מיס־ברויכן...

זייער האַרציק האָט דער עולם אויפגענומען דעם טאַטן, ווען ער איז, אין באַגלייטונג פון די „הזמיר״־אָנפירערס, אַרויף אויף דער טרי־בונע. די אַפּלאָדיסמענטן זענען געווען אַזעלכע שטאַרקע און האָבן גע־דויערט אַזוי לאַנג, אַז פון געריירטקייט בין איך געוואָרן נאָך בלאַסער, ווי

פריער, בעתן טומל פאַרן טויער. דערנאָך, אַז עס איז געוואָרן שטיל, האָב איך מיך כסדר געוואונדערט אויפן טאַטן, וואָס עס אַרט אים גאָרנישט די נאַר-וואָס דורכגעלעבטע סצענע אויף דער גאַס און ער רעדט פאַרן גרויסן עולם וועגן זאַכן, וואָס האָבן מיט יענער סצענע גאָרנישט צו טון...

באַלד איז אָבער געשען אַזוינס, וואָס האָט דעם טאַטן געצוווּנגען זיך צו דערמאָנען אין דעם אומרו פונעם היינטיקן אָוונט. אין מיטן דער פאָרלעזונג, ווען אין זאַל איז דאָס פובליקום געזעסן שטיל-געשפאַנט און געגנאַפּט אויפן פרעלעגענט, וואָס האָט ערשט נאַר-וואָס, דאַכט זיך, געגנו-מען פונאַנדערוויקלען, ווי עס דאַרף-צו-זיין, די טעמע פון זיין רעפעראַט, האָט זיך פלוצלינג, פון אַ ווינקל נעבן פענצטער, דערהערט אַ קורצער שפיציקער פייף, וואָס האָט דורכגעשניטן די געדיכטע לופט פונעם זאַל און האָט דערלאַנגט ביז אַרויף, צו דער טריבונע. צווישן עולם איז גע-וואָרן אַ באַוועגונג, ברוגזדיקע, אויפגערעגטע פּנימער האָבן זיך געגנומען ווענדן אַהין, צום ווינקל-צו, פון וואַנען עס איז געקומען דער פייף. דאָרט, אינעם ווינקל, איז דער גערודער שוין געוואָרן גאָר שטאַרק. עולם האָט זיך דאָרט, ווייזט אויס, געאַמפּערט מיטן פייפער. דער טאַטע, וועלכער האָט זיך שוין, אַ פּנים, אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דער פייף האָט אַ שייכות מיטן פריערדיקן טומל פאַרן טויער, האָט אָבער געהאַלטן, אַז ס'גלייכסטע וועט זיין, ווען ער וועט זיך נישט אָפּשטעלן און רעדן ווייטער. געזען, אַז דער טאַטע מאַכט זיך ווייניק דערויס און לייענט ווייטער די פאָרלעזונג, האָבן זיך די צוהערער ווידער גענומען מיט התמדה איינהאָרכן אין די רייד פו-נעם רעפערענט. דער גערודער האָט זיך טאַקע כהרף-עין איינגעשטילט. דעם פייפער, דאָרט אין ווינקל, האָט מען אויך געלאָזט צו רו. נישט לאַנג האָט אָבער די שטילקייט אָנגעהאַלטן. ווען דער טאַטע האָט אָפּגערעדט אַ וואָסערע 10-15 מינוט, האָט זיך ווידער, פון יענעם ווינקל אַרויס, דער-הערט אַ פייף. דאָס מאָל איז דער פייף געווען אַ לאַנגער, אַ שניידיקער און פאַרביסענער. ס'איז געווען קענטיק, אַז דער פייפער איז שוין איצט גרייט אויף אַלץ, אַז ער וועט אַזוי גיך פון זייניקן נישט אָפּלאָזן, אַז ער וויל עפּעס און מאַנט עפּעס. און טאַקע באַלד, נאָך איידער מען האָט זיך באַ-וויזן אומקוקן, האָט זיך דערהערט אַ צווייטער בייזער פייף. דער טאַטע האָט שוין איצט זיך אָפּגעשטעלט, איבערגעריסן ס'רעדן. אין זאַל איז

געוואָרן דער אמתער טומל. מען האָט זיך געוואָרפן צו „יענעם" ווינקל. עס האָבן זיך דערהערט געשרייען. עס האָבן זיך אויך מיטאמאָל געוויזן אויפגעהויבענע שטעקנס. איך האָב מיך דערנענטערט צו דער טריבונע, וועלנדיק זיך אָנהאַלטן אינעם טאָטן. אָט-אָט און איך פּלאַץ-אַרוים מיט אַ געוויין. דערווייל האָט דער פּאָרזיצער, וואָס האָט געפירט דעם אָוונט — באָראָווסקי, דאַכט זיך, האָט ער געהייסן — גענומען אַלעמען איבער-שרייען אויף זיין דייטשמערישן לשון:

— אבער ווער האָט געפּיפּן?

— איך! — האָט זיך פון יענעם ווינקל אַ ריס-געטון עפּעס אַ בלאָנ-דער יונגערמאַן מיט צעשויבערטע האָר און אַ צעריסן העמד, פון אונטער וועלכן עס האָט אַפּערגעקוקט אַ שטיק נאַקעט, פּאַרשוויצט-באַוואָקסן לייב. דער יונגערמאַן האָט זיך דווקא געוואָלט צוכאַפּן צו דער טריבונע. זיינע אויגן זענען געווען ווילד-צעבערענט. שוויים איז פון אים גערונען טייכנ-ווייז. דער עולם האָט אים אָבער צו דער טריבונע נישט צוגעלאָזט. עט-לעכע מענטשן האָבן אים פעסט צוגעהאַלטן די הענט, דער יונגערמאַן האָט זיך געריסן, געוואָרפן מיטן קאָפּ, אָבער קיין טריט צו דער טריבונע האָט ער נישט געקענט מאַכן.

— לאָזט מיך! איך וויל עפּעס זאָגן! — האָט דער יונגערמאַן גע-שריען מיט די לעצטע בוחות.

דער טאַטע האָט געגעבן אַ צייכן, מען זאָל דעם יונגנמאַן לאָזן רעדן. חברה, וואָס האָט אים צוגעהאַלטן, איז איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה: צו דער טריבונע האָט מען טאַקע דעם יונגנמאַן נישט צוגעלאָזט, מען האָט אים אָבער דערלויבט זיך אַרויפצושטעלן אויף אַ שטול, דערביי האָט מען די שטול אַרומגערינגלט אַזוי, אַז ער זאָל פון איר נישט קענען מאַכן קיין „קפיצת-הדרך" צו דער טריבונע.

ענדלעך האָט דער צעיאַכמעטער פּייפער גענומען וואַרפן אָפּגעריסענע ווערטער אין צעהיצטן זאַל אַריין:

— אַרבעטער!... אַרעסטירט אַרבעטער!... פּאָליציי... צייטלין איז נישט שולדיק... אָבער זאָל מען באַפרייען די אַרבעטער!... דעמאָנסטראַ-ציע... מיר פייפן צוליב דעמאָנסטראַציע... נידער מיט דער בורזשואַזיע...

אָפּגעזאָגט, האָט זיך דער יונגערמאַן האַסטיק-שנעל גענומען ווישן

דעם שוויים פון פנים, ווי ער וואָלט זיך ערגעץ-ווו געאיילט. דאַן האָט ער זיך גיך אַראָפּגעלאָזט פון שטול און, נישט רעדנדיק מער קיין וואָרט, האָט ער זיך גענומען דורכשפּאַרן אַ וועג צום אַרויסגאַנג. מען האָט אים גע-לאָזט גיין. דער עולם האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, נישט געוווּסט וואָס דאָ טוט זיך. אויך מיר איז די גאַנצע מעשה געווען קשה. אַ ביסל באַרואיקט בין איך שוין געווען, כ'האָב אָבער בשום אופן נישט געקענט תופס-זיין הלמאי האָט מען געפּייפט, אויב „צייטלין איז נישט שולדיק". נאָכמער האָב איך נישט געקענט באַגרייפן הלמאי האָט מען דאָרט אונטן געוואָרפן אין אונדז שטיינער, ווי באַלד דער טאַטע ווייס נישט פון קיין פּותר און פון קיין חלום. מילא, אַ פייף קען קיינעם נישט שאַדן, אָבער אַ שטיין!...

נאָך דעם „אינטערמעצצאָ" איז די פאָרלעזונג ווייטער פאָרגעקומען אומגעשטערט. נאָך דער פאָרלעזונג האָט דער עולם נישט געוואָלט דעם טאַטן אָפּלאָזן. מען האָט אים אַרומגערינגלט, נישט לאָזנדיק אים אַריינגיין זיך אויסרוען אין דער קאַנצעלאַריע, וואָס האָט געדינט אויך פאַר אַ פּרע-לעגענטן-צימער. ווי געוויינלעך נאָך אַ פאָרלעזונג האָט מען אויך איצט פאַרוואָרפן דעם רעדנער מיט כלערליי פראַגן, וואָס האָבן יאָ געהאַט און נישט געהאַט קיין שייכות צו דער טעמע. דאָס מאָל האָט מען דעם טאַטן געשטעלט קלאָץ-קשיות אויך וועגן דעם נאַר וואָס פאָרגעקומענעם אינצי-דענט: וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרעסט פון די אַרבעטער? וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה מיט פּאָליציי? ווער איז דער יונגערמאַן, וואָס האָט גע-פּייפט?

דער טאַטע האָט געענטפערט, אַז ער ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן, אַז ער וועט די זאַך, פאַרשטייט זיך, אויספאָרשן און אויפקלערן.

כדי אויסצומיידן ווייטערדיקע אומאַנגענעמלעכקייטן, האָבן די איינ-אָרדענער פון דער פאָרלעזונג נישט געלאָזט דעם טאַטן אַהיימגיין, עצהנדיק אים צו פאַרבלייבן אַ ביסל אין קאַנצעלאַריע: טאָמער, אַ קשיא אויף אַ מעשה, וועט אונטן, פאַרן טויער, ווידער עפּעס געשען. ס'האַרץ האָט אין מיר דערווייל געטיאָכקעט און כ'האָב שוין געגאַרט נאָך דער מינוט, ווען מיר וועלן שוין זיין צוריק אין שטוב נאָך דער דאָזיקער געפערלעכער „עקספּעדיציע". דערווייל איז אין קאַנצעלאַריע אַריינגעקומען בעל-מחש-

בות, ווען־עלכער האָט זיך גלייך גענומען אַמפּערן מיטן טאַטן אַרום דער טעמע פון זיין נאַר־וואָס אָפּגעהאַלטענעם רעפעראַט. ס'האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז בעל־מחשבות איז די גאַנצע צייט געזעסן אין זאַל, צווישן פּוב־ליקום, און זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם צו דער פאַרלעזונג. אַ קלײנער, אַ קרענקלעך־אויסגעבליכטער און דאַרער, האָט בעל־מחשבות געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס קען, ווי מען זאָגט, קיין צוויי נישט ציילן. האָט ער אָבער גענומען רעדן, האָט ער געשפּריצט מיט פייער. ער האָט גערעדט ליידנשאַפטלעך, היציק, מיט ברען און ענטוזיאַזם, אָפטמאָל אי־בערגעשלאָגן די רייד מיט אַ האַסטיק, בייסיק־סאַרקאַסטיש וואָרט, אַרויפּ־ציענדיק אויף דעם געלבלעכן געזיכט אַ פאַרקרימטן, כעסדיקן שמייכל. איך מוז מיך מודה־זיין, אַז איך האָב דעמאָלט ווייניק־וואָס פאַרשטאַנען די חילוקי־דעות צווישן טאַטן און בעל־מחשבותן, פאַר דאָס האָט מיך, ביי מיין גאַנצער אומרואיקייט און אויפגערעגטקייט, שטאַרק אינטערעסירט די פראַגע הלמאי נעמט נישט בעל־מחשבות אַראָפּ, בעת ער רעדט, דעם האַרטן „מעלאָניק" זיינעם, פאַרוואָס האַלטן זיך נישט די פּענסנע אויף זיין נאָז און ער מוז זיי יעדער ווײַלע אונטערהאַלטן מיט דער האַנט, זיי זאָלן זיך נישט אַראָפּגליטשן און — דער עיקר — הלמאי טראָגט ער אַ בלוט־רויטן קראַוואַט, אין מיטן דערינען, אויף אַ פאַרלעזונג פון הלל צייטלין אין „הזמיר"...

געקומען אַ היים זענען מיר שוין אין מיטן דער נאַכט. דער טאַטע האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט מיך מיטגענומען. לאַנג האָב איך נישט געקענט איינשלאָפן. עס האָבן זיך מיר כסדר געפּלאָנטערט אין קאָפּ אָפּגע־ריסענע שטיקער בילדער פון די דורכגעלעבטע פיינלעכע שעהן. אויף צו מאָרגנס אין דער פרי איז דער טאַטע אַוועק אין רעדאַקציע — ער האָט שוין דאַן געאַרבעט אין אַקאָרשט־געגרינדעטן „מאָמענט" — און דאָ איז ער געוואויר־געוואָרן די סיבה פון דעם נעכטיקן סקאַנדאַל.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין די יידישע אַרבעטער־קרייזן איז מען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויפן דעמאָלטיקן אַרויסגעבער פון „מאָמענט", בערדאָווסקי, וועלכער זאָל האָבן, בעת אַ סיכסוך מיט די זע־צער צי מיט אַנדערע דרוקער־אַרבעטער פון זיין פאַרלאַג, אַרויסגערופן צו זיי פּאָליציי. דער טאַטע האָט פון דער גאַנצער מעשה קיין אַנונג נישט

געהאט — אָבער אַזוי ווי ער האָט געאַרבעט אין דעם זעלבן פאַרלאַג, האָבן זיי געפונען פאַר נויטיק אויך א י ם פאַראַנטוואָרטלעך צו מאַכן פאַר דעם געשעענעם און דעמאָנסטרירנדיק קעגן אים — אויסדריקן, אַזוי-אַרום, זייער פּראָטעסט קעגן... בערדאָווסקין.

נאָך דער דאָזיקער געשיכטע פלעג איך — איטלעך מאָל, ווען דער טאַטע האָט מיך געוואָלט מיטנעמען אויף זיינער אַ פאַרלעזונג אָדער אויף אַ ליטעראַריש-אַרטיסטישן אָוונט מיט זיין באַטייליקונג — קודם-כל פרעגן, צי איז נישט, חלילה, ווידעראַמאָל צעשטערט געוואָרן דער שלום-בית מיט די דרוקערס...

# קאַפּיטל 6

## פּורים־סעודות

עס איז נאָך אין יענע פאַרמלחמהדיקע יאָרן נישט געווען אַזאַ שאַרפע מחיצה צווישן יידישע און העברעאישע שרייבער, הגם אויך דאַן האָט שוין דער יידיש־העברעאיש־קאַמף געפלאַקערט. די יידישע און העברעאישע שרייבער האָבן זיך געפילט ווי מיטגלידער פון איין משפחה, געקריגט זיך — אָבער געאַרבעט צוזאַמען. קיין פאַרביסענע שנאה יעדנפאַלס, ווי היינט, האָט זיך נישט געלאָזט באַמערקן. מעגלעך, אַז מען קען דאָס פאַרטייטשן דערמיט, וואָס דעמאָלט איז נאָך בכלל די סאָציאַלע דיפערענצירונג צווישן יידישע שרייבער נישט געווען קיין בולטע, קיין שאַרפע, דאָס ענדערט אָבער נישט דעם פאַקט פון דעם חברישן צוזאַמענלעבן צווישן די יידישע שרייבער און די העברעאישע סופרים.

אויך אין „ליטעראַרישן הויז" איז קיין יידיש - העברעאיש - מחיצה נישט געווען. צו לחוברן, וועלכער איז געווען אויסשליסלעך אַ העברעאישער שרייבער, פלעגן אָפט אַריינקומען יידישע שריפטשטעלער און צום טאַמן, וועלכן די יידישיסטן האָבן פאַררעכנט פאַר אַ זייעריקן, פלעגן אַרויפקומען כמעט אַלע העברעאישע שרייבער, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין וואַרשע.

דעם הויך־פּונקט פלעגט די יידיש־העברעאיש־פאַרברידערונג דערגרייכן אויף די פּ ו ר י ם - ס ע ו ד ו ת אין „ליטעראַרישן הויז". דאָ זענען שוין פאַרווישט געוואָרן אַלע גרענעצן. דער „עד דלא ידע" האָט גע-

קיניגט ביד-רחבה און האָט געמאַכט אַ סוף צו די שפּראַך-אַמפּערייען, צום ריב-לשונות. פאַרשטייט זיך, אַז אַ גרויסן חלק אין אָט-דער פאַרברידערונג האָבן געהאַט די שמעקעדיק-ברוינע המן-טאַשן און — דער עיקר — דאָס פיינע ביסעלע משקה מיט די מחיהדיקע „כּרמל"-פלעשער בראש. יידישיסטן האָבן זיך געקוויקט מיטן „העברעאיסטישן" וויין און פאַרביסענע עברית-בעבריתניקעס האָבן זיך געשמאַק אונטערגעלענט ס'האַרץ מיט אַ ביסל היימיש-גלותדיקן „יידישיסטישן" ווישניאַק...

דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער פאַרברידערטער פּורים-אַרמיי איז געווען אַ ל ט ע ר מ אַ ן, דער העברעאישער פּעדאַגאָג און מחבר. אַ פּעך-שוואַרצער, מיט אַ טונקל-ברוין געזיכט, גרויסע, גליענדיקע אויגן און אַ קיילעכיק-גראָבער קאַרטאָפל-נאָז, האָט ער אין גאַנצן אויסגעזען ווי אַ ציגיינער. טעמפּעראַמענט האָט ער געהאַט פאַר אַ צענדליק. ער האָט געשפּריצט מיט לעבן, מיט פרייד, מיט הומאָר. אַז ער האָט גערעדט, דערציילט אַ מעשה, אַ וויץ, האָט ער געברענט אין גאַנצן, זענען אַלע זיינע חושים געווען אַריינגעטון אין דעם רעדן. און דערציילן האָט ער געקענט אָן אַ שיעור און אָן אַן עק. ממש אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל געווען. היינט זינגען מיט ברען, מיט דביקות, מיט פייער — ווער דען, אויב נישט אַלטערמאַן, מיטן חב"דישן בלוט אין די אָדערן, מיט דער פלאַמיק-חסידישער התלהבות, האָט געזאָלט זיין דער ראש-המנגנים?

אַ פּורים-סעודה אין „ליטעראַרישן הויז" אָן אַלטערמאַנען האָט גאָרנישט געקענט געמאָלט זיין. און אַז אַלטערמאַן איז, מיטן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה, אַוועק פון װאַרשע, זענען טאַקע די פּורים-סעודות ביי אונדז פאַרשטערט געוואָרן, פאַרלירנדיק זייער חן און גלאַנץ. מיט אַלטערמאַנס אַוועקפאָרן האָט אויך די יידיש-העברעאיש-פאַרברידערונג אינעם „ליטעראַרישן הויז" גענומען אויסגיין, לעשן זיך און די גראָב-בייכיקע „כּרמל"-פלעשער זענען, דאַכט זיך, פאַרשוווּנדן פון טיש...

קומען פּורים ביינאַכט צו דער סעודה פלעגט אַלטערמאַן קיינמאָל נישט אַליין. און קיינמאָל פלעגט ער אויך נישט אַריינקומען רואיק, געלאַסן, סטאַטעטשנע. תמיד פלעגט ער ווי אַ שטורעם זיך אַריינרייסן אין הויז אַריין, צוזאַמען מיט אַ כאַליאַסטרע צעזונגענע און צעלאַכטע העברעאישע שרייבער און לערער. אונטן, אויפן הויף נאָך, אויף די טרעפּ, אין

די קאָרידאָרן, פלעגט פול-זיין מיטן געפילדער פון אַלטערמאַנס חבריא. פלעגט מען טאַקע באַצייטנס אויפפּראַלן פאַר זיי די טירן און באַלד פלעגן זיך די שטובן אָנפילן מיט פרייליכן גערויש, מיט וואַרעם-היימישן געטומל.

אויב אַלטערמאַן איז געווען דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער פּורים-אַרמיי אין „ליטעראַרישן הויז", איז מנחם גנעסין, דער אַמאָליקער העברעאישער לערער אין וואַרשע (ביי ש. ל. גאָרדאָנען אין דער עברית-בעברית-שול) און איצטיקער אָנפירער און רעזשיסער פון „הבימה", געווען דער געטרייסטער גענעראַל אַלטערמאַנס, דער ענערגישסטער מיטאָנפירער פון דער „אַרמיי". אין היפוך צו זיין ברודער אורי ניסן גנעסין, וואָס אויף זיין דין-געשניצט געזיכט איז תמיד געווען אויסגעגאָסן גאָר דער צער און גאָר דער טרויער פון דער וועלט, וואָס אַ שמייכל פלעגט זיין אַ זייער זעלטענער גאַסט אויף זיין לענגלעך-ווייס פּנים און ווען ער פלעגט זיך, דער שמייכל, אַמאָל יאָ באַווייזן אויף זיינע בלאַסע ליפּן, איז ער געווען אַ קרענקלעך-אומעטיקער, — אין היפוך צו אורי ניסנען, האָט מנחם גנעסין געקוואַלט מיט געזונט, לעבן און פרייד. זיין דיקלעך-רויט געזיכט איז געווען אָנגעגאָסן מיט זאַפט פון נחת און געניס און זיין פולער קאָרק האָט זיך יעדע ווייַלע געטרייסלט פון האַרציקן געלעכטער. ביידע ברידער האָבן זיך זייער שטאַרק ליב-געהאַט, ממש נישט אָפּגעטרעטן איינער פון אַנדערן. און דאָך פלעגט מיר אָפט דאַכטן, אַז אורי ניסן, וועלכער איז, פאַרשטייט זיך, אויך געווען אַ שטאַם-גאַסט אינעם „ליטעראַרישן הויז" און האָט אויך, כמעט קיינמאָל נישט פאַרפעלט קיין פּורים-סעודה ביי אונדז, קוקט מיט שטילע פאָרוואורף-בליקן אויף זיין שטענדיק-פרייליכן און צעשטראַלטן ברודער. אורי ניסן, דער הויכער, שטילער אַסקעט, מיט די גרויסע טרויעריקע אויגן, וועלכער איז תמיד געגאַנגען „הצדה"*), אין אַ זייט, שטענדיק זיך געהאַלטן אין אומעטיקן שאָטן, האָט, ווייזט אויס, נישט געקענט פאַרשטיין די געזונטע לעבן-געניסער, די, וואָס גייען אויפן ברייטן דרך-המלך אַקעגן דער זון. איז טאַקע אורי ניסן געווען דער איינציקער ביים טיש, וואָס איז נישט מיטגעריסן געוואָרן מיטן רוישיקן שטראָם

*) „הצדה" — כאַראַקטעריסטישער טיטל פון גנעסינס אַ דערציילונג.

פון די צעוואַרעמטע פּורים-נעכט. ער האָט מער געקוקט צום בעליק, אָדער צום דיל, ווי אויף דער צעבאַלעוועטער און צעהיצטער פּורים-חבריא. ער האָט געזעסן קאַרג און שטיל — אויף צען ווערטער געענטפערט איינס, אָבער יעדעס וואָרט זיינס איז געווען ווייך און מילד, ווי אַ ליב ווינטל אין אַ חמימותדיקן טאָג. אַן אצילות נישט פון דער וועלט איז געווען אויס-געגאָסן אויף זיין געלבלעך-לאַנג געזיכט, אויף זיינע אומעטיקע אויגן, אויף די בלאָנד-אַראָפּגעלאָזטע וואָנסן. און די זעלבע אצילות, ווי ביים לעבן, איז אויך געלעגן אויף זיין פּנים, ווען ער איז געשטאָרבן, אַן עלנטער און פרעמדער, אין אַ צימער ערגעץ אויף אַגראָדאָווע אין וואַרשע.

איך בין געווען אין זיין צימערל, ווען מען האָט אים „אָפּגעהויבן", ווען אַרום אורי ניסנען איז געשטאַנען אַ קליינע גרופּע פון זיינע פריינט און חברים. אויך זיין ברודער, מנחם, איז, פאַרשטייט זיך, געווען נעבן אים. עס איז אויך געווען זיין פּלימעניצע, אַ קורסיסטקע, וועלכע איז, בעת אורי ניסנס קראַנקהייט, אַרומגעגאַנגען אַרום איר פעטער. מנחם איז די גאַנצע צייט געווען ווי פאַרשטיינערט. פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. גע-קוקט ערגעץ אין אַ פּינטל אויף דער וואַנט און געשוויגן. פאַרקרימט דאָס געזיכט אין ווייטיקדיקער גרימאַסע און — געשוויגן. אָבער האַרט פאַר דער לויה, ווען גנעסין איז נאָך געלעגן אויף דער ערד, באַדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך און אויף די טרעפּ האָבן זיך דערהערט די שווערע, אומ-היימלעכע טריט פון די שוואַרץ-בערדיקע, חושכדיקע עגלה-יידן, וואָס זע-נען געקומען צונעמען אורי גנעסינען, האָט מנחם מער נישט אויסגע-האַלטן און זיין אויסערלעכע רואיקייט האָט אויפגעפּלאַצט: ער האָט מיט-אַמאָל אַ רעווע-געטון ווי אַ לייב און זיך אַ ריס-געטון צו אורי ניסנען. אין דער אותו רגע האָט אים אָבער ש. ל. גאָרדאָן און נאָך אַ פּאָר לע-רער פאַרדרייט די הענט אויף צוריק, ער זאָל זיך נישט קענען רירן. ער האָט זיך געריסן פון זיי, אָבער זיי האָבן אים פעסט צוגעהאַלטן, מורא-האָבנדיק, אַז ער זאָל נישט אין גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן ווערן (געוווסט אפנים, פונעם כלל, אַז ווען לאַנג אין-זיך-דערשטיקטע געפילן ברעכן-אויס פּלוצלינג, מיטאַמאָל, קענען זיי ווערן געפערלעך). דעמאָלט האָב איך באַ-מערקט טרערן אַראָפּרינען אויף זיינע באַקן. גאָרדאָן און די איבעריקע האָבן שוין איצט געהאַלטן, אַז די סכנה איז פאַרביי — דער דערשטיקטער

צער האָט זיך שוין אויסגעלאָדן אין טרערן! — האָבן זיי מנחמען אָפּגע־לאָזט אויף א ווײַלע, בפרט, ווען אין צימער האָבן זיך שוין אַרײַנגע־שלײַכט די שוואַרצע שאָטנס פון די עגלה־ייִדן. ער איז געשטאַנען א רגע רואיק, אַרומגערינגלט דורך א קלײנער גרופּקע פרײַנט. אָבער ווען די לאַנג־בערדיקע ייִדן האָבן זיך דערנענטערט צום מת און האָבן מיט זײַע־רע שרעקיקע קלײדער, וואָס האָבן דערמאָנט אין גרויסע, שוואַרצע פײגל, פאַרשטעלט די קאַרגע העלקייט פון די ליכט, וואָס האָבן געברענט אורי ניסנען צוקאָפּנס, האָט מנחם פּאָרט נישט אויסגעהאַלטן און זיך ווידער א ריס־געטון צום ברודער. אַז מען האָט אים, ווידער מיט געוואַלד, פאַר־האַלטן, האָט ער אויסגעשטעלט א פּאָר ווילד־פאַרלאָפענע אויגן און מיטן גאַנצן כוח גענומען שרײַען צו דער פלימעניצע, וואָס איז געלעגן א האַלב־פאַרחלשטע אויף דער ערד, נעבן אורי ניסנען:

— ח־ו־ה, נ־ש־קי־הו! (חוה, גיב אים א קוש!).

דאָס ליבע איז מיר געדונצלט געוואָרן פון דעם ווײטיקדיקן געשריי. א שטיל־פאַרשטיקט כליפּען האָט אָנגעפילט דעם חלל פון דער שטוב. אויך אויף די שויבן האָבן שטיל גענומען קלאַפּן דינע טרערן פון א פאַר־געסענעם שפּעט־האַרבסטיקן רעגן. חוה, די פלימעניצע אורי ניסנס, האָט זיך איצט מיטאַמאָל א וועק־געטון און כהרף־עין איז זי אויפגעשפּרונגען פון דער ערד. זי האָט מיט לייכט־ציטערדיקע, לאַנגע פינגער אַראָפּגע־שאַרט דעם שוואַרצן טוך, אָפּגעדעקט אורי ניסנס פּנים און צוגעפּרעסט אירע בלאַסע ליפּן צו גנעסינס ווײסן, טויטן שטערן. און אויך דעמאָלט איז אויף אורי ניסנס געלב־פאַרמאַטערט געזיכט געווען אויסגעגאָסן יענע שטילע אצילות, וואָס האָט געשוועבט איבער אים דורך אַלע טעג פון זײַן יונג לעבן. אויך דעמאָלט איז א מאָדנע־טרויעריקער שמייכל שטיל געלעגן אין די ווינקלען פון זײַן מויל. און עס האָט זיך מיר דעמאָלט געדאַכט, אַז אָט־אָט גיט ער זיך א שטעל־אויף, אורי ניסן, גיט א שאָקל מיט זײַנע בלאָנדע האָר און ניט א מורמל, ווי געוויינלעך, ווען מען פלעגט זיך פּאָ־רען אַרום אים:

— ע... מען דאַרף נישט... א דאַנק...

:: :: ::

אויף די פרײלעך-טומלדיקע פורים-סעודות אינעם „ליטעראַרישן הויז" האָט מען אורי ניסנען כמעט ווי נישט באַמערקט. דער צעוואָרעמטער גע-רויש פלעגט אַריבער איבער זײַן בלאָנדן, פאַרטראַכטן קאָפּ, נישט אָנרירנדיק אים. אָבער אַלע איבעריקע האָט דער גערויש פאַרכאַפּט, מיט-געריסן, געמאַכט פאַרגעסן אין דעם אומעט און אין דער גרויקייט פון די טעג און מען איז געווען דאַנקבאַר אַלטערמאַנען מיט זײַן „געהילף", מנחם גנעסינען, פאַר די שעהן פון זאָרגלאָזיקייט, וואָס זיי האָבן געגעבן דער „ליטעראַרישער שטוב".

העל-געבלומטע טישטעכער שמעקן אַראָפּ פון די טישן. דער זיסלעך-וואַרעמער ריח פון פרישע טונקל-פּאַרברוינטע המן-טאַשן, פון נאַר-וואָס אָפּגעזאָטענע אַרבעס, פון ווײַס-געשניטענע, געפילטע שטיקער העכט, פון פולכנעם, געלבן לעקעך, פילט-אָן די צעפּאַרעטע לופט. עולם נעמט צו-ביסלעך, פאַרזוכט אַ קאַפּיטשקע פונעם שוואַרץ - געדיכטן ווישניאַק, פו-נעם טונקל-בלויען „כרמל", פונעם ווײַס-דורכזיכטיקן בראַנפן און דורכן געקלימפּער פון גאָפּל-מעסער, דורכן געקלאַנג פון די קעלישקעס, דורכן גערויש פון דער יום-טובדיקער פלאַפּלערײַ, רײַסט זיך דורך דער הייזעריק-לעכער קול פון אַלטערמאַנען, וועלכער האַלט אין מיטן דערציילן עפּעס אַ פורימדיקן וויץ פון זײַן שטעטל אין מאָהילעווער גובערניע. דאָס געלעכ-טער, וואָס דערטראָגט זיך פון אַלטערמאַנס ווינקל ביים טיש, קײַקלט זיך איצט פונאַנדער איבער דער גאַנצער שטוב און — שוין איז אַלטערמאַן דער ראש-המדברים, שוין קוקן אַלע אויף אים, הערן זיך אײַן אין זײַנע מעשיות און וויצן, אין זײַנע גלײַכווערטלעך און ליצנות. מיטאַמאָל ווערט שטיל אַרום טיש: אַלטערמאַן ציט אַרײַן לופט טיף, טיף אין זײַנע ברייטע נאָזלעכער אַרײַן — אַ סימן ער גרייט זיך עפּעס צו זינגען. און באַלד דערהערט זיך טאַקע אַ פאַרדביקהט-פײַערלעכער ניגון, וואָס אָט פליסט ער שטיל איבער דער שטוב און אָט גיט ער זיך אַ ריס מיט שטורעמדיקן אימפּעט:

אָטצאַ וו' דאַ מו פּאַ—קי—נו,
פּאַ—קי—נו,
דאַ וו' טשער—נאָ—ביל פּאַ—יע—דו,
פּאיעדו,

וואָס כאָראָשאָ, וואָס סלאַוו—נאָ,
העי!
נאַשאַ יעווריסקאַ—יאַ סלוזשבאַ
טשערנאָבילסקאַ—יאַ!

און אַז דער עולם דערהערט נאָר די ערשטע קלאַנגען פון אָט-דעם חסידיש-טשערנאָבילער עבודה-ניגון, ווערט ער שוין גאָר צעוואָרעמט, וואַרפט אַוועק גאָפּל-מעסער, רוקט-אָפּ די קעלישקעס און נעמט העלפן אַלטערמאַנען:

העי!
נאַשאַ יעווריסקאַיאַ סלוזשבאַ
טשערנאָבילסקאַיאַ!

ווערט שוין דעמאָלט די גאַנצע „ליטעראַרישע שטוב", מיט די העבּ-רעאיסטן, מיט די יידישיסטן, פאַרוואַנדלט אין אַ חב"דישער קלויז און שטיקער חסידישע ניגונים, ווי צעפלאַקערטע שטיקער פייער, צינדן די ליפּן. מנחם גנעסין, דערקענט מען, איז „אייפערזיכטיק" אויף אַלטער-מאַנען, איז מקנא דעם „הויפּט-קאָמאַנדיר" פאַר זיין געלונגענעם פּורים-אַטאַק און וואַרט בלויז אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט צו ווייזן דעם קאָ-מאַנדיר, וואָס אויך אַ פּשוטער גענעראַל קען אויפטון. אַזאַ געלעגנהייט קען זיך מאַכן דאַן, ווען דער ענטוזיאַזם און ברען פונעם פירער ווערט, צוליב וועלכער-ס'איז סיבה, אָפּגעקילט, אָדער ווען דער אָנגריף פונעם פירער טרעפט פּלוצלינג אָן אויף אַן אומגעריכטער מניעה און מוז דערוי-בער, געמילדערט ווערן. און אָט קומט טאַקע אַזאַ שעת - הכושר פאַר גנעסינען: אין מיטן פייער-שטורעם פונעם חב"דישן געזאַנג צעטראַגט זיך פון אַ וועיטן ברעג טיש עפּעס אַ פאַרדעכטיק-לוסטיקער גערויש, וואָס נעמט אָפּוועגדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּורים-אַרמיי פונעם טשער-נאָבילער השתפכות-הנפש. דער פלאַם נעמט זיך לעשן, קילן און אָט גייט ער שוין אין גאַנצן אויס. אויף זיין אָרט קומט אַ דין-שפּיציקער געלעכ-טער, וואָס שטעקט באַלד אָן דעם גאַנצן „טיש". ווער-זשע איז עס דער גיבור, וואָס האָט באַוויזן צו שטערן דעם חב"דישן קאָמאַנדיר אין זיין מלאכת-הקודש? ווער איז עס דער ריז, וואָס האָט אַ זאָג-געטון צום שטו-רעמדיקן שטראָם: שטעל זיך אָפּ?!

דאָס איז נישט קיין אַנדערער, ווי... קאַווע, דער קליינטשינקער און דאַרינקער קאַווע, וועלכער האָט מיר דאַן גוואַלדיק אימפּאָנירט מיט דער מאַסע פּרעמד-ווערטער, וואָס ער האָט באַנוצט, סיי אין רעדן און סיי אין שרייבן (געדרוקט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן און זשורנאַלן קריטישע אַרטיקלען אונטערן פּסעוודאָנים מ. וואַנווילד און אינעם וואָכנבלאַט „די נייע צייט”, וואָס איז דערשינען אונטער דעם טאַטנס רעדאַקציע, — אויך לידער, וועלכע ער האָט געצייכנט מיטן פּסעוודאָנים ש. ל. קאַווא). דאַכט מיר, אַז דער טאַטע האָט געהאַלטן פון זיין קריטישן חוש און דאָס האָט אים, פאַרשטייט זיך, צוגעגעבן נאָך מער חשיבות אין מיינע אויגן. עס האָט מיך בלויז פאַרדראָסן, וואָס קאַווע האָט זיך אָנגעזעצט אויף ד"ר מוקדוני און האָט, מיט פאַרביסנקייט און עקשנות, אים באַקעמפט, אָפּ-דרוקנדיק אַ גאַנצע סעריע אַרטיקלען קעגן מוקדוני און באַשולדיקנדיק אים אין פּלאַגיאַט. פאַרדראָסן האָט עס מיך דערפאַר, ווייל מוקדוני האָב איך ליב געהאַט צוליב זיינע ווייכע, וואַרעמע רייד, צוליב זיין שיינעם, „דאָקטאָרישן” אויסזען און איך האָב נישט געוואָלט, אַז ער זאָל האָבן עגמת-נפש. מיט זיינע גרויסע, וואַרעם-שוואַרצע און פּולכיקע האָר, מיט זיין איידל-געשניצטער דין-לענגלעכער נאָז, אויף וועלכער עס איז פעסט און רחבותדיק געזעסן אַ פּאָר גלאַנציק-זילבערנע, דאָקטאָרישע ברילן, מיט זיין תמיד-עלעגאַנטער און פּעדאַנטישער קליידונג האָט ד"ר מוקדוני גע-וועקט צו זיך דרך-ארץ און צוטרוי און איך בין געווען שטאַרק אין כעס אויף קאַווען פאַר זיין אַטאַקירן מוקדוניען. אָבער אויף אַ פּורים-סעודה, ווען מען ווייס נישט אונטערצושיידן צווישן ארור המן און ברוך מרדכי, גייט דאָך אַ זאַ כעס אַוודאי איבער, פריי איך זיך טאַקע איצט מיט קאַווען אַזוי ווי מיט אַלע אַנדערע אָנגעלייגטע געסט. און ער, קאַווע, איז טועם, דאָ פון איין פּלעשל, דאָ פון אַן אַנדערס, פאַרזוכט פון אַלע צו-ביסלעך, ביז זיין אויג שטעלט זיך אָפּ אויף איין „קרבן”, איין סאָרט משקה, וועלכע ער נעמט אָנגרייפן מיט דער גאָרער קראַפט פון זיין טרינ-קערישן טאַלענט. ווייזט אויס, דער דאָזיקער „טראָפּן” האָט קאַווען אַזוי געשמעקט, אַז ער איז פון אים נישט אָפּגעטרעטן אפילו דאַן, ווען דער גאַנצער „טיש” איז געווען מיטגעריסן מיטן חב"דישן שטורעם און ער האָט אַריינגעגאָסן אין זיך, געלאַסן און עקשנותדיק, איין גלעזל נאָכן צווייטן, והא ראיה:

אַט שטעלט ער זיך מיטאַמאָל אויף, קאַווע, און — וואָס מיר אַל-טערמאַן, ווער מיר חב״ד? — ער נעמט זיך קלאַפּן מיט די קליינע פויסט-לעך אין האַרץ אַריין:

— איך בין איין יודע, זאָ וואַר איך לעבן!... איין יודע בין איך!...

די קליינע אויגן זיינע פאַרלויפן מיט יענעם אומהיימלעך-פייכטן, טונקעלן גלאַנץ, וואָס קומט פון אַן איבעריקן טרונק בראָנפן; אויף די דינע פיס, וואָס זעען אויס, ווי שוועבעלעך, האַלט ער זיך קוים, דאָס פּנים ווערט אים דאָ שוואַרצלעך-גרין און דאָ טונקל-געל, אָבער פון דאָס זייניקע לאָזט ער נישט אָפּ קיין האָר:

— איין יודע בין איך, דאָנערוועטער!... איין יודע, זאָ וואַר איך לעבן!...

דאָס רעדט ער איצט אָפיציעל, קאַווע. און אַזוי ווי אָפיציעלע דעק-לאַראַציעס איז מען זיך נוהג צו מאַכן אין אַן איירָאָפּעאישער שפּראַך, וואָס ווערט באַנוצט דורך דיפּלאָמאַטן און וועלט-פּאָליטיקער, רעדט ער איצט דייטש, קאַווע, כאָטש דער בראָנפן האָט מיט יעקען גאָרנישט צו טון און איז אַן עכט-וואַרשעווער אויסאַרבעטונג. אונטער דער ווירקונג פון יידישקייט-שטראָם, פונעם חסידישן השתפכות-הנפש, וואָס האָט זיך פו-נאַנדערגעגאָסן איבער אַלע ווינקעלעך פונעם „ליטעראַרישן הויז״, האָט קאַווע, אַפּנים מורא-געקריגן, אַז עס זאָל, חלילה, עמעצן נישט איינפאַלן צו קוועסטיאָנירן זיין יידישן אָפּשטאַם, איז ער טאַקע מוסר-מודעה עפנט-לעך און קאַטעגאָריש, בפני עם-ועדה, אַז ער איז אַ ייד...

לכתחילה הערט זיך בלויז פון אַן עק טיש אַ שטיל כיכיקען. קאַ-וועס „דעקלאַראַציע״ דערגרייכט נאָך נישט צום צענטער פון טיש, צו אַלטערמאַנען און זיינע העלפער. דאָס געזאַנג ברענט ווייטער. באַלד גייט אָבער דאָס כיכיקען איבער אין אַ ברייט געלעכטער. אַלטערמאַן איז צע-טומלט. פאַרשעמטע רעשטלעך פונעם טשערנאָבילער ניגון טראָגן זיך נאָך אין דער לופט, אָבער זינגען זינגט ער שוין נישט מער, אַלטערמאַן. ערשט איצט נעמט ער פירן זיינע שוואַרץ-ציגיינערישע אויגן איבערן גאַנצן טיש און דערזעט קאַווען, וועלכער קלאַפּט זיך נאָך אַלץ מיט די פויסטלעך אין ברוסט אַריין:

— איין יודע בין איך!... איין יודע, דאָנערוועטער!...

איצט לאָזט שוין די צעטומלטקייט און אומצופרידנקייט אַלטערמאַנס אַ ביסל נאָך. אמת, מען האָט אים, דעם הויפּט-קאָמאַנדיר, אין סאַמע מיטן פונעם שטורעמדיקסטן געזאַנג-אָנגריף, דורכגעריסן דעם פראָנט, אַ שטיק חב״דישע שטימונג איז צעשטערט געוואָרן, אָבער איינהאַלטן זיך פון גע-לעכטער קען ער פאַרט נישט, ווען קאַווע, — אַ פּנים כדי צוצוגעבן נאָך מער חשיבות זיין פייערלעכער „דעקלאַראַציע״ — דראַפּעט זיך, מיט די לעצטע כוחות, אַרויף אויף אַ שטול און צעוויינט זיך מיט ביטערע טרערן:

— איך בין איין יודע, זאַ העלף מיר גאָט!...

דערזעט מען אָבער מיטאַמאָל, אַז קאַווע ווערט ווייס אויפן פּנים, און אָט-אָט וועט מיט אים געשען עפּעס אַזוינס, וואָס וועט אָפּנעמען דעם חשק צו פאַרזוכן ווייטער פון די גוטע זאַכן אויפן טיש, ווערט שוין דאָס געלעכטער איינגעהאַלטענער אַ ביסל און חברה נעמט זיך באַראַטן שטוי-לערהייט וועגן גורל פונעם ערשטן קרבן, וואָס איז געפאַלן ביים מקיים-זיין דעם „עד דלא ידע״ אויף דער היי-יאָריקער פּורים-סעודה. דאָ נעמט שוין איבער די קאָמאַנדע מנחם גנעסין. געזען, אַז דער „גלאַוונאָ-קאָמאַנדויוויש-טשי״ האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרלוירן, גענומען זיך איינבערעכן, אָנגע-ווירן די שטימונג און דעם ברען צום קאַמף, הייבט דער געטרייער גענע-ראַל פלינק אויף די אַראָפּגעלאָזטע פאָן און נעמט אַליין פירן דאָס מילי-טער אין פייער אַריין. קודם-כל מוז מען, פאַרשטייט זיך, אָפּרייניקן דאָס פעלד פון די „געפאַלענע״. נעמט זיך טאַקע גנעסין צו קאַווען: ער גיט אַ ווונק צו חברה און כהרף-עין ליגט שוין קאַווע אין גנעסינס ברייטע, שטאַר-קע אָרעמס. דער „קרבן״ צאַפּלט אַ ווײַלע, וואַרפט זיך, פּראָטעסטירט, אָבער גנעסין טראָגט אים, אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון טומלדיקן גע-לעכטער, איבערן טיש אריבער און פאַרשפּאַרט אים אין אַ ווײַטן, זייטיקן חדר. דאָרט כאַפּט זיך קאַווע, אַ פּנים, אַז איידער מען לייענט „פּאָליטישע דעקלאַראַציעס״, איז כדאי אַ ביסל זיך דורכצושלאָפן, וואָרום ווען איך גנבע מיך שפּעטער, אויף די שפּיץ פינגער, צו צו דער טיר פונעם פאַר-שלאָסענעם צימער, כאַפּט-אויף מיין אויער די צויבער-קלאַנגען פון דער נעשמאַקער שנאָרך-מוזיק, וואָס טראָגט זיך פון דאָרט מיט אַזאַ הארצי-קייט און מתיקות...

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן אָפּרייניקן ס׳פעלד, נעמט זיך דער גענע-

ראַל צום באַנייען דעם אָנגריף. ער באַקומט אַרויס פון ערגעץ אַ רויט טיכל און בינדט דערמיט איבער ס׳פּנים: אַ בערדל, הייסט עס. עולם ווייס שוין איצט, אַז גנעסין, וועלכער האָט אַרטיסטישע פעאיקייטן און שניידט זיך אויף אַן אַקטיאָר, וויל דאָ אָפּשפּילן איינע פון זיינע קאָמישע סצענעס, מיט וועלכע ער איז, פון צייט צו צייט, מכבד דאָס „ליטעראַרישע הויז". גנעסין גיט אַ קלאַפּ מיט גאָפּל-מעסער אין טיש. אַ צייכן: זאָל זיין שטיל. און באַלד טאַקע, הייבט ער אָן דעם „נומער". עס איז אַ בילד פון אַ פאַרשלאָפענעם מלמד אין אַ קליין פּויליש שטעטל, וועלכער קנעלט מיט זיינע תלמידים די נסים פון יציאת-מצרים (פּסחדיקע סצענקעס פּאַסן זיך אַפילו נישט אַזוי שטאַרק אריין אין פּורימדיקן פּראָגראַם, אָבער דער כלל פון „עד דלא ידע" איז מכפּר אויך אויף אָט-דעם „חטא").

דעם מלמדס ניגון איז אַ צעצויגענער, אַ פאַרשלאָפענער. יעדע ווייַלע כאַפּט ער, דער מלמד, אַ דרימל אין מיטן לערנען, אָבער דאָס שטערט אים נישט, ווי נאָר ער גיט זיך אַ וועק-איבער, אַ געשריי-צו-טון צו די תלמידים זיינע:

— ני, לייבעדיקאַ, ממזרים, גייכאַ, לאַבוזעס... זאָגטס:

— מ—מ—צ—ר—י—ם ג—אל—ת—נו ו—מ—בית ע—ב—דים פּ—די—ת—נו... אוי, מ—מ—צ—ר—ים גיי—אל—טו—ני ו—מ—ביים א—וו—דים פּיי די—סו—ני פּיי—די—תו—ו—ו—ני...

אָבער די לעצטע זילבן פון דעם פּיי—די—סו—ני הערט מען שוין קוים. זיי נעמען זיך לעשן ווי דאָס גרינלעכע פלעמל פון אַ צאַנקענדיק ליכטל. און אָט פאַרוואַרפט שוין דאָס מלמדל זיין בערדל אין אַ זייט, די ברעמען לאָזן זיך אים אַראָפּ אַזוי ווי די קרומע דעכלעך אין זיין פאַרוואָרפן שטעטל און ער שנאָרכט שוין, דאָס מלמדל, ווי שבת נאָכן עסן אונטער דער פאַרשוויצטער פּערינע. עס ווערט שטיל. די תלמידים האָבן מורא דעם אָטעם צו כאַפּן. מען הערט בלויז דאָס זשומען פון אַ פליג אויף דער שויב און דאָס פאַרמאַטערטע, טרויעריקע שנאָרכן פונעם רבין. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום גיט עס זיך פּלוצלינג אַ וועק-איבער, דאָס מלמדל, דערשראָקן ווי ביים קלינגען פון די גלאָקן בעת אַ נאַכט-שרפה, ס׳בערדל גיט זיך אַ הויב אין דעם הויך און, אַ צעטומלטער, נעמט ער שרייען האַסטיק און בייז:

— ני לאַבוסעם, וואָס שלאָפט עץ?

— מ—מ—צ—ר—י—ם ג—אל—ת—נו ו—מ—בית ע—ב—דים פּ—די—ת—נו... פּ—די—ת—נו פּ—די—ת—נו פּ—די—ת—נו.

— לעבעדיקער: פּ—די—ת—נו;

— נאָכאמאָל: פּ—די—ת—נו;

— נאָך שטאַרקער: פּ—די—ת—נו — —

און טאַקע באַלד נאָך דעם „נאָך שטאַרקער" פּאַרוואַרפט דער מלמד דאָס קעפּל ווי אַ געשאָכטענע הון און נעמט פּיפּן מיט די נאָזלעכער אַזוי הויך ווי אַ ראָטע זעלנער ביים שלאָף אין קאַזאַרמע.

אַלע ביים טיש דערפילן מיט פינקטלעכקייט גנעסינס באַפעלן. מען ענטפערט „פּיי—די—סו—ני" מיט האַרץ און מיט ברען, אַזוי ווי די תלמידים אין דעם קליינעם שטעטל. און גנעסין מיטן רויטן טיכל אַרום די באַקן—אָט שרייט ער: ממזרים, פייערדיקער! לעבעדיקער! אַ כאַליערע...

— פּיי—די—סו—ני!

און אָט ווערט ער אַנטשלאָפן אין מיטן „ברען" און עס ווערט מיט-אַמאָל שטיל ווי אין שטוב פון אַ נוטה-למות. און אָט — ניט ער זיך ווי-דער אַ כאַפּ-אויף, גיט זיך האַסטיק אַ קראַץ אין דער פּלייצע, אַ טרייסל, און די שטוב ווערט ווידעראַמאָל צעווייגט פון דעם צעצויגן-מלמדישן „פּיי—די—סו—ני".

אָבער גנעסינס שפּילן הייטערט שוין, אַפּנים, צופיל אויף דעם עולם, וואָרום אָט זעט מען ווי אַרום אַלטערמאַנען רודערט זיך שוין ווידער עפּעס: ווייזט אויס, אַז אין האַרץ פונעם הויפּט-קאָמאַנדיר האָט זיך שוין גענומען אַריינגנבענען די קנאה צום תלמיד, צום גענעראַל, וועלכער פירט אַזוי זיגרייך די אַרמיי אין פייער אַריין און ער, דער הויפּט-קאָמאַנדיר, האָט שוין חרטה דערויף, וואָס ער האָט זיך געלאָזט איבעריאָגן פונעם „שנעק".

„קנאת פּורים-קאָמאַנדירן תרבה שמחה" — איצט וואַרט שוין אַלטערמאַן אויף דער פּאַסיקער מינוט איבערצונעמען די קאָמאַנדע פון גנעסינס הענט און אַז דער קליינשטעטלדיקער מלמד ווערט נאָכאמאָל אַנטשלאָפן מיטן לעצטן קלאַנג פון „פדיתנו" אויף די קרומע ליפּן, נעמט

זיך פֿלוצלינג פֿונאַנדערקייקלען איבערן טיש אַ פּרישער ניגון, וואָס קומט פֿון אַלטערמאַנס „צד״:

ר׳ דודל, אוי, ר׳ דודל,
ר׳ דודל האָט געוווינט אין וואַסילקאָוו
און היינט וווינט ער אין טאַלנע...

פֿאַרגעסט מען שוין אינעם גענעראַל, „פּאַראַט״ מען שוין גנעסינען און ווידער זענען אַלעמענס בליקן געווענדט אויף אַלטערמאַנס דיקע, פּליי־שיקע ליפּן, אויף זיינע טונקל־גליענדיקע אויגן, אויף זיינע לאַנגע, ביינער־דיקע פֿינגער, וואָס קלאַפּן חסידיש אין דער לופֿט:

ר׳ דודל, אוי, ר׳ דודל,
ר׳ דודל האָט געוווינט אין וואַסילקאָוו
און היינט וווינט ער אין טאַלנע...

שוועבט שוין איצט איבער דער שטוב דער גייסט פֿונעם טאַלנער רבין און שטיקער פֿייער פֿלאַקערן אין דער לופֿט. פֿאַרברענטע, „וועלט־לעבע״ יידישיסטן פּאַטשן מיט התלהבות אין די הענט, פֿאַרגלאָצן די אויגן און קלאַפּן־צו מיט די פֿיס צום טאַקט פֿונעם ניגון. פֿייערדיקע משכּילים, העברעאיסטן, צעגיסן זיך אין חסידישער השתפּכות־הנפש. שטראַלן אַל־טערמאַנס אויגן מיט אַ נישטדאָאיק ליכט, ווערט דעם טאַטנס לענגלעכע, צעפּאַטלטע באָרד נאָך לענגער, און נאָך צעפּאַטלטער, אויפֿן גרויסן, ווייסן שטערן שפּרינגען אַרויף ברייטע שוואַרצלעכע קנייטשן און קוקן קוקט ער, דער טאַטע, אויף קיינעם נישט, נאָר אויף עפּעס אַ וויטן פּינטל אויפֿן בעליק. און ווער ווייס: אפֿשר איז עס גאָר קיין פּינטל נישט און אפֿשר איז עס גאָר קיין בעליק נישט, וואָס ער זעט, אפֿשר איז עס גאָר טאַלנע?

דער הויפּט־קאָמאַנדיר האַלט, אָפּנים, פֿונעם „סטראַטעגישן״ כּלל: שמיד דאָס אייזן כּל־זמן ס׳איז הייס. לאָזט ער טאַקע נישט אָפּ, אַלטער־מאַן, און שפּרינגט באַלד אַריבער, מיט קפֿיצת־הדרך, פֿון טאַלנע צום אַלטן רב אין ליאַדי. נישט אַלע ביים טיש זענען אָבער אַזוי אויסגעבונדן און באַהאַוונט ווי ער, אין די וועגן, וואָס פֿירן צום רבין ר׳ שניאור זלמנען, חזרט ער טאַקע נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איין מיטן עולם דעם חסידישן „אַדרעס״ צום ליאַדיער רבין:

וו׳ מיעסטעטשקו ליאדוני,
מאָהיליאָווסקאַי גובערני,
דוכאָוונאָמו ראַווינו
שנייערסאָנו...

און כדי מען זאָל טאַקע דעם אַדרעס מיטן חסידישן רוסיש קיינמאָל נישט פאַרגעסן, גיט מען זיך אַ הויב פון טיש אַפּער, צערוקט מען די שטולן, שטופּט מען אַוועק דעם טיש אין אַ זייט, פאַרלייגט מען הענט אויף אַקסל און — אַט ציטערט שוין דער דיל פון כלות-הנפשקדיקן טאַנץ-שטורעם:

וו׳ מיעסטעטשקו ליאַדוני,
מאָהיליאָווסקאַי גובערני,
דוכאָוונאָמו ראַווינו
שנייערסאָ—אָ—אָ—נו...

און אַזוי פלעכט מען זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אַריין אין קאַראַהאָד און מען באַמערקט גאָרנישט, ווי דורך די שויבן שמייכלט שוין אַריין דער בלוילעך-בלאַסער כעלות...

# קאַפּיטל 7

## ביאַליק

אין איינעם אַ כמורנעם, בלאָטיקן ווינטער-טאָג האָט מען אין „לי-טעראַרישן הויז" געבראַכט די ידיעה, אַז חיים נחמן ביאַליק קומט אָפּ-שטאַטן דעם פּאַטער אַ וויזיט. ביאַליק האָט דאַן געוווינט אין אדעס און איז געקומען אויף אַ קורצע צייט קיין וואַרשע אין די ענינים פון זיין „מוריה"-פאַרלאַג. כאָטש מען איז אין „ליטעראַרישן הויז" געווען געוווינט צו באַזוכן פון גדולים, איז דאָך די ידיעה וועגן ביאַליקס קומען אויפגע-נומען געוואָרן ווי אַן איבערראַשונג און מען האָט זיך גענומען גרייטן צום דאָזיקן וויזיט, ווי צו אַ גרויסן יום-טוב. קודם-כל האָט זיך גענומען גרייטן — די מאַמע: אַ קלייניקייט — אַזאַ אורח! אים דאַרף מען דאָך טאַקע דערלאַנגען דעם אמתן כיבוד! דערצו דאַרף מען דאָך נאָך, ביים צוגרייטן דעם כיבוד געדענקען, אַז ביאַליק וועט, מסתמא, זייענדיק אין „ליטע-ראַרישן הויז", אריינגיין אויך צו ליאַכאָווערן — ער טאַקע, ליאַכאָווער, האָט דאָך געבראַכט די ידיעה וועגן ביאַליקס קומען צום טאַטן — און די מאַמע מוז זען, אַז איר כיבוד זאָל זיין שענער פאַר דער ליאַכאָווערנס...

איז טאַקע אַוועק אַ געגרייטעריי — הימל, עפּן זיך! מען האָט גע-באַקן, מען האָט געקאָכט, מען האָט געפּרעגלט, מען האָט איינגעקויפט משקה און זיסוואַרג און אין שטוב איז געשטאַנען אַ פּאַרע, ווי ערב-פּסח. אַ גערויש פון דערוואַרטונג האָט זיך געטראָגן איבערן הויז. אָבער מער פון אַלעמען, דאַכט זיך, האָב איך מיט מיין ברודער, אהרן, געוואַרט

אויף ביאַליקן, געגאַרט אים אָנצוקוקן, זען מיט די אייגענע אויגן דעם פּאָעט, וועגן וועלכן דער טאַטע פלעגט תמיד רעדן מיט דרך-ארץ און באַוווּנדערונג. פאַר אונדז, יינגלעך, איז ביאַליק שוין דעמאָלט געווען אַ שטיק לעגענדע און ווען מען פלעגט זינגען אין שטוב די וויט-פאַרבענקטע מעלאָדיע פון זיין „בין נהר פּרת ונהר חדקל", פלעג איך מיר אים אויסמאָלן — (עס קלינגט איצט אפשר שטאַרק מליצהדיק, אָבער וואָס זאָל איך טון, אַז איך האָב אים, אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע, פּאַרט אַזוי געזען) — ווי עפּעס אַ ברוין-שלאַנקן פּרינץ פון מזרח, וואָס גייט-אַרום אַ פאַרכישופטער צווישן וואַרעם-בלויע טייכן און גילדענע פייגל שוועבן איבער זיין קאָפּ. אהרנס שטאַרקער באַגער צו זען ביאַליקן מיט די אייגענע אויגן, האָט נאָך דערצו געהאַט אַ באַזונדערע, פאַרבאָרגענע סיבה: אהרן האָט שוין דעמאָלט אַליין געשריבן העברעאישע שירים, וועלכע ער פלעגט אָפּטמאָל ווייזן דעם טאַטן. נו, קען מען דאָך פאַרשטיין ווי שטאַרק עס האָט זיך אים געוואָלט ווייזן די שירים ביאַליקן און הערן וואָס ער, ביאַליק, וועט אויף זיי זאָגן. און כאָטש אהרן האָט זיך טאָג-טעגלעך באַגעגנט מיט העברעאישע שרייבער און משוררים, פאַר וועלכע ער פלעגט אָפּט פאַרלייענען זיינע לידער און פון וועלכע ער פלעגט ס'רוב באַקומען שטאַרקע קאָמפּלימענטן, — שוין געווינט געווען, הייסט עס, צו באַליינן „עקזאַמענעס" פאַר אנערקענטע שרייבער — איז ער דאָך אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגנענער און געוואַרט אויף ביאַליקס קומען מיט ציטערניש און אומרו.

וויפל מען זאָל זיך נישט האָבן געגרייט צו ביאַליקס באַזוך, איז דאָך זיין וויזיט — ווי עס טרעפט זייער אָפט דווקא דאַן, ווען מען וואַרט באַזונדער שטאַרק אויף עמעצן — געקומען כמעט אומגעריכט. און ווען עס האָט זיך דערהערט אַ קורצער, שניידיקער קלונג ביי דער טיר און דאָס פאָדערהויז איז פלוצלינג פול-געוואָרן מיט ביאַליקס געזונטן, רוישיקפריילעכן: „גוט נ'אָוונט, יידן, גוט נ'אָוונט", איז אין שטוב געוואָרן אַ צעטומלט לויפעניש, ווי עמעץ וואָלט פלוצלינג אַראָפּגעפאַלן פון הימל.

איך מוז מודה-זיין, אַז ווען איך האָב דערזען ביאַליקן, האָב איך לכתחילה געהאַט אַפּגעפּסקנט ביי זיך: ניין, ס'איז נישט מעגלעך... ס'איז נישט ביאַליק... אַט-אַזוי זעט-אויס דער שלאַנקער פּרינץ, וואָס גייט-אַרום צווישן די טייכן פּרת און חדקל און שפּילט זיך מיט גילדערנע פייגל?

ווי קומט צו אַזאַ פּרינץ אָט-דער ברייטער רוסישער פּעלץ, אָט דאָס הויכע פוטערנע היטל און אָט-די גלאַנציקע, טיפע קאַלאָשן?

א דיקלעכער, א מיטל-וווקסיקער, מיט א פלײשיק-קײלעכיקן, א ביסל געשטופּלטן פּנים, מיט קלײנע, וואַרעמע, גרוי-בלוילעכע אויגן, וואָס זענען צופרידן געלאָפן גיך, גיך, אַהין און אַהער, האָט ער אויסגעזען ווי א רייכער רוסישער קופּיעץ, ווי א גרויסשטאָטישער זאַרגלאָזער באַרין און נישט ווי א פאַרצויבערטער פּרינץ צווישן פּרת און חדקל. אָבער ווי נאָר ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם רחבותדיקן פּעלץ, ביאַליק, ווי נאָר ער האָט אַראָפּגענומען דאָס אויסטערליש-הויכע פוטערנע היטל און איבער דער גאַנצער שטוב האָט זיך געגומען פונאַנדערשיטן זיין פריש-געזונטע פרייכלעכקייט, זיין הויכע, אָפענע שטים, זיין וואַרעם-ערלעך געלעכטער, האָב איך מיטאַמאָל פאַרגעסן אין דעם „פאַרכישופטן פּרינץ" דאָרט און א פאַרכליניעטער פון דער העלקייט און וואַרעמקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון אים, האָב איך שוין די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אונדזער הויז, מיין בליק נישט אָפּגעווענדט פון דעם צוגעלאָזענעם „באַרין".

ער האָט גערעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט, ביאַליק, נאָר נישט וועגן ליטעראַטור און איך האָב באַמערקט, ווי גלעמבאָצקי (דער העברעאישער שרייבער מ. בן-אליעזר), וועלכער איז גראָד געווען ביי אונדז, ווען ביאַליק איז געקומען, דרייט זיך נערוועז אויף דער שטול, פּרוּווט אַרויפפירן דעם שמועס אויף ליטעראַטור, אויף שרייבער, אָבער ביאַליק מאַכט זיך נישט הערן...

ביאַליק האָט זיך אויסגעפרעגט היימיש-רחבותדיק וועגן טאַטנס געזונט, וועגן דער שטוב, ער האָט דערציילט וויציקע מעשיות פון אָדעס, גערעדט א סך וועגן פאַרבלאָטיקט-ווינטערדיקן וואַרשע, זיך געקלאָגט אויף אָונטיקן חושך אין די גאַסן, דערציילט וועגן א העברעאישן שילער-אָוונט, וואָס איז פאַר זיין כבוד-וועגן איינגעאָרדנט געוואָרן, אין קרינסקיס גימנאַזיום, דאַכט זיך, געגוי זיך פונאַנדערגעפרעגט מכוח לאַכאָווערס פאַרלאַגגעשעפטן, אָבער וועגן ליטעראַטור גופא, וועגן דיכטונג אָדער וועגן שרייבער האָט ער עקשנותדיק אויסגעמיטן צו רעדן, כאָטש דער הויכער, קורצזיכטיקער בן-אליעזר מיטן ביין-קנאָפּ אין האַלדז, וואָס איז אים געלאָפן

גיך, גיך ארויף און אראָפּ, האָט נישט אויפגעהערט זיך צו הויבן פון אָרט און צו מרוזשען כסדר מיט די קליינע, שפּיציקע אויגן פון אונטער די גראָבע ברילן-גלעזער אפּער.

עס איז נישט געווען קיין שפּור פון שטייפקייט, פון אָנגעצווינגנקייט, ווי עס טרעפט אָפּט, ווען עס זיצט אַ נייער חשובער גאַסט ביים טיש. עס האָט גלייך פון ביאַליקן אַ שטראָם-געטון אַזאַ היימישע מילדקייט און נאַטירלעכקייט, אַזאַ זאָרגלאָזע גוטמוטיקייט, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזן: דו קענסט אים שוין פון לאַנג, אָט-דעם גוטן „פעטער פון אָדעס", מיט דעם קלאָר-אָפענעם, געמיטלעכן שמייכל, מיט די פּאָר שיטערע האָר אויפן גרויסן, קיילעכיקן קאָפּ, מיט דעם טיף-שוואַרצן, ברייט-געשניטענעם רו-סישן „סיורטוק", וואָס די זיידענע קנעפּ זיינע שיינען פון אים תמיד אַראָפּ מיטן יום-טובדיקן נחת פון אַ חתונה...

האָט ער, פאַרשטייט זיך, אויך אונדז, די יינגלעך, באַמערקט ביים טיש און גענומען זיך געבן פונאַנדערפרעגן ווו, ביי וועמען און וואָס מיר לערנען. דאָ האָט שוין דער טאַטע, וויפל ער זאָל נישט האָבן געוואָלט זיך צופּאַסן צו דער שטימונג פון גאַסט און באַרירן וואָס-ווייניקער ריין-לי-טעראַרישע ענינים, נישט געקענט זיך גובר-זיין און דערציילט ביאַליקן, אַז אהרן שרייבט העברעאישע שירים, וועלכע געפעלן די שרייבער, וואָס קו-מען אַריין צו אונדז. דערהערט אַזאַ געשיכטע האָט ביאַליק אָוועקגערוקט דאָס נישט-דערטרונקענע גלאָז טיי, פונאַנדערגעשפּרייט נאָך ברייטער די עלנבויגנס אויפן טיש און גענומען זיך איינקוקן שאַרף, דורכדרינגענדיק, מיט אַ געמאַכטער שטרענגקייט אין אהרנען, ווי ער וואָלט געוואָלט פרעגן:
— אַזוי גאָר, בהורעץ?... שוין אַזוי גיך געכאַפּט אין דער מעשה?

אהרן, אַ שטילער, אַ שעמעוודיקער, אַ מן-הצדיקער, האָט באַקומען רויטע פלעקן אויפן פּנים. ער האָט גענומען קוקן ערגעץ אונטערן טיש, ווו עס האָט זיך יתומדיק געוואַלגערט אַן עלנט שטיקל עפּל-שאָלעכץ.

— אַ נו, בחורל, לאָמיר אָקאָרשט אַ קוק-טון דיינע שירים — האָט ביאַליק צוריק צוגערוקט צו זיך דאָס אָוועקגעשטעלטע, אויסגעקילטע גלאָז טיי און האַסטיק, מיט איין שלונג כמעט, אויסגעטרונקען עס ביז צום דנאָ. גלעמבאָצקי האָט זיך שוין איצט געהויבן אויפן בענקל פון גרויס

שׂ מ ח ה : ס׳איז האָט פּ אָ ר ט גערירט... ביאַליק רעדט שוין פּ אָ ר ט וועגן שירים...

אהרן האָט אָבער אַליין זיינע העפטלעך ביאַליקן נישט דערלאַנגט. ער האָט נאָך אַלץ געקוקט אויפן שטיקל שאַלעכץ אונטערן טיש מיט קרום-לעך-אַראָפּגעלאָזטע אויגן. דער טאַטע האָט זיך געמוזט אויפהויבן און אויסזוכן די דינע שול-העפטלעך, אין וועלכע אהרן פלעגט אריינשרייבן זיינע לידער. ביאַליק האָט געמישט, געמישט אין די העפטלעך, געכאַפּט לכתחילה דאָ אַ קוק אויף אַ בלעטל, דאָ אַ קוק אויף אהרנען, ביז ער האָט זיך אין גאַנצן אַריינגעטון אין די שירים און גענומען לייענען כסדר בלעטל נאָך בלעטל. וואָס ווייטער ער האָט געלייענט, אַלץ ערנסטער איז ער גע-וואָרן; אויפן גרויסן, ברייטן שטערן זיינעם זענען אַרויפגעשפּרונגען לענג-לעך-קרומע קנייטשן און די אויגן זענען אים געוואָרן איינגעצויגענער, קלע-נער. ביי איין ליד, געדענק איך, האָט ער זיך גאָר לאַנג פאַרהאַלטן. איינמאָל איבערגעלייענט עס און גענומען עס אויפסניי לייענען. דערנאָך האָט ער ווייטער גענומען פירן די בליקן איבערן אָנהויב פון ליד, איבער די אוי-בערשטע שורות, ביז ער האָט איבערגעמישט דאָס בלעטל און אין אַ ווײַלע אַרום — צוריקגעמישט עס און ווידער זיך אַריינגעטון אין יענעם ליד. מיטאַמאָל האָט ביאַליק איבערגעריסן די אָנגעשטרענגטע שטילקייט פון דערוואַרטונג. מיט אַ שאַרפער, האַסטיקער באַוועגונג, ווי ביים אָננעמען עפּעס אַ פּלוצלינגען, פעסטן באַשלוס, האָט ער אַ פאַרמאַך-געטון דאָס לעצטע העפטל און עס דערלאַנגט דעם טאַטן:

— אַ פּאַר—טי—קער קבצן! — האָט ער געצויגן יעדן זילב פּאַמע-לעך און שניידיק.

אַ פּאַרטיקער פּאָעט, הייסט עס.

גלעמבאַצקי האָט זיך מיט אַ קרעכץ אַ הייב-געטון אויף דער שטול, פאַרמרוזשענדיק די אויגן אַזוי ווי ביי אַ צו-בלענדנדיק ליכט. דער ביין-קנאָפּ אין האַלדז איז אים געלאָפן האַסטיקער, שנעלער. לאַכאָווער האָט געקוקט אַ פאַרטראַכטער אויף די ביינאַכטיקע שויבן. דער מאַמעס פּנים איז באַגאָסן געוואָרן מיט רויטקייט. אהרן האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך איינגעקוקט אין טאַטן מיט גרין-צעוואַרעמטע אויגן. דער טאַטע האָט טרויעריק געשמייכלט...

שפּעטער, ווען מען איז אַלע, מיט ביאַליקן, אַרויף צו לאַכאָווערן אין שטוב און די לאַכאָווערע האָט זיך, אַ דערשוויצטע, געפּאָרעט אַרום דעם כיבוד פאַרן גאַסט, האָט מען אויך גערעדט וועגן אַהרנען און זיינע שירים. צו גלעמבאַצקיס אַנטציקונג האָט שוין איצט ביאַליק כסדר גערעדט מכות ליטעראַטור און שרייבער. ביאַליק האָט געלויבט אַהרנס טאַלענט, גערימט זיין סטיל, זיין העברעאיש, פאַרגעזאָגט אים אַ צוקונפט אין דער העברע-אישער ליטעראַטור. דערנאָך האָט שוין ביאַליק גענומען אויפן צימבל די אַדעסער שרייבער. מיט איין קער מיט דער פּלייצע, מיט איין קנייטש מיטן פּנים, מיט איין צי מיט דער דיקער, פליישיקער נאָז, האָט ער „אָפּגעפּאָר-טרעטלט" אַ שרייבער: איין כהרף-עין און פאַר די אויגן האָבן זיך אוועק-געשטעלט לעבעדיקע דאָ מענדעלע, דאָ ראַווניצקי, דאָ פיכמאַן. עס זענען אוועק אַזוי שעהן און ווען ביאַליק האָט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ-געטון צו זיין גראָבן גילדענעם זייגער, איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט.

לאַנג, לאַנג נאָך ביאַליקס אוועקגיין איז דער העלער קלאַנג פון זיין רחבותדיקער שטים געווען צעשאָטן איבער אַלע ווינקלען פון שטוב, אי-בער די ווענט, איבער די שויבן.

# קאַפּיטל 8

## זומער־לעבן!

אויף איבערן זומער פלעגט זיך דאָס „ליטעראַרישע הויז" אַריבערטראָגן אין איינעם פון די דאַטשע־ערטער הינטער וואַרשע, ס'רוב אויף דער אָטוואָצקער „ליניע". דאָ, אויף דער באַרימטער „ליניע", פלעגט זיך אין די זומער־חדשים קאָנצענטרירן כמעט דאָס גאַנצע וואַרשעווער יידיש־ליטעראַרישע לעבן, דאָ האָט מען געקענט באַגעגענען גאָר דעם ליטעראַרישן עולם, פון די גדולים ביז די סאַמע־ייִנגסטע אָנפאַנגער. נישט איין שיינער ליטעראַרישער פּלאַן איז דאָ, אויף דער „ליניע", געבוירן און... באַגראָבן געוואָרן. און נישט איין וווּנדערלעכער חלום, וואָס איז געוועבט געוואָרן פון יונגע, ענטוזיאַסטישע דיכטער אין דער וואַרעמקייט פון די גאָלד־אויסגעשטערנטע אָטוואָצקער זומער־נעכט, איז דאָ צערונען און אַוועק מיטן אומעטיקן קריי פון די דאָרפישע הענער...

געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן אין וואַרשע, אין די לאַנגע ווינטער־חדשים, נישט אַרויפקומען צו אונדז אין שטוב, אָדער פלעגן זיך דאָרט יאָוועען זייער זעלטן. פאַר דאָס אָבער זענען זיי געווען אונדזערע אָפטע געסט, ווען מיר פלעגן זיך אַריבערטראָגן אויף דער „ליניע". און אַז די „ווינטערדיקע" שטאָם־געסט פלעגן זיך, אין די שמעקעדיק־צעבליטע שבת־פרימאָרגנס, באַגעגענען אויף אונדזער דאַטשע מיט די „זומערדיקע", פלעגט ווערן אַ ליהודימדיק־טומלדיק גריסעניש, ווי אויף אַ חתונה. ביים העלן שמייכל פון דער זון, ביים סאַמעט־ווייכן רויש פון די נאָדל־ביימער

אין אַרומיקן וואַלד, פֿלעגן זיך דאָ שטאָטיש-צעקריגטע, אָפּט ברוגזדיק-אָנגעכמורעטע שרייבער, איבערבעטן איינער מיטן אַנדערן, און ביים פּריי-לעך-מונטערן קלאַנג פֿון גאָפּל-מעסער בעת דער שבתדיקער סעודה פֿלעגט מען שוין גאָר אין גאַנצן זיין צווישן זיך פֿאַן-בראַט.

אין מיעדזעשין, אַ זומער-פּלאַץ אויף דער „ליניע", האָבן מיר גע-וווינט אין אַ באַזונדער הילצערן הייזל, וואָס איז געשטאַנען ביים ראַנד פֿון אַ געדיכטן, שוואַרץ-גרינעם סאָסנע-וואַלד. די לאַנגע צווייגן פֿון די ביימער האָבן זיך געשפּרייט איבערן קאָפּ פֿון אונדזער הייזל, ווי די פֿינגער פֿון כהנים ביים דוכענען.

אינעם זעלבן הייזל האָט, חוץ אונדז, געוווינט דער פֿאַרלעגער ב. שימין, צו וועלכן עס פֿלעגט אויך אַ גאַנצן זומער אַראָפּקומען חברה-שריי-בער, דער עיקר אַזעלכע, וואָס שימין האָט זיי צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן זייערע זאַכן און אַהער טאַקע פֿלעגן זיי זיך אַראָפּכאַפּן אַ טאָפּ-טון דעם דופּק און זיך דערוויסן וואָס עס הערט זיך מכוח אַכצן און דרייצן: ווי האַלט עס עפּעס מיטן אַרויסגעבן דאָס ביכל און צי קען מען פֿאַר איין וועגס כאַפּן אַ פּאָר קערבלעך עד לחשבון...

פֿלעגן זיך אונזערע געסט אויסמישן מיט שימינס, די „גרענעצן" פֿלעגן פֿאַרווישט ווערן, די טישן פֿוןביידע וועראַנדעס, — אונדזערע און שימינס — פֿלעגט מען אַראָפּטראָגן און אוועקשטעלן, צו-זאַמענגערוקטע, אונטערן וואַרעם-בלויען הימל און איידער וואָס - ווען, איידער מען פֿלעגט נאָך עפּעס טועם-זיין, פֿלעגט שוין אַן אָפּן העל-פֿריילעך געזאַנג זיך צונויפֿמישן מיטן לוסטיק-זאַרגלאַזן צוויטשערן פֿון די פֿייגל אין וואַלד.

דאָ, אין מיעדזעשין, האָב איך, שפּאַצירנדיק מיטן טאַטן אין איי-נעם אַן אָנהויב-זומערדיקן, קיל-ווייסן פֿאַרמיטאָג, ס'ערשטע מאָל באַגעגנט נאָמבערגן, וועגן וועלכן איך האָב אָפּט געהערט רעדן אין וואַרשע, נאָר עס איז מיר נאָך נישט אויסגעקומען צו דערקענען אים נעענטער. ער איז געווען אַ קליינינקער, אַ דינער, מיט דאַרע, האַלב-קיילעכיקע פּיס, אָבער אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ גרויסן, גאַרנישט אין פּראָפּאָרץ צו זיין פֿיגור. אַ פּאָר גרינלעך-גרויע אויגן, פֿאַרצויגן מיט אַ לייכטן נעפּל, האָבן קלוג און דורכדרינגענדיק אַרויסגעקוקט פֿון אונטערן גרויסן, צעקנייטשטן

שטערן אָפּער. נאָמבערג האָט גערעדט גיך, גיך, אויף אַ טיף־פּוילישן יידיש, מיטן „יאָך" און מיטן „וווּ", דער טאַטע ווידער האָט גערעדט אויפן עכט־ליטווישן דיאַלעקט און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי פאַרשטייען זיך נישט. עס האָט זיך מיר געגלוסט צו לאַכן, ווען יעדע ווײַלע האָט נאָמבערג איבערגעפרעגט דעם טאַטן: וווּ־ע? און דער טאַטע האָט אים צוריקגעפרעגט: וו־אַ־אָ־ס? שפּעטער, ווען נאָמבערג האָט אָנגעהויבן אָפטער אַרײַנצוקומען צו אונדז און צו שימינען, האָב איך מיך צוגעוווינט צו זיין אויסשפּראַך און אויך דער טאַטע האָט אים שוין גוט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך אָפט געשפּאַרט מיטן טאַטן, נישט געקענט באַגרייפן זיין גוואַלדיקע צוגעבונדנקייט צו רעליגיע און דעם אייפער, מיט וועלכן דער טאַטע פאַרטיידיקט זיין רעליגיעזן קוק אויפן לעבן און נאָך דעם זעלבן זומער, דאַכט זיך, האָבן זיי עפּנטלעך שאַרף צווישן זיך פּאָלעמיזירט. דאָס האָט זיי אָבער, פאַרשטייט זיך, נישט געשטערט אָנצוהאַלטן צווישן זיך קאָרעקטע און אַפילו פרײַנטשאַפטלעכע באַציאונגען. דער טאַטע האָט שטאַרק געהאַלטן פון נאָמבערגס פּקחות, פון זיין אָפענעם און קלאָרן באַנעמען זאַכן און געשעענישן, פון זיין בליץ־שנעלער אָריענטאַציע, פון זיין פעאיקייט טרעפלעך צו  ד ע פ י נ י ר ן  אָט־די געשעענישן און אָפּצושאַצן זייער באַדײַטונג. נאָמבערג ווידער האָט אַלעמאָל באַוווּנדערט דעם טאַטנס סטיל, זיין טעמפּעראַמענט און לירישן אַרט שרייבן.

גענווינט האָט ער, נאָמבערג, אין מיעדזעשין, אין אַ פּענסיאָנאַט, ווו עס האָבן אַ גאַנצן טאָג געגרילצט אַלט־פרענקישע הייזעריקע גראַמאָפאָנען און ווו דיקע נאַלעווקער ווייבער האָבן כסדר געפּאַטשט מיט די ליפּן, באַלעקנדיק זיך פון די פעטע, שטאַפּיקע עסנס. ער האָט זיך אָפט געקלאָגט, אַז מען לאָזט אים נישט שלאָפן אין דעם פּענסיאָנאַט, אַז אַ גאַנצע נאַכט קריכט מען דאָרט אַרום אין די קאָרידאָרן, און ווי שפּעט ער, נאָמבערג, זאָל נישט אַהיימקומען זיך לייגן, געפינען זיך פּענסיאָנאַט־ווייבלעך, וואָס קומען אַ היים  נ אָ ך  שפּעטער און ווען ער ווערט שוין, מיט מזל, אַנטשלאָפן פאַרטאָגס, נעמען זיך באַלד צו אים די פּענסיאָנאַט־הענער און „רייסן אים אַראָפּ דעם קאָפּ" מיט זייער קרייען... פונדעסטוועגן האָט ער זיך געפוילט, נאָמבערג, אַריבערצוקלייבן אין אַן אַנדער פּענסיאָנאַט אַריין, בפרט, ווען אין דעם זעלבן „עס־אינסטיטוט" האָט אויך געווינט זיין

פריינט אברהם רייזין, וועמען עס האָבן נישט געאַרט — נישט די אָנגע-פּרעסענע ווייבער און נישט די בייזע הענער. און וויבאַלד ר ײ ז י נ ע ן שמעקט דאָ — פּאַרוואָס-זשע זאָל ער עפּעס אַנטלויפן פון דאַנען?

— עיא שלאָפט ווי אַ געהרגעטאַ — פּלעגט אים נאָמבערג פאַרקלאָגן און... מקנא-זיין.

רייזין פּלעגט זיך דערויף גוטברודעריש פונאַנדערלאַכן, ווייזנדיק אַ שורה ליכטיקע ציין, וואָס האָבן זיך, אויפן פאָן פון זיין טונקל-ברוין, ציגיינעריש געזיכט, אָפּגעשלאָגן מיט אַ מאָדנער שנייאיק-בלענדנדיקער ווייסקייט. שפּעטער, אין אַ יאָר-צוויי אַרום, האָט רייזין זיך געלאָזט אַריינשטעלן אַ פּאָר גאָלדענע ציין און דער געמיש פון ווייס און גאָלד און טונקל-ברוין האָט דאַן צוגעגעבן זיין לענגלעך-קאַנטיקן פּנים אַ משונהדיק-שאַרפן רייץ.

אפשר דערפאַר טאַקע, וואָס נאָמבערג האָט זיך געפילט נישט גע-הויבן אין דעם טומלדיקן מיעדזעשינער אכילה-אינסטיטוט, פּלעגט ער זייער גערן פאַרברענגען אין אונדזער זייטיק, אַליין-שטייענדיק זומער-הייזל, כאָטש אויך ביי אונדז איז געווען גענוג טומלדיק און רוישיק. דאָ איז ער אָבער געווען אין דער היים, אַרומגערינגלט פון פריינט און קאָלעגן און — דער עיקר — פון מיידלעך, קורסיסטקעס אָדער סתם „ליטעראַרישע ביילאַגעס", מיט וועלכע נאָמבערג פּלעגט לאַנגע שעהן אַרומשפּאַצירן אין דערבייאיקן וואַלד אָדער אויף דער דערנעבנדיקער געל-אויסגעקראָכענער „פּאָליאַנע".

אין זייערע פרייע זומער-טעג פּלעגן זיך קורסיסטקעס פון האַלפּערנס און אַלטערמאַנס פּרעבל-שולן אַראָפּכאַפּן אויף דער „ליניע", כדי צו פאַר-ברענגען אַ פּאָר שעה אין דער סביבה פון „גדולים", פון שרייבערס. זיי, די קורסיסטקעס, זענען עס געווען די „פּאַטשט" פון ליטעראַרישע פּליאָט-קעס: אויף דער „ליניע" פּלעגן זיי אויספּאַקן די מיטגעבראַכטע, על-פּי-רוב גוטמוטיקע און אומשולדיקע, רכילותלעך אויף די-אין-וואַרשע-איבערגע-בליבענע „ווינטערדיקע" שרייבערס און אַהיים — אין שטאָט אַריין, פּלעגן זיי צוריקפירן אַ פ ר י ש פּעקל פּליאָטקעלעך און גלאַט מעשיות וועגן די „זומערדיקע"...

נאָמבערג פּלעגט חוזק מאַכן פון די קורסיסטקעס, וואָס האָבן „גע-

חלשט אויף העברעאיש", אָבער א באַזונדער ליצנות פלעגט ער טרייבן, ווען עס פלעגט זיך צו אים צוטשעפּען א נודנע „ליטעראַרישע ביילאַגע". ווער שמועסט נאָך, אז די „ביילאַגע" האָט געטראָגן ברילן און האָט נאָך דערצו נאָכגעיאָגט נאָמבערגן און אים דווקא געוואָלט מהנה-זיין מיט אירס א „ליטעראַרישע שאַפונג", אויפן „שוים פון דער נאַטור", דערקוויקן אים מיט איר „האַרץ" און „שוואַרץ", און „שמאַרץ", דעמאָלט פלעגט ער זיך מיט דער „ביילאַגע" אָפּרעכענען אויף אַזאַ בייסיקן שטייגער, אז זי פלעגט אים שוין מוזן צורו-לאָזן מיט אירע „שאַפעכצער" און פאַרזאָגן א צענ-טער „ביילאַגע" נישט אָנצוהויבן מיט נאָמבערגן.

איין מאָל, ווען נאָמבערג האָט זיך בשום אופן נישט געקענט אָפּ-טשעפּען פון עפּעס א מיאוסער „ביילאַגע", וועלכע איז אים נאָכגעלאָפן מיט א פעקל העפטלעך אונטערן אָרעם, האָט ער באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון איר דורך א ספּעציעלן טריק, וועלכן ער האָט שוין שפּעטער אָפּט באַ-נוצט אין ענלעכע פאַלן. דער טריק איז באַשטאַנען אין אַן עפנטלעכן דער-קלערן זיך דער „ביילאַגע" אין... „ליבע". און געטון האָט ער אַזוי: ער האָט אַרויסגענומען פון דער מאַרינאַרקע-קעשענע, מעשה-עלעגאַנט, א ווייס-זיידן טיכל מיט שפּיצן, א שפּריט-געטון עס האַסטיק אויף דער ערד און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני פאַר דער באַברילטער, קרומנאָזיקער „ביילאַגע". די „ביילאַגע" איז געבליבן שטיין א צעחושטע און די העפט-לעך זענען איר, דאַכט זיך, אַרויסגעפאַלן פון אונטערן אָרעם. נאָמבערג האָט פאַרגלייזט די אויגן און געטונען זינגען מיט זיין הייזעריקלעכער שטים, אויסשטרעקנדיק זיינע הענט צו דער „ביילאַגע", ווי צום געבעט:

„שיין ביסטו, ליבטשו,
ליבטשו,
שיין ווי די גאַנצע וועלט,
שיין ווי די גאַנצע וועלט,
נאָר איין חסרון שטעקט אין די—א:
האָסט קאַ׳ גראָשן געלט;
נאָר איין חסרון שטעקט אין דיא —
האָסט קאַ׳ גראָשן געלט...

דער עולם אַרום האָט געשטיקט אין זיך ס'געלעכטער. די „ביילאַגע" איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ צעטומלטע, אַ געפּלעפטע. זי האָט נערוועז גע-פינגערט מיט די קורצזיכטיקע אייגלעך און נישט גערירט זיך פון אָרט. און נאָמבערג האָט דערווייל ווייטער „געשפּילט די קאָמעדיע". ער האָט גענו-מען זינגען אַ ווייטערדיקע סטראָפקע פון דעם איראָנישן ליבע-לידל:

אוי, געלט איז דאָך קאַלעכיק,
קאַלעכיק,
געלט קאַלערט זיך אַוועק,
געלט קאַלערט זיך אַוועק,
כעל מאַך שיסן,
כעל מאַך הענגען,
שענק מא דאַן פאַרטרע—ע—ט;
כעל מאַך שיסן
כעל מאַך הענגען
שענק מא דאַן פאַרטרעט!

איצט האָט זיך שוין חברה נישט געקענט מער איינהאַלטן און די „באָמבע" האָט געפּלאַצט. איבערן וואַלד אַרום, איבער דער געלבער פּאָ-ליאַנע, האָט זיך גענומען שיטן אַ ברייטער הילכיקער „כאַ-כאַ" און „כאַ-כאַ". ערשט איצט האָט זיך די „ביילאַגע" געכאַפּט, וואָס דער פּסוק מיינט און אין גאַנצן אַ רויטע, אַ צעהיצטע, האָט זי זיך נעבעך געלאָזט לויפן פאַראויס, צו דער באַן-ליניע, וואָס פירט צוריק אין שטאָט אַריין...

— ז'אי שוין אַוועק? — האָט נאָמבערג זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן פון דר'ערד, אָפּגעשטויבט דאָס זיידענע טיכעלע און געלאָזן עס אַריינ-געלייגט אין דער פאָדערשטער מאַרינאַרקע-קעשענע — ני, לאָ' זיין גע-לויבט דאַ אייבערשטאַ...

אויב עס מיינט ווער, אַז נאָך דער דאָזיקער סצענע האָבן זיך די „ליטעראַרישע ביילאַגעס" אין מיעדזעשין שוין אין גאַנצן אָפּגעטשעפּעט פון נאָמבערגן, האָט ער אַ טעות. אויף אַ פּאָר וואָכן בלויז האָבן זיי אים צורו געלאָזט מיט זייערע „שאַפונגען", נישט אַוועקגעשטעלט זיך אין מיטן וואַלד אים לייענען זייערע „געדיכטן" וועגן דער „זילבערנער לבנה" און

וועגן דעם „פאַרחלומטן טיכל״. שפּעטער, אין אַ צוויי-דריי וואָכן אַרום, האָבן אייניקע פון זיי ווידער געפּרוווט מזל ביי נאָמבערגן און נאָמבערג האָט ווידער געמוזט אָנווענדן זיין „דערפינדונג״ מיט דער ליבע-דערקלע-רונג. און נישט איין מאָל נאָך האָט אין טונקל-גרינלעכן וואַלד אַרום אונ-דזער הייזקע אָפּגעהילכט אַ רווישיק-פרייליך געלעכטער, ווען נאָמבערג האָט מקיים-פּסק געווען אַ זלידנער „דיכטערין״ און האָט איר געשוווירן ביים הימל:

כ׳על מאַך שיסן
כ׳על מאַך הענגען,
שענק מאַ דיין פּאָרטרעט!

:: :: ::

שרייבער, וואָס פלעגן אַראָפּקומען קיין מיעדזעשין, צו אונדז אָדער צו שימינען, „אויף אַ פּאָר שעה בלויז״, פלעגט מען, פאַרשטייט זיך, נישט לאָזן באַלד צוריק פאָרן אין שטאָט אַריין. מען פלעגט זיי פאַרהאַלטן אויף איבער נאַכט און אָפט פלעגן זיי שוין פאַרבלייבן אויף אַ היפּשע פּאָר טעג. און אַז עס פלעגט זיך צונויפפאָרן אַ גאַנצע חברה אויף אַמאָל און קיין אָרט צו שלאָפן פאַר אַלעמען האָט נישט געסטייעט, פלעגט מען אויף די ווערענדעס פונאַנדערלייגן שענניקעס מיט פריש-שמעקעדיקן שטרוי, אויף וועלכע עס האָט זיך געשמאַק, טיף-זומערדיק געכראָפּעט...

בייטאָג פלעגט זיך חברה ס׳רוב פונאַנדערגיין איבער דער „ליניע״: ווער עס פלעגט זיך אַוועקלאָזן צו פוס איבער די שכנותדיקע דאַטשע-ער-טער באַזוכן פריינט אָדער באַקאַנטע פון שטאָט און ווער עס פלעגט זיך גאָר, אין אַ חמימותדיקן טאָג, אַראָפּכאַפּן מיט דער קאָלייקע קיין שווידער, אָפּטובלען זיך אינעם דאָרטיקן פלאַכן, געלב-מוטנעם טייכל. אַ טייל ווידער פלעגט סתם פאַרפאַלן ווערן אויף אַ גאַנצן טאָג אין די קיל-טונקעלע באַ-העלטענישן בונעם מיעדזעשינער וואַלד און אַרויסקומען פון דאָרטן פלעגן זיי ערשט פאַרנאַכט-צו, ווען די זון האָט זיך שוין גענומען זעצן און... ווען דער הונגער האָט שוין גוט גענומען דערקוטשען. דעמאָלט ערשט פלעגט זיך חברה צוזאַמענקומען מארבע פּינות ה„ליניע״ און פאַרצוקן מיט

א וועלפישן אפּעטיט די סמעטענע, מיט די זיסע אוגערקעס, מיט די פרישע זעמעלעך, וואָס מען האָט אָוועקגעשטעלט אויפן וועראַנדע-טיש.

דער איינציקער, וואָס איז נישט אָפּגעטרעטן „מפתח ביתו", נישט פאַרלאָזט טעג גאַנצע אונדזער מיעדזעשינער הייזקע, איז געווען משה סטאַווסקי. א שווייגנדיקער, א פאַרשלאָסענער אין זיך, פלעגט ער אָפט לאַנגע שעהן אָפּזיצן איינער אַליין אויף דער וועראַנדע פון שימינס אָדער פון אונדזער דירה און קוקן שטאַר אויף א קרום-אראָפּהענגענדיקער צווייג פון א טונקל-גרויען נאָדל-בוים אָדער אויף א בלאַסער רויז, וואָס איז איינזאַם געוואַקסן אונטערן פענצטער. אראָפּגיין פון דער וועראַנדע פלעגט ער ערשט דעמאָלט, ווען ער פלעגט דערהערן „פאַרדעכטיקע" קולות פונעם דערנעבנדיקן „קורניק", ווו די הענער מיט די הינער האָבן זיך, מסתמא, נישט געקענט איינטיילן מיט דער אכילה און האָבן זיך „געריסן ביי די קעפּ", אָדער — ווען דער חזיר, וואָס האָט זיך געכאָוועט ביים גויישן סטרוזש, האָט זיך גענומען קראַצן דווקא ביים ווענטל פון אונדזער ווע-ראַנדע און האָט, אַזוי-אַרום, מודיע-געווען, אַז ער, דער ערווירדיקער חזירוק, בכבודו ובעצמו, האָט נאָך הנאה פון ד ע ר וועלט... דעמאָלט פלעגט דער אומעטיק-פאַרקלערטער סטאַווסקי ווערן גאָר אַן אַנדערער: אין די גרינלעך-גרויע אויגן זיינע, וואָס זענען, דאַכט זיך, געווען מאַט-איינ-געלאָשן, האָט גענומען פלאַקערן א ליכטיק-פריילעך פלעמל, די לאַנג-אראָפּ-געלאָזטע, גראָבלעכע נאָז איז געוואָרן דינער, שפּיציקער און די ברייטע פּלייצע זיינע, וואָס איז, מחמת זיין הויכקייט, געווען א ביסל איינגעבויגן, פלעגט זיך אויסגלייכן. אַן אויפגעלעבטער, אַן אויפגעהייטערטער, פלעגט ער האַסטיק אראָפּגיין פון דער וועראַנדע און פון זיין גוטן שמייכל איז קענטיק געווען, אַז ער האָט שטאַרק הנאה פונעם חזירס הנאה. דעם דבר-אחר פלעגט ער נישט אָוועקטרייבן אפילו דאַן, ווען פון זיין קראַצן זיך האָבן זיך די דינע ווענטלעך פון דער וועראַנדע אַזוי געטרייסלט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט: אָט-אָט צעפליען זיי זיך, די ברעטלעך, אויף אַלע זייטן. ער פלעגט שטיין און אָנקוקן אַזוי לאַנג, ביז עם פלעגט זיך יאָווען די דינסט מיטן וואַלגערהאָלץ, אָדער ביז דעם גוים ווייס-האָריקע יאַטלעך פלעגן זיך צונויפלויפן, כדי אָהיימצוטרייבן די חזירשע אבדה.

איין מאָל, נאָך אַזאַ מעשה, איז ער אַרויף אויף שימינס וועראַנדע,

האַסטיק אַרויסגעצויגן פֿון בוזעם-קעשענע אַ פּאָר לענגלעך-געשניטענע בייגעלעך פּאַפּיר און גענומען גיך, גיך זיי באַשרייבן. ער האָט זיך אין גאַנצן אַריבערגעבויגן איבער די פּאַפּירלעך, אַזוי ווי ער וואָלט זיי גע-וואָלט איינשלינגען, אָדער אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט עמעצער זאָל זיי אים נישט צוכאַפּן. איך האָב מיך שטילערהייט צוגעגנבעט צו דער וועראַנדע, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף די הילצערנע שטאַכעטלעך און גע-וואָרפן אַ נייגעריקן קוק אויף אַ באַשריבן בייגעלע. אין דער הויך, אין סאַמע אָנהויב פֿון פּאַפּיר, האָב איך דערבליקט דאָס „קעפּל" פֿון דעם געשריפטס: „אַ מעשה מיט אַ חזיר"...

איצט ערשט האָב איך פֿאַרשטאַנען הלמאי סטאַווסקי איז אַזוי שווייגנדיק צווישן מענטשן, צווישן חברים: באמת נאָענט איז אים גאָר די וועלט פֿון חיות, פֿון בהמות און עופות, אין ד ע ר וועלט פֿילט ער זיך היימיש, לעבט ער אויף, עטעמט ער פֿרייער, גיכער און דערפֿאַר קוקט ער מיט אַזאַ פֿרייד און ליבשאַפֿט אויף די קי, וואָס ווערן געטריבן פֿאַרביי אונדזער הייזקע, יעדן פֿרימאָרגן און פֿאַרנאַכט, דורכן באַרוועסן און פֿאַר-ריסטן פּאַסטעכל פֿונעם שכנותדיקן אַלט-מיעדזעשינער דאָרף, דערפֿאַר גלעט ער עס תמיד אַזוי צאַרט דעם שוואַרץ-אומעטיקן קודלאַטן הונט, דעם סטרוזשס, ווען נאָר דער כלב גענענט צו דער וועראַנדע און בעט שטי-לערהייט, מיט פֿאַרטרערטע אויגן, אַ ביינדל פֿון טיש, און דערפֿאַר — באַ-שרייבט ער כמעט קיינמאָל נישט קיין מענטשן און מענטשלעכע איבערלע-בענישן — זיי גייען אים אָפּנים ווייניק וואָס אָן — און די העלדן פֿון אַלע זיינע נאָוועלן און דערציילונגען זענען בהמות, עופות אָדער שטו-ביקע חיות.

אָבער — פּטור בלא כלום אי אפשר. גאָר אין גאַנצן אָפּזונדערן זיך פֿון חברה פֿלעגט זיך סטאַווסקין, פֿאַרשטייט זיך, נישט איינגעבן. ווען עס פֿלעגט צופֿאַלן די נאַכט און דער עולם פֿלעגט זיך נעמען צוזאַמענקלייבן, צו אונדז און צו שימינען, מיט געפּילדער און געטומל, פֿלעגט זיך סטאַוו-סקי מוזן „אונטערגעבן": ער פֿלעגט דעמאָלט אַרויסגעריסן ווערן פֿון זיין איינזאַמקייט און פֿאַרשלאָסנקייט און מיטאַריינגעצויגן ווערן אין טומל, אין שמועס, און — דער עיקר — אין דעם זומער-נאַכטיקן שפּיל אין „מיי-בונגען", וואָס פֿלעגט זיך אָפּט פֿאַרציען לאַנגע שעהן, ביז עס פֿלעגט זיך

דערהערן דאָס סקריפּען פון די פּאַרטאַגיקע דאַרפישע וואָגנס, וואָס פירן שוין מילכוואַרג אין די אַרומיקע דאַטשע־מערק. אַט־דאָס שפּיל אין „מיי־נונגען" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איינער פון די שפּילער — אַלע־מאָל אַן אַנדערער — האָט אָנגערופן עפּעס אַ קעגנשטאַנד, אַ נאָמען, אַ באַצייכענונג און איז אויף איין מאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין... אַ שטיין, למשל, אין אַ וואַסער, אַ בוים, אַ קעניג, אַ שוסטער, אַ פויגל, אַ הימל, אַ וואָלקן, אַ הונט, אַ קאַץ, אָדער סתם־אַזוי אין אַ „שיינעם יונגנמאַן". אַלע איבעריקע באַטייליקטע אין דער שפּיל פלעגן דאַרפן אַרויסזאָגן זייע־רע מיינונגען איבער דעם בעל־דבר.

די דאָזיקע מיינונגען פלעגן אָבער נישט איבערגעגעבן ווערן דעם „קעניג" אָדער דער „קאַץ" דירעקט, דורך די באַטייליקטע אין שפּיל. דערויף איז געווען באַשטימט אַ ספּעציעלער „קאָמיסאַר", אַ מיינונגען־קלויבער, וואָס זיין עובדא איז באַשטאַנען אין אַרומגיין פון איין שפּילער צום צווייטן, אויפנעמען און פאַרגעדענקען יעדערנס מיינונג וועגן דעם אָביעקט פון דער שפּיל. ווען דער „קאָמיסאַר" האָט שוין געהאַט אויפ־געקליבן אין זכרון אַלע מיינונגען, וואָס זענען אים איינגערוימט געוואָרן אויפן אויער דורך די באַטייליקטע, פלעגט ער זיי דאַן, לויט אַ סדר, רע־פערירן פאַרן בעל־דבר, נישט אָנגעבנדיק, פאַרשטייט זיך, ווער עס האָט וועגן אים אַרויסגעזאָגט די אָדער יענע מיינונג. דער אויפגאַב פון דעם „דעלינקוועגט" איז טאַקע געווען צו טרעפן ווער וואָס עס האָט וועגן אים געזאָגט. האָט ער געטראָפן — האָט יענער, דער מיינונג־זאָגער, פאַר־נומען ס'אָרט פון דעם פריערדיקן „קרבן" און מען האָט שוין דעמאָלט וועגן אים, דעם פרישן, אַרויסגעזאָגט מיינונגען.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ שפּיל פלעגט אָפטמאָל אויסגענוצט ווערן אויף אָפּצורעכענען זיך מיט אַ ליטעראַרישן קעגנער, אַריינצושטעכן אים אַ שפּילקע, „אַריינצוזאָגן" אים, ס'רוב אָבער פלעגן עס זיין גוטמוטיקע און וויציקע מיינונגען, פון וועלכע דער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט, אָנגעקוואָלן, באַטראַכטנדיק די שפּיל אַלס גוטן צייט־פאַרטרייב און פיינעם גייסטיקן ספּאָרט. אַזוי ווי דער „קאָמיסאַר", דער מיינונגען־קלויבער, האָט געדאַרפט זיין אַ גוטער בעל־זכרון, און דערצו נאָך האָט ער געדאַרפט פאַרמאָגן אַ סך טאַקט — „דערלאַנגען" די מיינונגען אין אַן אַנטשפּרעכנ־

דיקער, אָפּט-געמילדערטער פּאָרעם, אָפּרייבנדיק די נישט-נויטיקע שפּיצן — און, דער עיקר, גוטמוטיקן הומאָר, פלעגט מען ס'רוב באַשטימען אַלס „קאָמיסאַר" נאָמבערגן. מיט זיין גיכער אָריענטאַציע, גוטן זכרון, פיינעם חוש פאַר טאַקט און איינגעבוירענעם הומאָר, האָט ער דעם דאָזיקן „ערן-אַמט" באַקליידט מיט דער נויטיקער חשיבות, אַרויסווייזנדיק ביים דערפילן זיינע פונקציעס אַ מערקווירדיקע ראַפינירטקייט און כאַראַקטער-קענטעניש. טאָמער האָט זיך געמאַכט אַמאָל, אַז „קאָמיסאַר" איז געווען אַן אַנדערער און ער, נאָמבערג, איז געווען דער „קרבן", איבער וועלכן מען האָט געדאַרפט אַרויסטראָגן מיינונגען, האָט ער כמעט אַלע מאָל געטראָפן ווער עס האָט וועגן אים עפּעס געזאָגט. ער האָט זיך עס, ווייזט אויס, משער-געווען נישט בלויז דורכן אויסדרוק פון פּנים, וואָס פלעגט אַמאָל פאַרראַטן דעם מיינונג-זאָגער, נאָר אויך דורכן אינהאַלט און דורך דער פאָרעם פון דער מיינונג גופא. און טאָמער האָט נאָמבערג אַליין געדאַרפט אַרויסזאָגן אַ מיינונג, איז די מיינונג אַלעמאָל געווען שאַרף, קורץ און בייסיק, געהילט אין דינעם, איידעלן הומאָר.

אין דער שפּיל אין מיינונגען פלעגן ס'רוב, חוץ די באַלעבאַטים פון שטוב, — ס'הייסט: חוץ דעם טאַטן און דעם קליין-געוויקסיקן, אַלעמאָל-לאַכנדיקן שימינען, מיט די קליינע, לויפנדיקע אויגן און שרעקלעך-דינע פיס — זיך באַטייליקן רייזין, נאָמבערג, קאַסעל, קאַרלינסקי, סטאַווסקי, אָפּט אויך מאַסטבוים און קאַנאַנאָווסקי. איין מאָל, אין אַ פאַרנאַכט, איז אויך אַראָפּגעקומען פון שטאָט, צו דער מיינונג-שפּיל, שלום אַש. די שפּיל איז אים נישט געפעלן געוואָרן. ער איז געזעסן אַן אָנגעברוגזטער, אַ שווייגנדיקער, און זיינע גרויסע, שוואַרץ-קײַלעכיקע אויגן, האָבן געקוקט מיט עפּעס אַ מאָדנער פרעמדקייט אויף אַלע אַרום. לאַנג איז ער נישט געזעסן, שלום אַש. אין מיטן דער שפּיל האָט ער זיך אויפגעהויבן, דערלאַנגט דעם טאַטן און שימינען אַ דיקע, רויטלעכע האַנט, אַ שאָקל-געטון מיטן האַרטן, שוואַרצן קאַפּעלוש צו די איבעריקע און — אַ לאָז-געטון זיך צוריק צו דער באַן, אין שטאָט אַריין...

אין דער שפּיל פלעגט זיך, חוץ לזה, באַטייליקן מיין עלטערער ברודער, אהרן, און, פאַרשטייט זיך, אויך די „ליטעראַרישע ביילאַגעס" און קורסיסטקעס, וועלכע פלעגן שטראַלן פון התפּעלות און גליק, וואָס זיי

קענען אויך אמאל ארויסזאגן א מיינונג איבער אן אנערקענטן שרייבער. נישט אלע „ליטערארישע ביילאגעס" האבן געהערט צום „מין היפה". עס זענען אויך געווען מענלעכע „ביילאגעס", ס'רוב באלעזענע יונגעלייט, וואס פלעגן אין שטאט, אין די ווינטער-אוונטן, ארויפקומען צום טאטן און פארנודיען אים מיט זייערע קלאץ-קשיות וועגן משיחן, וועגן „השארת-הנפש" און וועגן „מרכז רוחני". אייניקע פון זיי האבן דעם טאטן נישט אפגעלאזט אויך זומער-צייט, ווען ער פלעגט ארויספארן זיך אפרוען, און זיי פלעגן זיין ביי אונדז אפטע געסט אויך אויף דער „נאדוויסליאנער" ליניע (ווי מען פלעגט דעמאלט רופן די דאטשע-ערטער אויפן שטח צווישן וואווער און אטוואצק). איינער פון די דאזיקע „ביילאגעס", ח., וואס האט געהאט שרעקלעך-גראבע ליפן און האט זיך קיינמאל נישט געשיידט מיט זיין גראבן, סענקעוואטן שטעקן, האט אמאל זוכה-געווען צו זיין דער, איבער וועמען מען דארף ארויסזאגן די מיינונגען. פון גרויס איבערראשונג איז ער אין גאנצן ווייס געווארן און די גראבע ליפן זיינע האבן געציטערט. ער האט גענומען שטאמלען און א לענגערע ווײַלע האט ער נישט געקענט זאגן וואס פאר אן „אמת" ער האט זיך אויסגעקליבן. פלוצלינג האט זיין פנים אויפגעשיינט און ער האט ארויסגעפלאצט:

גאט!... איך וויל זיין א גאט!

דער דאזיקער „געניאלער" געדאנק, אז דאס פאסיקסטע און דאס „וויניקסטע", וואס ער קען זיך אויסקלויבן ביי הלל צייטלינען אין שטוב, איז צו זיין א... גאט, האט צו אים געמוזט אראפנידערן ברוח-הקודש, ווארום ער איז די גאנצע צייט געווען אזוי עקזאלטירט און אזוי צעשטראלט, אזוי ווי ער וואלט טאקע דערפילט אויף דער זינדיקער ערד עפעס גאר א דערהויבענע מיסיע. נאמבערג האט, זעענדיק ח.ס נאריש אויסזען, געמאכט א טיף-ערנסטע, חשיבותדיקע מינע און האט זיך גענומען צונויפקלויבן די מיינונגען איבער דעם „גאט" מיט א באזונדערער פייערלעכקייט. פון די דאזיקע מיינונגען איז מיר געבליבן אין זכרון אהרנס מיינונג וועגן דעם „גאט":

— פאר א גאט מיט א שטעקן האב איך קיין מורא נישט...

נאמבערג האט שטארק אנגעקוואלן פון דעם „זאג" און אויך דער גאנצער איבעריקער עולם האט הנאה-געהאט פון דער דאזיקער מיינונג.

ח. האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געטראָפן, ווער עס האָט אַזוי איראָניזירט איבער זיין „גאָטהייט" און איבער זיין שטעקן. דערוווּסט וועגן דעם האָט ער זיך ערשט שפּעטער, אין אַ פּאָר טעג אַרום, צי ער איז פון דאַן אָן געוואָרן קליגער, ווייס איך נישט, אָבער אַז ער האָט דערנאָך אָנגעהויבן צו קומען שוין אָן דעם אויסטערליש-גראָבן סענקעוואַטן שטעקן, דאָס גע-דענק איך יאָ.

די שרייבער-בעלעטריסטן פלעגן זיך, אויף זייערע „אמתן", ביי דער שפּיל אין מיינונגען, אויסקלייבן על-פּי-רוב קעגנשטאַנדן אָדער פאַרשוי-נען פון זייערע דערציילונגען אָדער נאָוועלן. קאַגאַנאָווסקי, למשל, פלעגט זיך אויסקלייבן זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו זיינע „מיידלעך", קורסיסטקעס, וואָס זייער לעבן האָט ער געקענט אויסגעבונדן. פון קאַגאַ-נאָווסקין האָט געשמעקט דאַן מיט יונג-וואַלדיקער פרישקייט. אין זיינע טיף-ווייכע, וואַרעם-גרינלעכע אויגן האָט תמיד געברענט עפּעס אַ מאָדנע-ווייט פייערל, וואָס האָט געלאָקט, גערופן. און אפשר זענען טאַקע צוליב דעם פייערל אַזוי פיל מיידלעך אים נאָכגעגאַנגען. ווען נישט זיין טשו-פּרינע געדיכט-שוואַרצע האָר און ווען נישט דער קינדישער שמייכל, וואָס איז אַלעמאָל געלעגן צווישן די ווינקלען פון זיינע שאַרף-געשניטענע, בלאַס-רויטלעכע ליפּן, וואָלט ער, צוליב די ברוין-סאַמעטענע הויזן, וואָס ער פלעגט שטענדיק טראָגן פאַרשטעקט אין די חוצפּהדיק-געפּוצטע, שוואַרץ גלאַנציקע שטיוועלעך זיינע און אויך צוליב דעם גרין-אויסגעקראָכענעם, רונדיקן קאַפּעלושל, פון וועלכן עס האָט תמיד אַרויסגעקוקט עפּעס אַ גע-בויגענע ווייסלעך-גרויע פּעדער, אויסגעזען ווי אַ יונג-פּריצישער יעגער. ער האָט נאָך דעמאָלט נישט געלעבט פון שרייבעריי, קאַגאַנאָווסקי. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן פון צייכענען און מאָלן ביליקע אַנזיכט-קאַרטן, געהאַט פעאיקייטן צו מאָלעריי — געשריבן האָט ער נאָך דאַן, אַזוי צו זאָגן, אַלס אַמאַטאָר. ווען קאַגאַנאָווסקי איז געזעסן אויפן „טראָן" און מען האָט וועגן אים געדאַרפט אַרויסטראָגן מיינונגען, האָבן די „ביילאַגעס" און די קורסיסטקעס געקוקט אויף אים מיט אַזעלכע פאַרליבטע אויגן, אַז אויך זייערע „מיינונגען" וועגן אים, זענען געווען „פאַרליבטע" און כמעט אַלע מאָל האָבן די מיינונגען געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט „בענקשאַפט", „צאַרטע געפילן" און „אויסגעוווּנטע חלומות".

דערפאַר האָבן די מיינונגען איבער סטאַווסקין, ווען ער איז געזעסן אויפן „טראָן", געהאַט גאָר אַ קנאַפּע שייכות מיט פאַרשוואונדענע חלומות און אויסגעוועפּטע געפילן. סטאַווסקי, וועלכער האָט די טעמעס פאַר זיינע דערציילונגען גענומען אויסן לעבן פון חיות און בהמות, פלעגט זיך אַליין באַשטימען, בעת דער שפּיל, אַלס אַ קעלבל, אַלס אַ קאַץ, אַ הונט, אָדער גאָר אַלס... אַראַבישן ראַסאָוון פערד. די „מיינונגען" איבער אים פלעגן דעריבער אָפּט האָבן צו טון מיט שטאַל, מיט מיסט און מיט היי. מאַסט-בוימס „טיטולן" ווידער האָבן אַלע מאָל געהאַט אַ שייכות מיטן לעבן פון דאָרפישע שיקסעס, ציגיינער, אָדער מיט דער אַרבעט און פאַרשווינען פון די גלאָז-הוטעס אַרום שעדלעץ, מ.'ס געבורטשטאָט. זיצנדיק אויפן „טראָן" פלעגט ער נערוועז פּויקן מיט די פינגער איבערן טיש אָדער סתם אין דער לופט אַריין, — און פלעגט דערביי אונטערברומען שטיקלעך מעלאָדיעס פון אָפּערן-אַריעס. די „מיינונגען" פלעגט ער כמעט נישט הערן, בלויז ווען עמעצער פלעגט אים אַ שטאָך-טון, אָדער ווען עס פלעגט זיך אים גלאַט אַזוי אויסדוכטן, אַז עמעצער האָט נישט גאָר קיין געהויבענע מיי-נונג וועגן זיין לעצט-אָפּגעדרוקטער זאַך, פלעגט ער האַסטיק אויפשפּרינ-גען און אויסשטעלן אַ פּאָר בייז-דערשראָקענע אויגן:

— האָ? —

נאָמבערג פלעגט אויסקלויבן „טיטולן" ס'רוב אויס די אַקטועלע טאָג-געשעענישן: ער פלעגט זיך אָפּט נאָמינירן אַלס... „דאָזאָר", „אַסימי-לאַטאָר", „בורזשוי" און ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט פלעגט זיך שוין סתם אַזוי צעפלאַקערן אַ הייסע דיסקוסיע, אין וועלכער עס פלעגן שוין מימלא קומען צום אויסדרוק די פאַרשידנסטע אויפפאַסונגען פון די אַק-טועלסטע יידיש-געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט דער עולם מיטאַמאָל פאַרגעסן אין דער גאַנצער „שפּיל" — די ראַמען פון קורצע מיינונגען זענען געוואָרן צו-ענג: שוין גענוג אייננצוהאַלטן די באַ-גרענעצטע פאָרעם פון דער שפּיל — און עס פלעגט אַוועק אַ וויכוח, מיט קולי-קולות, איבער אַסימילאַציע בכלל, איבער נאַציאָנאַליזם און... איבער די תקיפישע באַלעבאַטים פון דער חסידיש-אַסימילאַטאָרישער גמינע אין וואַרשע. און אַז די דיסקוסיע פלעגט שוין דערגרייכן צו איר העכסטער מדרגה און איינער דעם אַנדערן פלעגט וועלן איבערשפּאַרן דורך... ה ע-

כ ע ר שרייען, פלעגט זיך נאָמבערג אויפהויבן פון בענקל און א מאַך-טון נאַכלעסיק מיט דער האַנט:

— ני, לאָ׳ץ מאַך שוין גיין!...

דוד קאַסעל, מיט די שפּיציקע, קורץ-געשווירענע האָר איבערן קליי-נעם, פּירקאַנטיקן שטערן, מיט די גרויע, קורצזיכטיקע אויגן, וואָס האָבן צעשראָקן אַרויסגעקוקט פון הינטער די דינע ברילן-גלעזלעך, פלעגט צוגיין צום „טראַן״ — א בכבודיק, ווייך-געבעטן בענקל אויבן-אָן — מיט קליינע, ווייכע טריטלעך, אונטערשפּרינגענדיק א ביסל. ז יי נ ע מאָטיוון און טע-מעס פאַר די מייִנונגען פלעגן כמעט שטענדיק זיין אויסן רוסישן דאָרף און אין מיטן שרפהדיקן זומער פלעגט זיך אים פאַרגלוסטן צו הערן מיי-נונגען איבערן טיף-רוסישן שניי אָדער גאָר איבער די זילבער-קלינגענדיקע גלעקלעך פון סיבירער שליטנס...

קאַרלינסקי ווידער פלעגט אָפט פאַרוואַנדלען מיעדזעשין אין... גריכנלאַנד. געקומען נישט לאַנג פון קאַלנער צי פון לאָמזשער קלויז, איז ער געוועזן פאַרליבט אין דער... העלענישער קולטור און פלעגט נישט אויפהערן צו פאַרביידיקן די שיינקייט און געזונטקייט פון העלאַדע. פאַר-שטייט זיך, אַז אויך ביי דער שפּיל אין מייִנונגען פלעגט ער נישט דורכ-לאָזן די געלעגנהייט און פלעגט דורך זיינע טעמעס אַרויסרופן וויכוחים וועגן די גריכישע געטער, וועגן אָלימפּ און... וועגן דער פּריאָריטעט פון עסטעטיק איבער דער עטיק. דער שטילער, זיידענער יונגערמאַן, מיט דער לענגלעכער, דין-פאַרשניצטער נאָז און ווייך-ברענענדיקע, אומעטיקע אויגן, וואָס האָט טאַקע באמת קיין פליג אויף דער וואַנט נישט געקענט פאַרטשעפּען מחמת זיין צאַרטקייט און פיזישער שוואַכקייט — דין און איידל געווען, ווי א בלום — פלעגט אין גאַנצן אויפפלאַקערן, ווען ער פלעגט נעמען אויפוויזן די גאָרע פּראַכט פון פ י ז י ש ע ר קולטור, פון גבורה ממש, ווען ער פלעגט נעמען באַגרינדן די נויטיקייט פון איינפלאַנצן פיזישן קולט צווישן יידן, פון אָראָפּשלעפּן דעם עם-הספר פון די הימלי-שע הויכקייטן אויף דער האַרטער, געזונטער ערד. פירנדיק יעדע ווייַלע מיט די לאַנגע, דין-ווייסע פינגער איבער די טיף-שוואַרצע, גלאַנציקע האָר, וואָס פלעגן אים פאַסמעסווייז אַראָפּפאַלן כסדר אויפן בלאַס-למדנישן שטערן, פלעגט דער געוויינלעך-שטילער קאַרלינסקי, מיט היץ און ברען,

שרייען ביז צום הייזעריק ווערן, ווען עס איז געגאַנגען וועגן חכמת-יוון.

אַמשטאַרקסטן פּלעגט ער זיך שפּאַרן מיטן טאַטן, וועלכער האָט, פאַרשטייט זיך, אייפעריק פאַרטיידיקט דעם ריינעם יודאַיזם אַקעגן די פיילן פונעם אַנגרייפנדיקן „העלעניסט". די דאָזיקע אַמפּערנישן האָבן אָבער נישט געשטערט קאַרלינסקין צו האַלטן זייער שטאַרק פון טאַטן, וואָס זיין „הטוב והרע" האָט קאַרלינסקי טאַקע דעמאָלט נאָר-וואָס געהאַט פאַרענדיקט צו איבערזעצן, פאַר שימינס פאַרלאַג, פון העברעאיש אויף יידיש (דערשינען א. נ. „דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס").

די הייסע דיסקוסיעס פלעגן ווערן איבערגעריסן דורך דער מאַמען, וועלכע האָט מסתמא געהאַלטן פון יענעם באַרימטן זאָג, אַז „אלכסנדר מוקדון איז טאַקע געווען אַ גרויסער מענטש, אָבער שטולן ברעכן צוליב אים דאַרף מען נישט" און פלעגט דעריבער, ווען די קולות האָבן דערגרייכט עד לב השמים, אַוועקשטעלן אויפן טיש אַזעלכע מאכלים, אַז מען האָט געדאַרפט האָבן אַ האַרץ פון אַ גזלן נישט צו נעמען זיי אין מויל אַריין. במילא פלעגט שוין דער וויכוח זיך נעמען איינגלעשן און לסוף — אין גאַנצן אויסגיין. אַ באַזונדערן „דערפאָלג" ביים טיש פלעגן האָבן די קונציק-געשניטענע, פרישע פּאָמידאָרן, וואָס האָבן מחיהדיק געגרייצט מיט זייער קוואַלנדיקער בלוט-רויטקייט. פאַר אַ שפּאָרן טעלער פּאָמידאָרן מיט הערינג וואָלט זיך יונה ראָזנפעלד ממש מוסר-נפש געווען; זיינע קליינע, גוטע אויגן, וואָס זענען געווען איבערגעצויגן מיט אַ טונקל-גרויער מאַטקייט, פלעגן אויפבליצן, ווען אויפן טיש פלעגט זיך יאַווען דער פּאַלומיסעק הערינג, אַרומגעבעט מיט די זאַפטיקע פּאָמידאָרן-שטיקער. רייזין האָט געוווּסט פון דער דאָזיקער „תאווה" ראָזנפעלדס און אַזוי ווי אויך ער, רייזין, האָט ליב-געהאַט סכנותדיק פּאָמידאָרן מיט הערינג, פלעגט זיך צווישן זיי ביידן פירן אַרום אָט-דעם מאכל אַ שטילע, אָבער פאַרביסענע קאָנקורענץ. די „קנאת-סופרים" פלעגט זיך דאָ אויסדריקן אין דעם, וואָס איינער פלעגט דעם צווייטן פּרווון איבעריאָגן מיט דער צאָל אַראָפּגעשלונגענע שטיקער. (אויפן היינטיקן ספּאָרט-לשון וואָלט עס געהייסן: אַ קאַמף אויף פונקטן). אַלס „זיגער" האָט זיך גערעכנט דער, וואָס האָט באַוויזן אויסצוכאַפּן ביים „קאָנקורענט" דאָס ל ע צ ט ע שטיקל פּאָמידאָר.

איין מאָל האָט רייזין אָפּגעטון ראָזנפעלדן אַ שפּיצל, פאַר וועלכן

ראָזנפעלד וואָלט אים זיכער געקענט אָנקלאָגן אין „נישט-ערלעכער קאָנ-קורענץ". יעדנפאַלס האָט דאָס דאָזיקע שפּיצל געהאַט אַ קנאַפּע שייכות צו דעם, וואָס מען רופט אויפן דזשענטעלמען-לשון „פּעיר פּלעי".

ווען אויפן ווערענדע-טיש האָט זיך באַוויזן אַ ברייט-בכבודיקער טעלער מיט דין-געשניטענעם הערינג און רחבותדיקע פּאָמידאָרן-שטיקער, האָט יונה ראָזנפעלד, גראָד אין דער אותו רגע, געמוזט אויף אַ ווײַלע אַראָפּגיין, איבערלאָזנדיק רייזינען אַליין אויפן „שלאַכט-פעלד". רייזין האָט זיך טאַקע נישט געלאָזט לאַנג בעטן און גענומען שפּילן „סאָלאָ" ביי אַן אַלגעמיינעם בייפאַל פון די איבעריקע אָנוועזנדע. עס איז איצט געווען זיין אַמביציע אַראָפּצורוימען פון טיש, איידער דער „קאָנקורענט" קומט צו-ריק, דאָס באַליבטע מאכל און לאָזן ראָזנפעלדן „מיט אַ נאָז". און ער האָט טאַקע, מיט אַ באַוואונדערונג-ווערטער פלינקייט און עקשנות, געהאַלטן כסדר אין איין איינבייסן זיינע בלענדיק-ווייסע ציין אין דער זאַפטיקער רויטקייט פון די טאָמאַטן. ראָזנפעלד האָט זיך געזוימט אַ פּאָר מינוט און ווען ער איז, מיט קליינע, גיכע טריטלעך, צוריק-אַרויפגעשפּרונגען אויף דער ווערענדע, האָט ער גלייך דערזען דעם „חורבן" און די „בראָך", וואָס איז אים געשען. חברה אַרום טיש האָט געשטיקט אין זיך ס׳געלעכ-טער, קוים זיך געקענט איינהאַלטן. איין רייזין איז געזעסן ערנסט, ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין באַגריף אפילו פון דער שקאָצעריי, וואָס איז דאָ נאָר וואָס אָפּגעטון געוואָרן. ראָזנפעלד האָט זיך אָבער אַזוי שאַרף און דורכדרינגענדיק איינגעקוקט אין זיין „שונא", אַז יענער האָט דעם בליק נישט געקענט אויסהאַלטן און געמוזט אַרויספּלאַצן מיט אַ געלעכטער. ער האָט גערדראָט מיט „נקמה", ראָזנפעלד... רייזין האָט אים שוין אָבער נישט געהערט און גענומען ברומען קאַצענעלסאָנס אומעטיק-פאַרנאַכטיק ליד:

די זון פאַרגייט אין פלאַמען
די זון — מען זעט זי קוים...

האָט זיך ראָזנפעלדס „נקמה-דורשט" מיטאַמאָל איינגעלאָשן און, אַרויפלייגנדיק אַ האַריקע האַנט אויף רייזינס אַקסל, האָט ער שוין הייזע-ריקלעך, צוזאַמען מיט אַלע, מיטגעזונגען ווייטער:

אַזוי פאַרגייט מיין חלום,
אַזוי פאַרשווינדט מיין טרוים...

# קאַפּיטל 9

## יוזעפאָוו

נאָכאַנאַנד, ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט-שחיטה פון 1914, האָבן מיר די זומערס פאַרבראַכט אין יוזעפאָוו און ממילא האָט זיך ד אָ ר ט ן קאָנצענטרירט אַ שטיק פונעם יידיש-ליטעראַרישן וואַרשע.

אויך דאָ אין יוזעפאָוו, האָבן מיר פאַרנומען אַ באַזונדערע הייזקע. זי איז געשטאַנען אַליין, די הייזקע, אויף אַן אָפן רחבותדיקער פּאָליאַנע, וואָס האָט זיך געשפּרייט אַרויף קיין יאַראָסלאַוו אַזש ביז צום שווידערער טייכל. בלויז אַ פּאָר ווייס-גרינע אַקאַציע-ביימער, וואָס זענען נגידיש-אַריסטאָקראַטיש געוואַקסן אויפן פּראָסטן פּויערישן שטיקל ערד אַרום דער הייזקע, האָבן אונדז געשיצט אין די גרויסע היצן פאַר דער פלאַקער-דיקער זון.

אין כמורנע און רעגנדיקע שפּעט-זומער-טעג, ווען קרומע, אומע-טיקע טראָפּנס פלעגן פאַרצווייפלט קלאַפּן אין די קליינע שייבלעך פון אונ-דזער שטוב, פלעגט זיך דער טאַטע פאַרקלייבן ערגעץ אין אַ ווינקל און אָפּזיצן לאַנגע שעהן איבער אַ ספר, ברומענדיק עפּעס אַן אַלט-פאַרגעסע-נעם ניגון פון אַ חסידישער קלויז. אהרן האָט אין אַזעלכע טעג ליב גע-האַט אָנצוטון די לאַנגע פעלערינע, אַריבערציען איבערן קאָפּ דאָס הייבל און אַזוי אַרומקריכן, מיט אַן אָפּגעריסן צווייגל אין דער האַנט, איבער דער פּוסטער, טרויעריקער פּאָליאַנע. די מאַמע האָט נישט געקענט פאַר-טראָגן אַזעלכע „ווילדקייטן" און פלעגט זיך אויף אים בייזערן, ווען ער

פלעגט ערשט פאַרנאַכט-צו אַהיימקומען א נאַסער, און אויסגעווייקטער, אין דעם דינעם פעלערינקעלע. אהרן פלעגט צוזאָגן צו זיין „גוט און פרום", אָבער ווען עס פלעגט אויף צו מאָרגנס ווידער קומען א טריב-רעגנדיקער טאָג, פלעגט ער זיך ווידער שטילערהייט ארויסשארן פון שטוב מיטן שפּי-ציקן פעלערינע-הייבל אויפן קאָפּ...

אין די וואַרעם-ליכטיקע יוני- און יולי-טעג איז אָבער אין דער איינ-זאַם-שטייענדיקער הייזקע געווען טומלדיק-פרייליך, נישט ווייניקער ווי אין יענער פויערישער כאַטע אין מיעדזעשין. דאָ, אין יוזעפאָוו, איז שוין בכלל געווען א מין ליטעראַרישע קאָלאָניע. נישט ווייט פון אונדז, אין שכנות-דיקן וואַלד, האָבן געוווינט: מ. ספּעקטאָר, ש. ל. גאָרדאָן, בן-אביגדור (א. ל. שאַלקאָוויטש), דער רעדאַקטאָר פון „מאָמענט" צבי פּרילוצקי, ר' משה (מ. ג. פעלדשטיין), ש. י. סטופּניצקי און די העברעאישע לערער ז. י. יפה, ח. א. קאַפּלאַן, מ. ראַזווילאָווסקי און א. מיטראַפּאָליטאַנסקי, וועלכע האָבן זיך, צוליב זייערע לער-ביכער, אויך פאַררעכנט צו דער ליטעראַרישער משפּחה. צו יעדערן פון די דאָזיקע שרייבער — און דער עיקר, פאַרשטייט זיך, צו אונדז — פלעגן אהער, ווי געוויינלעך אין די הייסע זומער-וואָכן, אַראָפּקומען פון שטאָט די „ווינטערדיקע" שטאָם-געסט. צו אונדז פלעגן נאָך, חוץ אונדזערע שטענדיקע געסט און חוץ די „ליטעראַרישע ביילאַ-געס", אויך אַראָפּקומען אַלטערמאַנס קורסיסטקעס, וועלכע עס פלעגט מיטברענגען מיט זיך דער מאַמעס פלימעניצע, ביילקע, אויך א שילערין פון אַלטערמאַנס פּרעבל-קורסן. ביילקע, א בלאָנד, ברייט-פּנימדיק מיידל, מיט א סך זומערשפּרענקלעך, איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע פון א קליינטשיק שטעטל אין מאָהילעווער גובערניע, ווו עס האָבן גע-וווינט אירע עלטערן, כדי צו שטודירן דאָ און „ווערן א לייט". אירע חברטעס פון די קורסן האָבן פאַר איר געהאַט גרויס דרך-ארץ, וואָרום דורך איר האָבן זיי געהאַט א צוטריט צו אַלע וואַרשעווער יידישע און העברעאישע שרייבער, וואָס פלעגן אַרויפקומען צו אונדז אין שטוב. איי-ניקע פון די דאָזיקע קורסיסטקעס, צווישן זיי א געוויסע ל., וועלכע איז היינט זייער א רייכע פרוי אין וואַרשע, האָבן שפּעטער געהערט צו דער נאָענטסטער סביבה פון י. ל. פּרץ.

צו די שטענדיקע געסט איז אונדז אין יוזעפאָוו צוגעקומען נאָך

איינער: דער טונקעלער. כאָטש ער איז שוין געווען אַ באַקאַנטער הומאָ-ריסט — ווענן זיין „חיים יאַנקל דער האַניגקוועטשער״ האָט מען דאַן כסדר גערעדט צווישן חברה — האָט ער נאָך פּאָרט „אונטערגעזינדיקט״, פון צייט צו צייט, מיט אַן ערנסט ליד, געחתמעט מיט זיין פולן נאָמען: יוסף טונקל. געקומען איז ער פון באַברויסק, ווו ער האָט, דאַכט זיך, שוין געהאַט געאַרבעט אין רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן. ער איז אויך גע-ווען אַ פעאיקער צייכענער, טונקל, האָט אַליין געצייכנט אַלע קאַריקאַטורן צו זיינע הומאָריסטישע זאַכן און האָט שוין אַפילו געהאַט הינטער זיך אַ רייזע קיין אַמעריקע, ווו ער האָט געלעבט פון מאָלעריי. קיין יוזעפאָוו פלעגט ער עפ״י רוב קומען, כדי צו באַזוכן זיין רעדאַקטאָר, פרילוצקין, אָבער ווען ער פלעגט זיך אָפּפאַרטיקן מיטן אָפיציעלן באַזוך, פלעגט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן אָפּצוטרעטן ביי אונדז, אָפּשטעקן דעם טאַטן אַ „שלום-עליכם״ און כאַפּן אַ „מוטל״. ווי ס׳רוב אמתע הומאָריסטן פלעגט טונקל אין די געשפּרעכן זיין אַמווייניקסטן הומאָריסטיש. זעלטן-ווען פלעגט ער זאָגן אַ וויץ. דערפאַר האָט ער ליב-געהאַט צו רעדן מיטן טאַטן וועגן ערנסטע זאַכן, דברים העומדים ברומו של עולם, פילאָזאָפישע פּראָב-לעמען, מה למעלה ומה למטה...

דאָס הייסט נישט, אַז טונקל פלעגט זיך שוין אין גאַנצן נישט דער-לויבן ביי אונדז אויף אַ שקאָצעריי. אַזוי ווייט האָט עס נאָך נישט גע-האַלטן, אָבער בדרך-כלל איז ער געווען אַ „סטאַטעק״ און האָט זיך נוהג-געווען מיט חשיבות. וועגן איין שקאָציש שטיקל אַרבעט, טונקלס, מוז איך דאָ פאָרט דערציילן:

עס איז געווען אַ העל-וואַרעמער, מחיהדיקער שבת-פרימאָרגן. אין שטוב און אויף דער וועראַנדע איז שוין געווען ליכטיק אויפגערוימט: בלאַנקענדיק-באַלעבאַטישע, רחבותדיקע טישטעכער אויף די ברייטע טישן, באַצירטע מיט שטיל-שבתדיקע פעלד-בלומען; וויים-געהאַפּטענע דעקן אויף די בעטן און ביי די ווענט — ברייט-פונאַנדערגעהאַנגענע פריש-שמעקנ-דיקע האַנטעכער, אויף וועלכע די מאַמע האָט נאָך, אין האָמעל ווייגענדיק, געהאַט אויסגעהאַפטן מיט גראָבן רויטן באַוול, מיט גרויסע רוסישע אותיות אין דער גאַנצער לענג פון די האַנטעכער, אַ שפּריכוואָרט: „גדיע פּראַוודא, טאַם אי סטשאַסטיע״ („ווו דער אמת — דאָרטן גליק״). אין שטוב האָט

געשמעקט מיט שבתדיקן טיי און מיט פרישער חלה. דורך די אָפענע פענצ־טער האָבן זיך אַריינגעשאָקלט לייכט־צעוויגטע צווייגן. פון ערגעץ־ווו איז אומגעריכט אָנגעקומען טונקל, באַגלייט פון אַ כאַפּטע דאַטשניקעס, היי־מישע און פרעמד־אומבאַקאַנטע. ער האָט זיך געוויגט אין דער ברייט, טונקל, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שטעקן. דאָס מאָל איז ער געווען היי־טערער און טומלדיקער ווי געוויינלעך, קיינעם אין שטוב איז אָבער נישט איינגעפאַלן, אַז טונקל איז איצט געקומען נישט סתם מיט אַ באַזוך, נאָר אַז ער איז גאָר אויסן עפּעס אָפּצוטון אַ שפּיצל. מיט די גרוי־גרינע, טיף אַריינגעזעצטע אויגן, וואָס האָבן זיך אַלע ווײַלע, מחמת גרויס קורצזיכ־טיקייט, איינגעשרומפּן הינטער די דיקע ברילן־גלעזער זיינע, האָט ער זיך מאָדנע אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. דער טאַטע איז גראָד געהאַט אַרויסגעגאַנגען — ליב־געהאַט אָפּטמאָל אין די פרימאָרגנס שפּאַצירן איינער אַליין איבער די שמאָל - אויסגעטראָטענע סטעזשקעס אין פעלד — האָט זיך די מאַמע גיך געלאָזט אין קיך אַריין; העלפן אַריינדערלאַנגען טיי, כיבוד פאַרן עולם. אָט־די פּאָר מינוט האָט מאַקע טונקל אויסגענוצט אויף אָפּצוטון די שקאָצעריי, צוליב וועלכער די מאַמע האָט לכתחילה געהאַט גרויס עגמת־נפש, אָבער דערנאָך האָט זי, צוזאַמען מיט אונדז, אָנגעקוואָלן פון דעם שטיפעריש־געראָטענעם שטיקל אַרבעט...

ווען די מאַמע איז צוריק אַריינגעקומען פון קיך, האָט זי פון אי־בערראַשונג אַראָפּגעלאָזט אויף דר'ערד די טאַץ, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט. זי איז געווען אָט בלאַס און אָט רויט פון אויפרעגונג: אויף די שניי־ווייסע טישטעכער, אויף די קאַפּעס פון די בעטן, איז געווען אויס־געגאָסן געדיכטער, שוואַרצלעך־בלויער טינט און לעבן די פּאַסמעס טינט אויף די טישן זענען געלעגן איבערגעקערטע, אויסגעליידיקטע טינטערס...

אין אַ ווינקל פון שטוב, נעבן דער וועראַנדע, איז געשטאַנען טונקל — אַ פאַרשעמטער, אַ טרויעריקער, מיט אַ מינע פון אַ שולדיקן אין אַ שווערן פאַרברעך. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ בייגעלע פּאַפּיר מיט אַ פעדער. אַרום אים זענען געשטאַנען זיינע באַגלייטער, אויך מיט פאַר־זאָרגטע, ערנסטע פּנימער. די מאַמע איז געווען אויפגעבראַכט מחמת צוויי סיבות: ראשית האָט איר פאַרדראָסן דער חילול־שבת, והשנית האָט איר

טאַקע גוט אַ קלעם-געטון ביים האַרץ אויפן אָנבליק פון די שוואַרץ-פאַר-גאָסענע טישטעכער און קאַפּעס, וואָס אַט נאָר-וואָס האָט זי זיי אַרויסגע-נומען פרישינקע און בלאַנקענדיקע פון דער וועש-שאַנק. זי האָט אָבער געשוויגן, די מאַמע, פאַרבייסנדיק די ליפּן, דריקנדיק אין זיך דעם פאַר-דרוס. זי איז בלויז האַסטיק צוריק אַריינגעלאָפן אין קיך אַריינברענגען עפּעס פון דאָרט, אַ לעפל צי אַ קענדל, אויף אַוועקצורוימען דעם פאַרגאָ-סענעם טינט. אָבער ווען די מאַמע איז צוריק אַריינגעקומען, אַ צעטראָ-גענע, מיטן לעפל און קענדל, און זיך אַ לאָז-געטון צו די טישטעכער, איז שוין פון דעם טינט קיין זכר נישט געווען: די טישטעכער און די קאַפּעס האָבן ווידער געבלאַנקט מיט פריש-שנייאיקער ווייסקייט און עס איז דער מינדסטער סימן פון אַ פלעק נישט געווען צו זען אויף זיי. טונקל האָט איצט ברייט-פּנימדיק געלאַכט, באַהאַלטנדיק אין קעשענע דאָס בייגעלע פּאַפּיר מיט דער פעדער. די מאַמע איז געבליבן צעטומלט, פאַרחידושט, נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך דאָ: ווו איז אַהינגעקומען דער טינט? און ווער איז דאָס דער בעל-מופת, וואָס האָט אין איין הרף-עין באַוויזן אויס-צווואַשן די פאַרגאָסענע טישטעכער און דעקן, אַרויסציען פון זיי די שוואַרצע פלעקן און אויסטריקענען און אויספּרעסן זיי און אומקערן זיי צוריק דעם שבתדיק-פרישן חן? דער „בעל-מופת" איז טאַקע געווען טונקל אַליין, אָבער די מעשה איז געווען די, וואָס דער „אויסגעגאָסענער טינט" איז גאָר קיינמאָל קיין טינט נישט געווען. טונקל האָט פון ערגעץ אין אויסלאַנד באַקומען אַזעלכע ספּעציעלע קונציק-צוגעשניטענע, שוואַרץ-בלויע בלעכלעך, גלאַנציקע און דיקע, וואָס אַז מען האָט זיי אַוועקגעלייגט האָט מען געקענט שווערן, אַז דאָס איז פאַרגאָסענער טינט. ערשט אַז מען האָט דעם „טינט" אָנגעטאַפּט, האָט מען דערזען, אַז דאָס איז פּשוט בלעך. אַט-די דאָזיקע שטיקלעך בלעך האָט עס טונקל פונאַנדערגעלייגט איבער די קלאָרע טישטעכער און קאַפּעס און כדי די מאַמע זאָל נישט האָבן קיין ספק, אַז דאָס האָט ער טאַקע אויסגעגאָסן טינט ביים שרייבן, האָט ער לעבן די בלעכלעך אַוועקגעלייגט אויסגעליידיקטע, אַלטע טינטערס, האַלטנ-דיק דערביי אין האַנט פּאַפּיר-און-פעדער. דער „בעל-מופת" האָט, פאַר-שטייט זיך, קיין גרויסע „מופתים" נישט געדאַרפט באַווייזן, נישט גע-דאַרפט וואַשן און טריקענען און פּרעסן. ער האָט געדאַרפט בלויז צוריק אַריינלייגן די בלעכלעך אין קעשענע...

שפּעטער האָט זיך די מאַמע דערוווּסט, אַז די זעלבע קונץ האָט שוין טונקל פריער, איידער ער איז אַראָפּגעקומען צו אונדז, באַוויזן אָפּ-צוטון ביי אַנדערע: ביי ספּעקטאָרן, ביי גאָרדאָנען און, דאַכט זיך, אויך ביי פּרילוצקין. אומעטום איז געווען אַ סומאַטאָכע צוליב דער שקאַצעריי און אומעטום, פאַרשטייט זיך, האָט עס זיך געענדיקט בכי-טוב, מיט הלצה און געלעכטער און געשמאַקן, שבתדיקן כיבוד.

קיין יוזעפאָוו פלעגט נאָך צו אונדז אַראָפּקומען, חוץ די שטענדיקע געסט, אויך די דייטש-יידישע שריפטשטעלערין און פּרעלעגענטין טערעזע ראָזנבוים, דער יונגער ציוניסטישער עסקן מ. ד. יונגשטיין און די אַנאַר-כיסטן-ברידער גאָרדאָן.

טערעזע ראָזנבוים איז געווען אַ טיפע קענערין פון דער דייטשער ליטעראַטור און זי פלעגט זיך, חוץ פון די אַרטיקלען, וואָס זי האָט גע-דרוקט אין די דייטשע צייטונגען אין לאָדזש, אויסהאַלטן אויך פון פאַר-לעזונגען אין רייכע, פּריוואַטע הייזער. היינט זענען, דאַכט זיך, אַזעלכע פאַרלעזונגען איבער ליטעראַטור אין פּ ר י וו אַ ט ע הייזער נישט גע-מאָלט. אין יענע צייטן האָבן זיך אָבער געפונען אין וואַרשע אַ ריי רייכע הייזער, וואָס פלעגן איינלאַדן און אַפילו ספּעציעל אַראָפּברענגען פון דער פרעמד פּרעלעגענטן, שריפטשטעלער, וועלכע האָבן פאַרן ענגן קרייז פון די בני-בית געלייענט גאַנצע ציקלען פאָרטראַגן איבער ליטעראַרישע אָדער קולטור-היסטאָרישע טעמעס. פאַר אַזעלכע פאָרטראַגן, נאָך וועלכע עס פלעגן אַלעמאָל פאָרקומען דיסקוסיעס, מיינונג-אויסטוישן, פלעגן די פּרע-לעגענטן באַקומען באַצאָלט ביד-רחבה. טערעזע ראָזנבוים פלעגט אין וואַר-שע זייער אָפט איינגעלאַדן ווערן אין די רייכסטע און צוגלייך אַסימילירט-סטע הייזער, ווו זי פלעגט לייענען גאַנצע קורסן פון דער קלאַסישער און נייער דייטשער ליטעראַטור. באַזונדער האָט זי זיך באַקאַנט געמאַכט מיט אירע אָריגינעלע און גייסטרייכע פאָרטראַגן איבער מעטערלינקן, וועלכע זי האָט אויך געהאַלטן אין עפנטלעכע זאַלן פאַר אַ ברייטער פּובליקום.

אין דער ערשטער צייט פון איר אַריינקומען צו אונדז האָט ראָזנ-בוים גערעדט בלויז דייטש. אויפגעצויגן פון קינדוויז-אויף אין דייטש-לאַנד, האָט זי קיין אַנדער שפּראַך נישט באַהערשט אַזוי פריי און גרינט-לעך, ווי דייטש. שפּעטער האָט שוין טערעזע ראָזנבוים געגומען אַריינ-

פלעכטן אין איר דייטש אויך יידישע און העברעאישע ווערטער און זי האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס זי האָט זיך שוין, ווי עס האָט איר גע־דאַכט, אויסגעלערנט יידיש... זי איז געווען מאָדנע נאַאיוו, לייכטגלויביק, און זי האָט בשום אופן נישט געקענט באַגרייפן, פאַרוואָס עס עקזיסטירן פּאַרטייען ביי יידן, פאַרוואָס פעלקער האָבן זיך פיינט און קעמפן איינס מיטן אַנדערן, פאַרוואָס עס זענען דאָ רייכע און אָרעמע, ווען די וועלט איז אַזוי גרויס און רייך און שיין און אַלע מענטשן זענען קינדער פון איין גאָט. זי האָט גערעדט מיט גוואַלדיקן פּאַטאָס — אַן אויסגעצייכנטע רעדנערין געווען — און זי האָט געגלויבט, אַז מען דאַרף נאָר צו די מענטשן רעדן, אַפּעלירן, איבערצייגן זיי, עפענען זיי די אויגן און — עס בליט שוין אַ גן־עדן אויף דער ערד. די דיסקוסיעס אין אונדזער הויז, די שפּאַרענישן, די אַמפּערנישן אַרום יידיש און העברעאיש, רעליגיע און נאַציאָנאַליזם, ציוניזם און אָרטאָדאָקסיע, סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם, זענען איר אויסגעקומען ווילד־פרעמד. זי האָט נישט פאַרשטאַנען אַרום וואָס מען אַמפּערט זיך דאָ, ווען אַרום שפּראָצט אַזאַ וווּנדערלעך לעבן, ווען איבערן קאָפּ בלויט אַזאַ טיף־רחבותדיקער הימל און אָט־דאָ, נישט וויט, פליסט אַ שטיל זילבער־זוניק טייכל.

ווען זי פלעגט רעדן פלעגט איר פון דער דיקלעכער נאָז כסדר אַראָפּ־פאַלן די גאָלדענע פּענסנע, וואָס זי האָט אָפט געטראָגן און וואָס האָט צוגעגעבן איר איידל־ווייס, פרום־יידיש געזיכט די חשיבות פון אַ פּראָ־פעסאָר. ווען איך פלעג זען די גאָרע גוטסקייט און דערבאַרעמדיקייט, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר פנים, פלעג איך בלויז נישט קענען פאַר־שטיין ווי אַזוי אַזאַ גוטער מענטש קען שטעלן „צוווייען" די שילער אין די גימנאַזיעס, ווו זי פלעגט אויך געבן לעקציעס פון דייטש. מיר האָט זיך דעמאָלט אויסגעוויזן, אַז אַזאַ מענטש דאַרף אַלעמען שטעלן „פינפן", צי מען קען די לעקציע, צי נישט. וואָרום נאָר, אַז מען האָט אַ האַרץ פון אַן אכזר, קען מען שטעלן אַ „צוויי" און דערנאָך רעדן וועגן פאַרברידערונג פון די מענטשן און וועגן מעשים־טובים...

אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן האָט טערעזע ראָזנבוים, אַן אַנ־טוישטע, אפנים, אין דער מענטשלעכער גוטסקייט, זיך צוריקגעצויגן פון עפנטלעכע אַרויסטריטן און אונטערנעמונגען און האָט זיך אין גאַנצן

איינגעשלאָסן אין די ד׳ אמות פון א „יוגנט-היים״, וואָס זי האָט געגרינ-דעט פאַר יתומות, וועלכע פאַרלאָזן די פילאַנטראָפּישע יתומים-הייזער, נישט-צוגעגרייטע צום לעבן. וווינענדיק אין דער דאָזיקער „היים״, מיט וועלכער זי האָט אָנגעפירט און פאַר וועלכער זי האָט אירע לעצטע, אָפּגע-שפּאָרטע גראָשנס אוועקגעגעבן, האָט זי זיך אָפּגעזונדערט פון דער דרויסנ-דיקער וועלט, פאַרברענענדיק יאָרן גאַנצע מיט די יתומות. אויף זיי, אויף די עלנדע, פון גורל פאַרלאָזטע קינדער, האָט זי נאָך געלייגט האָפענונגען, געגלויבט, אַז פון אומגליקלעכע און אָרעמע קען נאָך אפשר אַרויסשטראַלן דאָס ליכט פון רחמים און גערעכטיקייט.

א פּייערדיקער ראָמאַנטיקער איז געווען יונגשטיין. ציון, ארץ-ישראל, איז געווען דער תוכן פון זיין לעבן. ווען עפּעס אַנדערש איז ער כמעט נישט פעאיק געווען צו רעדן. א קראַנקער, א שווינדזיכטיקער, פלעגן זיך זיינע תמיד-צעגליטע אויגן נאָך מער צעגליען, ווען ער האָט גערעדט וועגן הערצלס חלום, וועגן אַלטניילאַנד, וועגן די שטילע וואַסערן פון כנרת. ער האָט אין גאַנצן געברענט, ווען ער האָט גענומען מאָלן בילדער פון דער יידישער צוקונפט אין ארץ-ישראל. זיינע קרענקלעך-פולע באַקן פלעגן זיך באַגיסן מיט א פלאַמיקער רויטקייט, פונעם גאַנצן קערפּער זיינעם פלעגט שלאָגן א היץ, ווען ער פלעגט איינטענהן מיטן טאַטן, הלמאי ער, דער טאַטע, אַזא הייסער ייד, וויל זיך אָפיציעל נישט אָנשליסן אין דער ציוניס-טישער באַוועגונג. אקעגן שקיעה, בעתן שפּאַציר איבערן ברייט - צע-שפּרייטן, רויט-גאָלדיקן פעלד, וואָס איז געלעגן מיד אונטערן וואָרעמען הימל, פלעגט יונגשטיין ווייזן מיט זיין גרינעם, דאָרפּישן שטעקן אויפן וויטן, טונקעלן פלעק ביים ראַנד פון דער פּאָליאַנע:

— אָ, איר זעט דאָרט דעם וואַלד? זאָלן נאָר יידן וועלן, וועלן אַזעל-כע וועלדער באַדעקן די זאַמדיקע וויסטענישן פון ארץ-ישראל... איר וועט זען... און דער רויש פון די וועלדער וועט זיך אויסמישן מיטן רויש פון די פּאַליעס אין ים... און די טויטע ערד וועט אויפלעבן אונטער די טריט פון די בויער...

און באַלד פלעגט ער מיט זיין קרענקלעך-מאַטער שטים נעמען זינגען:

אלחנן צייטלין

„אויפן באַרג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן,
גייט אַ ייד קיין ארץ־ישראל
מיט פאַרוויינטע אויגן...”

ער איז געווען אַ שטאַרקער מנגן, יונגשטיין. אַ סברא, אַז ער איז עס טאַקע געווען דער מחבר פון אָט־דעם באַרימטן לידל „אויפן באַרג שטייט אַ בוים”. אין די פאַרנאַכטן פלעגט ער אויך ליב האָבן צו זינגען פרוגס סימבאָליש־ציוניסטיש ליד, צו וועלכן ער האָט פאַרפאַסט אַ נאָגנ־דיק־בענקענדיקע מעלאָדיע:

„עס גלאַנצט און שיינט דער מאָרגנשטערן
אין בלויען הימלישן געצעלט,
קיין איינציק וואָלקנדל אין הימל,
קיין שטילעם ווינטעלע אין פעלד.
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
נאָר אויפן אַלטן בית־הקברות
איז וואך אַ פייגעלע און זינגט —
ווי פערל שיטן זיך די טרעלן,
דאָס לידעלע ווי זילבער קלינגט...
דו נאַריש פייגעלע, דיין לידל
איז מיר באַקאַנט אַ לאַנגע צייט:
משיח גייט און ער וועט קומען,
נאָר אוי, ווי ווייט איז ער, ווי ווייט...”

ער פלעגט זיך אָפּרוען אַ ווײַלע, שטיין בלייבן אין מיטן פעלד, און, פאַרמאַכנדיק די אויגן, ווייטער ציען דעם אומעטיקן ניגון:

משיח גייט און ער וועט קומען,
נאָר אוי, ווי ווייט איז ער, ווי ווייט...

אויף אַן עלנד בעטל אין אַ טוואַצק האָט ער אויסגעשפּיגן זיינע

לונגען — ביזן לעצטן אָטעם געוואַרט אויף משיחן, וואָס איז אַלץ נישט געקומען...

אַן אויסטערלישע פּאָרל זענען געווען די ברידער גאָרדין. מען האָט זיי גוטברודעריש גערופן „ויקהל-פּקודי", ווייל זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געשיידט, נישט אָפּגעטרעטן איינער פונעם אַנדערן: צוזאַמען געגעסן, צוזאַמען געשלאָפן, צוזאַמען... גערעדט. דאַכט זיך, אַז זיי האָבן אויך צוזאַמען געטראַכט און געחלומט, וואָרום זיי האָבן געהאַט די זעלבע אָנשויאונגען, די זעלבע מיינונגען און די זעלבע אידעאַלן. זיי זענען ביידע געווען אַנאַרכיסטן, אָבער מיט אַ באַזונדערן, אייגנאַרטיק-יידישן קנייטש. זיי האָבן, דאַכט זיך, געוואָלט באַפּאַרבן דעם אַנאַרכיזם מיט יידישקייט, צונויפּפּאָרן אַנאַרכיע מיט די יידישע נביאים. און דערפאַר פלעגן זיי כסדר איינטענהן מיטן טאַטן, וועלנדיק אים געווינען פאַר זייער אידעע. דער טאַטע פלעגט אָפּט שמייכלען אין דער געדיכטער באָרד אריין, ווען זיי האָבן אים גענומען איבערצייגן, אַז אייגנטלעך איז שוין משה רבינו געווען אַן אַנאַרכיסט, און דווקא אַן אַנאַרכיסט לויט זייער אויפפאַסונג, אָבער דאָך האָט ער די ברידער גאָרדין געהאַלטן פאַר אָריגינעלע קעפּ און מיט זיי גערן געשמועסט, דיסקוטירט. רבנישע קינדער פון דער היים, — זייער פאָטער איז געווען רב אין סמאָרגאָן — האָבן זיי כסדר אריינגעפלאָכטן אין זייערע רייד פּסוקים און גמרא-ווערטלעך און מיט די דאָזיקע פּסוקים האָבן זיי באַגרינדעט זייער אַנאַרכיזם און באַקעמפט דעם „אָפּאָרטוניסטישן", „שטאַמלענדיקן" סאָציאַליזם. זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע, גאָרדינישע, טעאָריע נישט בלויז וועגן סאָציאַלע פראַגן, נאָר אויך וועגן ליטעראַטור, קונסט און אַפילו וועגן... עסן. זיי האָבן געשריבן און אַליין אַרויסגעגעבן, — אויפן אייגענעם חשבון, הייסט עס — צענדליקער בראָשורן, אין וועלכע זיי האָבן באַגרינדעט די אידייען זייערע. די דאָזיקע בראָשורן האָבן זיי פאַרשפּרייט און פאַרטיילט אומזיסט צווישן אַלע זייערע באַקאַנטע. זיי האָבן אויך די דאָזיקע ליטעראַטור פונאַנדערגעשיקט אין אַלע עקן וועלט, ווו נאָר אַ יידישער שרייבער, אָדער טוער, ווו נאָר אַ יידישע געזעלשאַפט אָדער אינסטיטוציע. (ווער-ווער, נאָר די פּאָסט האָט זיכער צו די ברידער גאָרדין נישט צוגעלייגט). און אויב מען רעדט שוין וועגן די ברידער גאָרדין און זייער באַ-

ציאונג צו ליטעראַטור דאַרף מען באַמערקן, אַז אַט-די ברידער, מיט די רבניש-לומדישע שטערנס, מיט די ברענענדיקע אויגן, מיט די שווארצע רוסישע רובאַשקעס, מיטן יידישלעכן קוועטש מיטן גראָבן פינגער, זענען געווען די ערשטע „פוטוריסטן" אין דער יידישער ליטעראַטור. יעדנפאַלס איז עס אמת אויף אַזוי פיל, אויף וויפל עס האַנדלט זיך אין דער אויס-טערלישקייט פון דער פאָרם. זיי האָבן געהאַלטן פון אַנאַרכיע אויך אין דער ליטעראַטור און אפשר דערפאַר טאַקע איז די גראַבבייכיקע פּאָעמע זייערע — „די טריאומפעדיע", — וואָס זיי האָבן, פּאַרשטייט זיך, אַליין אָפּגעדרוקט, פול מיט אַזעלכע פערלדיקע גראַמען ווי:

ס'איינגלט זיך
און ס'בייגלט זיך
און ס'דריידלט זיך...

אין דער דאָזיקער „טריאומפעדיע" איז אין אַ ווילדער, אָבער שטאַר-קער פאָרם געשילדערט געוואָרן די טראַגעדיע פון דער איצטיקער צייט און די „טריאומפעדיע", וואָס וועט קומען נאָך דער פולשטענדיקער צע-שמעטערונג פון די היינטיקע לעבנפאָרמען.

זיי, די ברידער גאָרדין, האָבן געקאָנט „באַגרינדן" די גאַרע שיינ-קייט און — דער עיקר — די גאַרע נאַטירלעכקייט פון טראָגן צילינדערס אויף די פיס און שטיוול אויפן קאָפּ, ביי זיי איז די זון אויפגעגאַנגען פאַרנאַכט און פאַרגאַנגען כעלות, ביי זיי האָבן ביימער געבליט אין די פראָסטיקסטע ווינטערס און בלומען האָבן, נעבעך, געוויאַנעט, ווי נאָר די זון האָט גענומען וואַרעמען. און אויב אַנאַרכיע — איז טאַקע אַנאַרכיע אויך אין דער שפּראַך און אינעם אויסלייגעכץ. זיי האָבן געהאַט אַ משונה-דיקן יידיש און אַן אייגענע היפּער-ראַדיקאַלע אָרטאָגראַפיע. און פאַר זייערע חידושים האָבן זיי געקעמפט עקשנותדיק, געלאָזט זיך דורסן. ביי-דע זענען זיי געווען ענטוזיאַסטן, היץ-קעפּ און אין זייערע ביידנס אויגן האָט געפלאַקערט עפּעס אַ מאָדנער, אומהיימלעכער פלאַם. זיי האָבן גע-האַט טענות צו דער גאַנצער וועלט, אָפּט געקלאַפּט אין טיש און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וואַרטן נאָר אויפן טאַטנס הסכמה: זאָל נאָר דער טאַטע זאָגן „יאָ" — קערן זיי איבער די וועלט...

די ברידער גאָרדין האָבן אויך געפּריידיקט נייע פאָרמען פון קינדער־דערציאונג. אין זייער שטעטל, סמאַרגאָן, האָבן זיי געגרינדעט און געפירט אַן אייגענע שולע, וואָס איז געווען געבויט אויפן פּרינציפּ פון אַליין־אַנטוויקלונג פונעם קינד: דער לערער, הייסט עס, דאַרף דאָס קינד נישט לערנען, ער דאַרף בלויז העלפן דעם קינד צו אַנטוויקלען זיינע שעפערישע כוחות, זיין דער סטימול פאַר דער שאַפונג־פרייד פונעם קינד. זיי זענען, קומט אויס, געווען די ערשטע ביי יידן, וואָס האָבן פאַקטיש געגרינדעט די א״ג „שעפערישע שול״.

אויך אין הלכות־עסן האָבן זיי געהאַט אַן אייגענעם דרך, די גאָרדינס. זיי האָבן פאַרפאַסט אייגענע קולינאַרישע רעצעפּטן, לויט וועלכע עס האָבן זיך באַקומען „אַנאַרכיסטישע״, מיתה־משונהדיקע שפייזן. איין מאָל האָבן זיי איינגעלאַדן צו זיך אויף מיטיק אַ גרופּע פריינט און באַקאַנטע. געגנוי פון וואָס פאַר אַ מאכלים דער „אַנאַרכיסטישער״ מיטיק איז באַשטאַנען, געדענק איך נישט. כ׳געדענק בלויז, אַז נאָך דער דאָזיקער סעודה האָבן די געסט באַקומען געפערלעכן בויכווייטיק און די גאַסט־געבער גופא, די ברידער גאָרדין, וועלכע האָבן אַליין צוגעגרייט די שפייזן און האָבן, כדי צוצוגעבן די נישט־דרייסטע קוראַזש, געגעסן מער פון אַלעמען, האָבן זיך געמוזט לייגן אויף אַ היפּש שטיקל צייט אין בעט אריין.

אין יאָרן אַרום, בעתן כאַאָס פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש פון 1917, זענען די ברידער גאָרדין, בראש פון אַ מחנה שוואַרץ־העמדלדיקע אַנאַרכיסטן, געגאַנגען אויף מאָסקווע. ביי די טויערן פון שטאָט איז אָבער זייער „אַרמיי״ צעקלאַפּט געוואָרן און די ברידער גאָרדין איז ווידער נישט באַשערט געווען איבערצוקערן די וועלט...

# קאַפּיטל 10

## חברה „זולל וסובא"

אין דער „ליטעראַרישער קאָלאָניע" אין יוזעפאָוו איז עטלעכע יאָר בסדר געווען אַ מנהג פון שבת-פאַרנאַכטיקע „טייען", וואָס פלעגן איינגעאָרדנט ווערן יעדן שבת ביי אַן אַנדערן, לויט דער ריי. דאָס איז געווען אַ מין שלש-סעודות, וווּ עולם-הזה האָט זיך געטראָפן מיט עולם-הבא: אַ געמיש פון מחיהדיק שבת-אויבס, שטאַרקן וויין און שמעקעדיקע טאָרטן, מיט רוחניות, מיט פיינע, גייסטרייכע ווערטלעך און אפילו פילאָזאָפישע דיספוטן. עס איז געווען איינגעשטעלט אַ ספּעציעלער קאַלענדאַר פון די „טייען" אויף אַ גאַנצן זומער אַרויס און די באַלעבאָסטעס האָבן טאַקע דערפאַר געהאַט גענוג צייט זיך צו גרייטן צו די דאָזיקע „טייען", וואָס פלעגן געפּראַוועט ווערן מיט גרויס פּאַראַד און פייערלעכקייט. די באַלעבאָסטעס האָבן זיך באַמיט איבערצושטייגן איינע דער אַנדערער מיט כיבוד, מיט אויסזוכן און צוטראַכטן נייע מעניוס, אַזעלכע, וואָס זענען נאָך ביי די פריערדיקע „טייען" נישט געווען. מען האָט אויך „קאָנקורירט" צווישן זיך מיט טיש-געשיר, מיט פאַרשידענע באַפוצעכצער, מיט אָריגינעלע קיך-איינפאַלן. דעם רעקאָרד אין דער דאָזיקער קולינאַרער קאָנקורענץ האָט געשלאָגן מלכה גאָרדאָן, ש. ל. גאָרדאָנס פרוי, וועלכע מען האָט גערופן, אויף דער ספרדישער חברה, מיטן אַקצענט אויף דער צווייטער זילב — „מאַלקע. אויף די „טייען" ביי גאָרדאָנען איז געווען אַ מאכל, וואָס וויפל די איבעריקע ליטעראַרישע באַלעבאָסטעס האָבן זיך נישט באַמיט אים נאָכצומאַכן, איז עס זיי

קיינמאָל נישט געראָטן: דעם סוד פון פּרעפּאַרירן דעם דאָזיקן מאכל האָט „מאַלקאַ" גאָרדאָן נישט געוואָלט אויסגעבן. עס איז געווען אַ פראַגע פון איר אַמביציע צו זיין די איינציקע אין יוזעפאָוו, וואָס באַזיצט אַזאַ טיפן סוד. און ס׳איז טאַקע געווען די אמתע מעדני מלכים, ס׳האָט טאַקע געהאַט טעם גן-עדן, אַט-דער מאכל מאַלקאַס. דאָס איז געווען אַ מין קונ-ציק-געפּרווירענע קאַקאַאָ, דורכגעשלאָגן און באַגאָסן מיט פרישער סמע-טענע און געשניטן האָט עס זיך אַזוי גלאַנציק פעט, ווי פּעטשאַ. אויב אָבער עס מיינט ווער, אַז דאָס איז געווען גלאַט-אַזוי פשוטע געפּרווירענע קאַקאַאָ מיט סמעטענע, האָט ער אַ גראָבן טעות. דעם דאָזיקן טעות האָבן טאַקע געהאַט די יוזעפאָווער „קאָנקורענטקעס" מאַלקאַס. אויך זיי האָט זיך געדאַכט: ס׳איז דאָך אַזוי פשוט! און דאָך האָבן זיי דעם גן-עדן מאכל, ווי מיר האָבן עס גערופן, בשום אופן נישט געקענט נאָכמאַכן. ס׳איז נישט געווען דאָס. ס׳האָט נישט געהאַט יענעם טעם, וואָס ביי מאַלקאַן. זי האָט געהאַט עפּעס אַ געהיימען טריק דערביי און דעם דאָ-זיקן טריק איז נאָך קיינער עד-היום נישט דערגאַנגען...

צוליב די „טייען" האָט ש. ל. גאָרדאָן, נעבעך, געמוזט פאַרבויגן דעם פּרינציפּ צו רעדן אין זיין שטוב נאָר העברעאיש. ס׳איז ביי אים געווען אַ חוק ולא יעבור, אַז זיין גאַנץ בני-בית טאָר נישט באַנוצן קיין אַנדער לשון, חוץ לשון-קודש, און די פאַמיליע גאָרדאָן איז, דאַכט זיך, געווען די איינציקע אין וואַרשע, וווּ דער דאָזיקער פּרינציפּ איז דורכגע-פירט געוואָרן מיט דער פולסטער שטרענגקייט און פּינקטלעכקייט. אפילו די דינסט אין גאָרדאָנס הויז האָט זיך געמוזט אויסלערנען העברע-איש, אויב זי האָט געוואָלט פאַרבלייבן אויף דער שטעל. חוץ גאָרדאָנען און זיי פרוי מאַלקאַ, האָבן נאַטירלעך אויך די קינדער זייערע גע-רעדט בלויז העברעאיש. יידיש איז געווען חס-מלהזכיר. קען מען שוין דעריבער פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גרויסער קרבן עס איז געווען פון גאָרדאָנס זייט דאָס עובר-זיין אויפן דאָזיקן עברית-געבאָט. גאָרדאָן האָט נישט בלויז געמוזט שעהן-לאַנג פאַרנעמען די קלאַנגען פון יידיש, נאָר ער און זיין ווייב האָבן נאָך אַליין, אויף די „טייען", געמוזט רעדן מאַמע-לשון. אויך די זין זיינע, די סטודענטן משה (געבוירן אין ארץ-ישראל) און יהואש, און די טאָכטער ימימה, האָבן זיך געבראָכן די ציין און גע-

רעדט אַ שטומפּיקן, גוישן יידיש. געוויינלעך, נ י ש ט אויף די „טייען", פלעגט גאָרדאָן רעדן צום טאַטן העברעאיש, דער טאַטע פלעגט אים אָבער עפ"י רוב ענטפערן אויף יידיש. טייל מאָל בלויז, ווען דער טאַטע איז געווען באַזונדער אויפגעלייגט, פלעגט ער גאָרדאָנען אויך ענטפערן אויף העברעאיש און דעמאָלט פלעגט גאָרדאָן שטראַלן פון שמחה. ער פלעגט עס האַלטן פאַר אַ גרויסן נצחון פונעם קעמפנדיקן העברעאיזם.

אָפט, אין די גרויסע היצן, פלעגט גאָרדאָן קומען צום טאַטן און אים אוועקנעמען אָפּקילן זיך אין די „שווייצאַרישע בערג". אויף יענער זייט פון באַן־פּלאַנט, הינטער שטילע, גויישע ווילעס, וווּ מען האָט כמעט קיינמאָל קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען, חוץ בייזע, וואַרטשענדיקע הינט, האָט זיך געהויבן אַ קייט פון בערגלעך, באַדעקטע מיט הויכע סאָסנעס. די דאָזיקע בערגלעך האָט מען גערופן די „שווייצאַרישע בערג". דאָרט פלעגט גאָרדאָן דערציילן דעם טאַטן מעשיות פון ארץ־ישראל, וווּ ער איז אַמאָל געווען, און פלעגט פאַר אים שילדערן טיפּן פון אַלטן יידישן ישוב אין ירושלים און צפת: מקובלים, וואָס פייניקן זיך אין סיגופים, כדי וואָסגיכער אָראָפּצוברענגען משיחן און אויסלייזן די וועלט פון אירע זינד, אַלטע יידן, זקנים, אַהינגעקומענע פון קליינע ליטווישע שטעטלעך, פון פאַרוואָרפענע עקן ערגעץ אין קאַווקאַז, אין בוכאַרע, אין תימן, וואָס ליגן־אָפּ גאַנצע טעג ביי די ברייטע, טונקעלע שטיינער פון כותל־מערבי און באַדעקן זיי מיט קושן פון זייערע פאַרטריקנטע, צעקנייטשטע ליפּן און — ווייבער, ליטווישע ווייבער, וואָס האַנדלען מיט גרינלעך־צעפוילטן באָב און ארבעס אויפן מאה־שערימדיקן מאַרק אין ירושלים מיטן זעלבן געפּילדער, מיט די זעלבע „סוחרישע" שבועות און אין דעם זעלבן ליטווישן יידיש, ווי אין זייערע אַמאָליקע היימען, אין די פאַרגעסענע ווינקלען פון רייסן אדער ליטע.

דעם טאַטן האָט באַזונדער אינטערעסירט די דערציילונג וועגן איינעם אַ מקונן, וואָס איז גאַנצע יאָרן אָפּגעזעסן אין דער אַלט־ירושלימער שול פון ר' יהודה החסיד און געקלאָגט אויף חורבן ירושלים. דער דאָזיקער ייד האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די לייכטנדיקע זון, דעם קלאָרן הימל. אַלץ האָט ער געזען פינצטער, שוואַרץ. מיט אַ באַזונדער־אימהדיקן ניגון האָט ער כסדר געחזרט די גרויליקע ווערטער פון די קינות:

„אתמה על מאור היום,
אשר יזרח על כל,
אבל יחשך.
עלי ועליך...״

אַז ש. ל. גאָרדאָן פלעגט מיט אַ געבראָכענער תשעה-באָבדיקער שטים זינגען די דאָזיקע ווערטער מיטן ניגון פון יענעם מקונן אין דער חורבה פון ר׳ יהודה החסיד, פלעגט ער ווערן נאָך נידעריקער, ווי ער איז געווען. זיינע קליינע, גרויע אויגן פלעגן זיך פארמרוזשען הינטער די גילדערנע פענסנע, דער גלאַטער, ווייסער שטערן פלעגט זיך פארקנייטשן און די שטילע טריטלעך זיינע פלעגן ווערן נאָך שטילער און פאַמעלעכער. איך האָב געקוקט אויף גאָרדאָנען מיט גוואַלדיקער באַוווּנדערונג און קנאה: אַט איז אַ ייד, וואָס איז אַליין געווען אין ארץ-ישראל, אין דעם הייליקן לאַנד, און איז מיט די דאָזיקע שטילע, קליינע טריטלעך זיינע געטרעטן אויף דער זעלבער ערד, אויף וועלכער עס זענען געטרעטן ישעיה און ירמיהו... אַט-דאָס נידעריקע מענטשעלע האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען דעם כותל-מערבי, די רעשטלעך פון בית-המקדש. ער האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן, גאָרדאָן, ווי עפּעס אַן אַנדער מין מענטש, פון אַן אַנדער וועלט. דעמאָלט, מיט אַ יאָר פינף, זעקס-און-צוואַנציק צוריק, איז אַן ארץ-ישראל-ייד געווען אַ נייס, אַ חידוש, און אַ נסיעה קיין ארץ-ישראל איז געווען אַ ריזיקע און זעלטענע אונטערנעמונג. איך האָב אויך שטאַרק מקנא-געווען מאשען (משה), גאָרדאָנס עלצטן זון, נישט צוליב זיין בלויען סטודענטישן מונדיר מיט די גלאַנציקע, מעשענע קנעפּ, נאָר צוליב דעם, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אין ארץ-ישראל. און איך האָב נישט געקענט פארשטיין, הלמאי דער ט אַ ט ע איז נישט מקנא גאָרדאָנען און באַוווּנדערט אים גאָרנישט...

:: :: ::

די אינסטיטוציע פון שבת-„טייען״ אין יוזעפאָוו האָט מען אַ נאָמען געגעבן „זולל וסובא״ און די באַטייליקטע אין די דאָזיקע „טייען״ האָבן באַקומען דעם ערנהאַפטן נאָמען „ח ב ר ה זולל-וסובא״... צוגעטראַכט

דעם דאָזיקן נאָמען האָט משה גרשון פעלדשטיין (ר׳ משה), אליין איינער פון די אַקטיוווסטע מיטגלידער פון דער דאָזיקער „חברה". אַ פריילעכער מענטש בטבע, אַן אמת־יידישער אָפּטימיסט און בעל־בטחון, האָט ר׳ משה פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענעם, זעלטענעם חוש פאַר פיינעם, יידישלעכן הומאָר. די ערנסטסטע און טרויעריקסטע זאַך אפילו האָט ער פאַרשטאַנען איינצוהילן אין אַ ליכט מענטעלע פון דינער, איידעלער איראָניע און די ביטערסטע דערשיינונגען און עוולות האָט ער זיך באמת דן־צו־זיין לכף זכות. ער איז געווען, ווי מען רופט עס, אַ מזג טוב און אויך די פעליעטאָנען זיינע, וואָס ער פלעגט דרוקן אין „הצפירה" אָדער אין „היינט", האָבן געאָטעמט מיט עפּעס אַ זיידישער גוטסקייט, כאָטש ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן. אויף די „טייען" פלעגט ר׳ משה אָפט פאָרלייענען זיינע קורציקע פעליעטאָנען, אין העברעאיש אָדער אין יידיש. עפּ״י רוב זענען עס געווען דיאַלאָגן צווישן נאַלעווקער יידן מעניני־דיומא. די פעליעטאָנען זענען געווען רואיקע, באַלעבאַטיש־פּקחותדיקע, צוגעפּאַסט צו דער מענטאַליטעט און געשמאַק פונעם יידישן באַלעבאַטישן מענטש. דערפאַר טאַקע זענען די פעליעטאָנען אַמשטאַרקסטן געפעלן די ציוניסטיש־באַלעבאַטישע יידן, אונדזערע דאַטשע־שכנים, וואָס האָבן זיך אויך „פאַרשריבן" אין דער חברה „זולל וסובא" און האָבן אויך איינגעאָרדנט ביי זיך „טייען". באַזונדער האָט געלעקט די פינגער פון ר׳ משהס חכמות דער ציוניסטישער באַלעבאָס לאַבענסקי, אַ וואַרשעווער פאַבריקאַנט, אַ מוקיר סופרים, איינער פון די גרינדער פון דער ציוניסטישער שול „שערי־ציון", וווּ מען האָט נישט בלויז געדאַוונט, נאָר אויך געלערנט, געלייענט פאַרלעזונגען אויף יידיש געשיכטלעכע טעמעס, און ווו עס האָט זיך אויך געפונען אַ רייכע העברעאישע ביבליאָטעק. אַז ר׳ משה פלעגט לייענען זיינע פעליעטאָנדלעך, פלעגט זיך אים שאָקלען דאָס קמץ־בערדעלע און ער פלעגט ווערן אין גאַנצן רויט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשעמט. דאָס איז אָבער געווען בלויז ביים לייענען. געוויינלעך פלעגט ער מיט אַ מאָדנער רואיקייט שיטן מעשיות און וויצן, ווי פון אַרבל, און דערביי פלעגט ער אפילו קיין שמייכל נישט טון, כאָטש ער איז געווען אַ פריילעכער מענטש דורך־און־דורך און כאָטש דער עולם אַרום פלעגט זיך קאַטשען פון געלעכטער ביי זיינע וויצן און גלייכווערטלעך.

אויף די „טייען" איז געווען אַ מנהג צו לייענען זאַכן אויך פון יונגע, אומבאַקאַנטע שרייבער, אָנפאַנגער. נישט איין שרייבער איז „נתגלה-געוואָרן" אויף די יוזעפּאָווער „טייען" דורך דער חברה „זולל וסובא". איין מאָל האָט שאַלקאָוויטש (בן-אביגדור) צוגעגרייט אַ סיורפּריז פאַרן עולם, וואָס איז צו אים, אין איינעם אַ שבת-פאַרנאַכט, געקומען אויף טיי. כטוב לב האָט ער אַרויסגעזעצט אויף דער לענגלעך-דיקער, רויטלעכער נאָז די גבירישע-גילדערנע ברילן זיינע, פאַרגלעט מיט אַ ווייס-אויסגעאיידלטער האַנט די גרויע, שיין-אַרומגעשניטענע האָר, וואָס האָבן חשיבותדיק און קיילעכיק אַרומגערייפט דעם ברייטן נגידיש-לומדישן שטערן און — בנעימותדיק אַרויסגעצויגן פון אַ זייטן-קעשענע אַ דין ביכעלע מיט גרינע טאָוולען. דאָס ביכעלע האָט געשמעקט מיט יונגקייט און מיט וואַלד. פאַמעלעך, וואָרט ביי וואָרט, מסתמא כדי וואָס לענגער צו קייען די פרישע זאַפטיקע ווערטער, האָט ער געלייענט איין שיר נאָכן צווייטן — קורצע, אָפּגעהאַקטע שורהלעך — און עולם האָט מיט אַמאָל פאַרגעסן אין דעם טיי מיטן שבתדיקן כיבוד. מען האָט געקוקט אויף דעם גרינעם ביכעלע מיט וואָרעמע אויגן און מען האָט איינגעזאַפּט אין זיך די טוּיאיקע פרישקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון יעדן וואָרט. דאָס איז געווען אַ ביכעלע העברעאישע לידער פון אַן אומבאַקאַנט אונגאַריש יינגל, אביגדור פייערשטיין. חברה שרייבער האָט גלייך דערפילט אין אים אַ דיכטערישן טאַלענט און באַלד אויף צו מאָרגנס, נאָכן טיי, האָט מען זיך שריפטלעך פאַרבונדן מיט פייערשטיינען און אים מודיע-געווען וועגן דעם דערפאָלג פון זיין ביכל. דאָ, אויף די „טייען", אַלזאָ, איז אַנטדעקט געוואָרן אַ נייער העברעאישער פּאָעט, וואָס האָט דערנאָך פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין דער מאָדערנער העברעאישער דיכטונג (אביגדור המאירי).

חוץ מאַנוסקריפּטן און ביכלעך פון אומבאַקאַנטע שרייבער-אָנפאַנגער, וואָס שאַלקאָוויטש פלעגט באַקומען מארבע פינות העולם, אַלס באַוווסטער פאַרלעגער, און וואָס די בעסערע פון זיי פלעגט ער לייענען אויף די „טייען", פלעגט שאַלקאָוויטש מיט אַ באַזונדערער הנאה תמיד פאַרלייענען י ה ו א ש ע ס לידער. און כאָטש יהואש איז שוין דאַן געווען אַ באַוווסטער יידישער דיכטער, פלעגט שאַלקאָוויטש אַלע מאָל וועגן אים רעדן און קלויבן פון אים התפעלות, ווי פון אַ וווּנדער-קינד. יהואשן,

וועלכער איז געווען שאלקאָוויטשעס שוואָגער (זיין ווייבס ברודער, בלום-גארטן) האָט בן-אביגדור געהאַלטן פאַרן גרעסטן יידישן פּאָעט און ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, ווען עמעצער האָט זיין מיינונג געפּרוווט אַמאָל אָפּוועגדן. היות ווי יהואש איז געווען אויך מלכה גאָרדאָנס אַ ברו-דער, האָט אויך ש. ל. גאָרדאָן, כאָטש אין כלל געגומען האָט ער נישט גורם געווען קיין „זשארגאָן"-שרייבער, שטאַרק געליבט יהואשס לידער.

אָט-אַזוי פלעגן פאַרגיין די שבתדיקע „טייען" אין דער יוזעפאָווער שרייבערישער „קאָלאָניע": אָנגעהויבן מיט אַ געשמאַקן צוביים, דורכגע-פלאָכטן מיט אַ גלייכווערטל, מיט אַ פעליעטאָנדל, מיט אַ שיר, אַמאָל אויך מיט אַ שפּאַרעניש איבער אַ פילאָזאָפישער פראַגע און פאַרענדיקט מיט אַן עכט-דביקותדיק זמרל:

והריקותי לכם ברכה
עד בלי די,
עד בלי די,
עד שיבלו שפתותיכם
מלאמר די...

# קאַפּיטל 11

## מיט ספּעקטאָרן

דער „ערן-פּאָרזיצער” פון „חברה זולל וסובא” איז געווען מרדכי ספּעקטאָר. הגם מען האָט אים אויפן דאָזיקן „אמט” נישט געקליבן, האָבן אָבער אַלע געפילט, אַז דער איינציק-באַרופענער פאַר דער דאָזיקער ערן-האַפטער מיסיע איז ספּעקטאָר און ער איז ממילא, פון זיך אַליין, געוואָרן דער נישט-געקרוינטער קעניג פון דער עם-מלוכה. און ער האָט טאַקע „געקיניגט” ביד-חזקה: געווען נישט בלויז הערשער, נאָר אויך רעגירער. געווען סיי פּראַקטישער מנהיג, סיי „טעאָרעטישער” באַגרינדער. זיין וואָרט איז געווען אַנטשיידנדיק סיי פאַר דער קיך און סיי פאַר די, וואָס האָבן פון דער קיך געדאַרפט עסן. אים און נישט קיין אַנדערן האָט מען געפרעגט שאלות מכוח דעם מעניו, מיט אים האָבן זיך באַלעבאָסטעס געהאַלטן עצות מכוח כיבוד. ער האָט אויך דעצידירט בײַם אויספּאַרטיקן דעם טיי-קאַלענדאַר: ווו, ווען און ביי וועמען. אויף זיין מבינות האָט מען זיך געמעגט פאַרלאָזן: האָט ער געזאָגט אויף אַ מאכל, אַז עס איז געשמאַק, האָט מען עס געמעגט עסן „מיט פאַרמאַכטע אויגן”, נישט איבערקלערנדיק וועגן פרישקייט און וועגן אַ דאָקטאָר. אויף די, וואָס האָבן געגעסן מיט אַ האַלבן מויל, נישט מיטן פולן אַפּעטיט, נישט אַריינטועענדיק בעת דער אכילה אַלע זייערע חושים, האָט ספּעקטאָר גע-קוקט מיט מיטלייד, ווי אויף האַלבע מענטשן, ווי אויף קראַנקע. ער האָט געשאָקלט מיטן ברייטן, קיילעכיקן און גלאַטן קאָפּ, און האָט זיי

באדויערט. אזוי ווי דער טאטע איז געווען א קנאפער עסער און ספעקטאר האט אים דווקא געוואלט מחנך-זיין צו „מעשים-טובים", מהנה-זיין אים, האט ער, ביי די „טייען", אלע מאל זיך געזעצט נעבן טאטן און אים צוגעזען, אונטערגערוקט אלע ווײלע עפעס אנדערש:

— עסט!... פארזוכט, ר' הלל, ס'אי גוט... ס'האט טויזנט טעם...

און ווען דער טאטע האט אים נישט געהערט און געשמייכלט אריבער ספעקטארס ווייסן קאפ, וואס האט זיך בדחילו-ורחימודיק געבויגן איבער א ברייטן טעלער, האט אים ספעקטאר געמינטערט:

— געננג צו קוקן אין הימל אריין, ר' הלל... קוקט אין טעלער...

ער איז געווען א לעבנגעניסער דורך-און-דורך, ספעקטאר. נישט גע-פרעגט קיין קשיות, נישט איבערגעקלערט צופיל, נישט געמאטערט זיך צו-פיל מיט קאמפליצירטע פראבלעמען פון לעבן. געווען אן אבסערוואטאר. געקוקט אויפן לעבן אזוי ווי ס'איז, גענומען און גענאסן אט אזוי ווי עס שטייט און גייט. איבער שווערע איבערלעבענישן—און ער האט געהאט שווערע פאמיליע-איבערלעבענישן — איז ער אויך אריבער פעסט און רואיק. יעדנפאלס האבן די איבערלעבענישן קיין שפורן פון טיפע אויפ-טרייסלונגען נישט איבערגעלאזט אויף דעם געפאקטן, געזונט-פארוואָרצלטן ספעקטאר. מיט זיינע קליינע, גוטע ביר-אויגן האט ער ווייך און קלוג גע-קוקט ארום זיך און האט פארשטאנען אפצושאצן די ווערט פון יעדער קלייניקייט, אזוי ווי אט-די קלייניקייט וואלט געווען מי-יודע וואס, אזוי ווי עס וואלטן אין איר געשטעקט גאר טיפע און חשיבותדיקע מיינען. ער האט געטרונקען די זאפטן פון לעבן מיט א פולן, געזונטן מויל און ער האט נישט געקענט באגרייפן, ווי אזוי עס קען גאר זיין אנדערש. ער האט געהאט אין זיך א סך פון א דארפס-מענטשן, פון דעם „יידישן מוזשיק", ווי עס רופט זיך א באוווסטער ראמאן זיינער. אונטער דער אויסערלעכער רואיקייט און אומגעהויבלטקייט האט זיך באהאלטן א פרימיטיווע, אבער געזונטע לעבן-פקחות.

אין דער ליטעראַרישער סביבה האט מען זיך נישט אויפגעהערט צו וויצלען איבער ספעקטארס גוואלדיקער ליבע צו דער אכילה און איבער זיין אויסטערלישן אפעטיט. מען האט דערציילט, אז נאכן אפעסן איין מיטאג אין דער היים, פלעגט ער זיך ערשט אריינכאפן אין א רעסטאראן

אויף א צווייטן מיטאָג. אין אַלע זיינע דערציילונגען און פעליעטאָנען האָט מען געזוכט און... טאַקע געפונען א פאַרהערלעכונג פון עסן, א באַשרייבונג פון א סעודה. זעלטן־ווען האָט ספעקטאָר ארויסגעלאָזט א העלד אין זיינער א דערציילונג נישט איבערגעביסענערהייט, אויפן ניכטערן מאָגן. און אַז מען פלעגט לייענען ספעקטאָרס א שבועות־דערציילונג, פלעגט ממש די סלינע רינען איבערן מויל, ווען מען האָט דאָרט ביי אים געפּרעגלט די ברייטע בלינצעס אין סמעטענע...

אַז ער פלעגט עסן, ספעקטאָר, פלעגט זיך אים דער ברייטער, שמאָלציקער קאַרק אָנגיסן מיט בלוטיקער רויטקייט און די דיק־אַראָפּגעלאָזטע, געלבלעך־גרויע וואָנסן פלעגן זיך אַלע ווײַלע הנאהדיק אָפּערהויבן, באַנעצטע און באַשמירטע, פון די טיפע טעלער־תהומות ארויס. אָבער נישט בלויז אין דער אכילה איז ספעקטאָר געווען אריינגעטון. ער האָט זיך אויך געמישט אין דער באַלעבאַטישקייט און אָן אים האָט מען זיך אין שטוב קיין ריר נישט געטון. ער האָט געהאַט הנאה, ווען ער איז געווען נוצלעך מיט עפּעס אין קיך, ביים קאָכן, ביים רוימען די שטוב, ביים וואַשן, ביים צעהאַקן א פּאָר שייטלעך האָלץ, אָדער ביים אַריינברענגען א פּאָר עמערס וואַסער פון דער פּלומפּ. ווען מען האָט געוואַשן וועש איז ספעקטאָר נישט אַרויס מפתח־ביתו. ער איז געווען פאַרשוויצט און פאַרפּאַרעט און מען האָט צו אים נישט געקענט א וואָרט אויסרעדן. איינמאָל האָט מען אים, צוליב א וויכטיקער סיבה, אַרויסגערופן אין שטאָט אריין, אין רעדאַקציע. עס האָט געדאַרפט אָפּגעהאַלטן ווערן עפּעס אַן אייליקע באַראַטונג. אַלע רעדאַקציע־מיטאַרבעטער, וואָס האָבן געוווינט אויף דאַטשע, זענען אַריינגעקומען אין שטאָט, איין ספעקטאָר בלויז האָט זיך נישט געיאַוועט. אַז מען האָט אים שפּעטער געפרעגט: ספעקטאָר, ווי פאַלט איר אויס נישט צו קומען? מען האָט דאָך געוואַרט אויף אייך! — האָט ער פּאַמעלעך געהויבן מיט די ברייטע אַקסלען:

— כ'האָב נישט געקענט... כ'האָב געהאַט די **ג ר ו י ס ע** וועש!...

קיין דאַגע, מיזערנע מענטשלעך האָט ער נישט ליב־געהאַט, ספעקטאָר. ער האָט געהאַלטן פון פולע, קאַרפּולענטע פאַרשוינען, „גאַנצע" מענטשן. פאַרטראַכטע, מן הצדיקע, פאַרחלומטע, האָט ער נישט גורס־געווען, מבטל־געמאַכט זיי: עט, נישט מיינע מענטשן... מיט מיר איז ער

גאָר געווען פאַן-בראַט. סכנותדיק ליב געהאַט מיך צו קנייפּן אין די גראָבע, פולע, רויטלעכע באַקן, אָנגעקוואָלן פון מיין געזונטן אַפּעטיט, פון מיינע קונדסערייען און פון מיין געפּאַקטקייט. דערפאַר האָט ער זיך געהאַלטן פון דערווייטנס פון אהרנען. ער האָט נישט געקענט באַגרייפן אהרנס פאַרטראַכטקייט און שטילקייט. עס האָט זיך אים נישט געלייגט אויפן שכל, אַז אַ יונג ייִנגל זאָל אַזוי אָפּט זיין פאַרקלערט און פאַרשלאָסן אין זיך. ער האָט עפּעס מורא-געהאַט פאַר אהרנען, פאַר זיינע אומעטיקע אויגן און פאַר זיין... בילדונג.

— ער איז עפּעס אַ גאון, אייער אהרן — פלעגט ספּעקטאָר אָפּט ברומען צווישן די גראָבע וואָנסעס, ווען ער פלעגט זיך באַגעגענען מיטן טאַטן און עס פלעגט קומען צו רייד וועגן אהרנס שרייבן, וועגן זיינע זאַכן, וועלכע ער הויבט שוין אָן צו דרוקן (אין ניגערס „יידישע וועלט" שוין געהאַט אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע זאַך „די מטרוניתא"). ער האָט גע-ציטערט פאַר „גאונים", ספּעקטאָר. ער האָט זיי געהאַלטן פאַר מענטשן נישט פון ד ע ר וועלט. און ע ר איז געשטאַנען מיט ביידע קורצע, גראָבע פיס אויף דער ערד. אהרנען, אַלס גימנאַזיסט, האָט ער געהאַלטן פאַר אַ מלומד, פאַר אַ מין „אוטשאָני יעווריי", פאַר אַן אַלץ-ווייסער. דערפאַר מסתמא האָט ער אים איינמאָל, אין אַ ליכטיקן אָוונט, אַ פרעג-געטון, ליגנדיק אויסגעצויגן אויף אַ בערגל, נישט ווייט פון יאַראָסלאַוו, און אַ הויב-טוענדיק צו דער לבנה, וואָס האָט שטיל און שמייכלענדיק אַראָפּגעקוקט אויפן בערגל, זיין גראָבן, קרומלעכן שטעקן:

— אָרליק, דו ווייסט דאָך יאָ אַלץ... ווייז-זשע מיר: ווּו איז דאָ די נאָז... און די אויגן... און דאָס מויל אויף דער לבנה?...

ער האָט, ליגנדיק מיט די ברייטע פּלייצעס אַרויף, לאַנג און ערנסט זיך איינגעקוקט אין דער לבנהס פּנים, טייטלענדיק דערביי כסדר מיטן שטעקן. און ער האָט געהאַט גרויס שברת-הלב, ווען אהרן האָט אים נישט געענטפערט און האָט בלויז קאַרג אַריינגעשמייכלט אין דער שוואַרצער פּלערינע, וואָס האָט געלויכטן אין שיין פון דער לבנה.

יעדן פרימאָרגן, ווען דורך די לאָדן-שפּאַרעס פון אונדזער הייזקע האָבן זיך גענומען דורכרייסן די ערשטע בלאַסע שטראַלן פון דער זון, פלעגט זיך דערהערן אַ שטיל קלאַפּן אין די לאָדנס. דאָס האָט געקלאַפּט

ספּעקטאָר, וועלכער פלעגט אַלע טאָג, אין די פריע שעהן, ווען פון די פעלדער האָט געשמעקט מיט טוי און די ביימער פון דערבייאיקן וואַלד האָבן זיך אָט-ערשט געהאַט איבערגעוועקט, זיך לאָזן צו-פוס קיין שווי-דער — אויסבאָדן זיך אין דאָרטיקן טייכל. אויפן וועג פלעגט ער אָפּ-טרעטן נאָך מיר און מיטנעמען מיך צום באָדן. אַליין פלעגט ער נישט ליב האָבן צו גיין אַזאַ מהלך. עס איז אים געווען אומעטיק איבערן ברייטן, פוסטן פעלד. און פון דער פרימאָרגנדיקער „טבילה" אין שווידערער טייכל האָט ער אויך געהאַט מער הנאה, ווען איך האָב מיך מיט אים מיטגע-באָדן. איך פלעג שוין אין די באַגינענס וואַרטן אויף ספּעקטאָרס קלאַפּן אין לאָדן און ווען איך פלעג נאָר דערהערן דעם ערשטן שאָרך ביים פענצ-טער, פלעג איך מיך גלייך, שטילערהייט, כדי נישט איבערצוּוועקן קיינעם אין שטוב, אָראָפּגנבענען פון בעטל, אַרויסכאַפּן אויף זיך די הייזלעך, מיטנעמען ס'פּעקעלע — א האַנטעך און א ליילעך, — וואָס פלעגט אַלע-מאָל ליגן אָנגעגרייט אונטערן קישן צוקאָפּנס, און אַרויסשלייכן זיך, אויף די שפּיץ-פינגער, דורך דער קיך-טיר, אין דרויסן אַרויס. ספּעקטאָר פלעגט וואַרטן אויף מיר א באָרוועסער, א ווייסער: די ווייסקייט פון זיינע גאַט-קעס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזעזן פון הינטער די פאַרקאַשערטע הויזן אַפער, פלעגט זיך צונויפמישן מיט דער ווייסקייט פון זיין קיילעכיקן קאָפּ, פון זיינע וואָנסעס, פון זיין פאַרטאָגיק פּנים. איבערן גאַנצן וועג פלעגט ספּעקטאָר רעדן וועגן דעם, אַז עס איז נישטאָ קיין געזינטערע זאַך, ווי באָדן זיך. אין דער פרי אין טייך, אַז דאָס איז מאריך-ימים און אַז די, וואָס באָדן זיך נישט אין לויפנדיקן וואַסער, זענען נאַראָנים. אין טייכל פלעגט ער אַריינשפּרינגען זשוואַווע, האַסטיק, אַזוי ווי א ייִנגל, און ער פלעגט זיך בייזערן אויף מיר, אויב איך האָב אַמאָל געצעגערט און נישט אַזוי פלינק אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער. איינמאָל בין איך פאַרקראָכן אין טייכל העט-ווייט, אונטער דער בריק, וווּ דאָס וואַסער איז געווען טיף. ספּעקטאָר איז מיר נאָכגעגאַנגען, נישט געוואָלט לאָזן אַליין. און ער האָט טאַקע געטון ווי א חכם: איך האָב אָנגעטראָפן אויף א טיף אָרט און מיט אַמאָל האָב איך דערפילט, אַז איך ווערג זיך. פון די אויערן, פון האַלדז, פון נאָז האָט געפלייצט וואַסער. עס האָט מיר פאַרפעלט אָטעם. אָבער אָט גיט מיך עמעצער א הייב אין דער הייך, איבערן וואַסער, און

אַט ליג איך שוין אויסגעצויגן, עטעמענדיק האַסטיק, אויפן זאַמד. דאָס האָט ספּעקטאָר באַמערקט מיין אומגליק און מיט זיינע פעסטע הענט האָט ער מיך כהרף-עין אַ הייב-געטון איבערן קאָפּ אַריבער און אַ וואַרף-געטון אויפן ברעג. צוריקגייענדיק האָבן מיר באַשלאָסן נישט צו דער-ציילן קיינעם אין דער היים וועגן דער זאַך: ערשטנס כדי נישט מצער-צו-זיין טאַטע-מאַמע, און צווייטנס — כדי נישט צו זיין אויסגעשטעלט אויף דער „סכנה" צו פאַרלירן די מעגלעכקייט ווייטער צו גיין טאָג-טעגלעך זיך באָדן אין שווידער, וואָרום נאָך אַזאַ מעשה וואָלט מען שוין אין שטוב מורא-געהאַט מיך צו לאָזן „אַליין": מאַלע, וואָס עס מאַכט זיך...

אויפן וועג פון שווידער אַהיים פלעגן מיר זיך אַלעמאָל אָפּשטעלן אין יאַראָסלאַוו, ביי אַ שטילער פּויערישער כאַטקע, איבער וועלכער עס האָט זיך געבויגן אַ קרומלעכער, פאַרגעסענער בוים. פון דער כאַטקע האָט געשמעקט מיט היי, מיט שטאַל און מיט פערדיש מיסט. אויף אונדז פלעגט שוין דאָרט וואַרטן אַן עלטערע פּויערטע, מיט אַ העל-גרוי טיכל אויפן קאָפּ, מיט שוואַרצע, נאַקעטע פיס. ווען זי פלעגט אונדז דערזען פון דערווייטנס, פלעגט זי שוין אַרויספירן פון שטאַל איר קו און זי נעמען גיך-גיך מעלקן. דאָס האָט ספּעקטאָר זיך נוהג-געווען יעדן פרימאָרגן, נאָכן באָדן, אויס-צוטרינקען אַ טעפּל וואַרעמע מילך, גלייך פון דער קו, און פאַרבייסן מיט אַ פרישן שטיק שוואַרץ ברויט מיט פּוטער — כדי „עס זאָל אים נישט חלשן ס'האַרץ". פאַרשטייט זיך, אַז ספּעקטאָר פלעגט אויך מיך, זיין שטענדיקן באָד-חבר, מכבד-זיין מיט מילך און ברויט און ער פלעגט שטרענג אַכטונג-געבן, אַז איך זאָל, חלילה, גאָרנישט איבערלאָזן, נישט פון דער מילך און נישט פונעם ברויט. דערביי פלעגט ספּעקטאָר אַנטוויק-לען אַ גאַנצע „טעאָריע" וועגן דער געזונטקייט פון שוואַרץ-ברויט-עסן און „אומגעזונטקייט" פון ווייס ברויט, הייסנדיק מיר אָראָפּנעמען זיך אַ משל פון די פּויערים, וואָס זענען אַזוי געזונט און שטאַרק נאָר דערפאַר, וואָס זיי נערן זיך מיט שוואַרץ ברויט און פון די ווייסע, „אויסגעבאַליע-טע" זעמעלעך פון די גרויסע שטעט ווילן זיי נישט הערן. שלעפנדיק זיך אַזוי, טאָג-טעגלעך, איבער די שמאָלע, זאַמדיקע פעלד-סטעזשקעס, פלעגט ספּעקטאָר אויך נישט פאַרגעסן, אויפן וועג אַהיים קיין יוזעפאָוו מיר צו פאַרטייטשן דעם טיפן זין פון גיין באָרוועס. און אויך דאָ פלעגט ער נע-

מען פֿאַר אַ משל די פּויערים, וואָס זענען „שטאַרק ווי אייזן" און לעבן לאַנג. מען טאָר נישט איינקוועטשן די פּיס אין די ענגע, שמאָלע שיך אָדער שטיוואַלעס. שיך דאַרף מען טראָגן נאָר אויף אַ רעגן, אָדער ווען מען איז אין שטאָט — מען קען דאָך אין וואַרשע נישט אַרומגיין באָר-וועס! — אָבער דאָ, אויפֿן דאָרף, דאַרף מען וואָס מער פֿאַרגעסן אין די שטאָטישע שיך, גליך ווי מען דאַרף פֿאַרגעסן אין די ענגע, שטיקנדיקע קאָלנערס. סיי די פּיס, סיי דער האַלדז — האָט ער מיר געגעבן צו פֿאַר-שטיין — דאַרפֿן זיין פֿריי: זיי ווילן עטעמען, אָט אַזוי ווי מיר ווילן עסן...

וועגן שרייבערײַ פֿלעגט ספּעקטאָר ווייניק-וואָס רעדן. פֿון צייט צו צייט בלויז פֿלעגט ער מיר אונטעררוקן אַ צייטונג און אָנווייזן אויף אַ פֿעליעטאָן אונטערן שטריך, געחתמעט מיט זיין פּסעוודאָנים „פּיניע טינטלער":

— נאַ, לייען!

אויך וועגן שרייבער גופֿא פֿלעגט ער אויסמיידן אַ סך צו ברייען. אַ יוצא מן הכּלל איז ביי אים געווען שלום-עליכם, וואָס מיט אים איז ער זינט יאָרן געווען פֿאַרבונדן אין אינטימער פֿריינטשאַפֿט. ווען ער פֿלעגט דערמאָנען שלום-עליכמס נאָמען, פֿלעגן זיך זיינע גראָבע, אַראָפּגע-לאָזטע וואָנסן נעמען הייבן פֿון וואַרעמקייט און שטאָלץ:

— אָט-דאָס איז אַ שרייבער! אָט-אַזוי דאַרף מען שרייבן! אַז דו לייענסט עפּעס איבער פֿון שלום-עליכמען, געדענקסטו עס אויפֿן גאַנצן לעבן אַוועק... דו געדענקסט זיין לשון, זיינע ווערטלעך, זיינע מענטשן, זייער הילוך, זייערע רייד, זייערע קנייטשן... קענסט זיך פֿון זיי נישט באַ-פֿרייען... ווו דו גייסט, ווו דו שטייסט, זעסטו יעהופּעץ און מנחם-מענדלען און שיינע שיינדלען...

באַלד כאַפּט זיך ספּעקטאָר, אַז ער האָט שוין צופֿיל גערעדט וועגן ליטעראַטור, וועגן שלום-עליכמען אַלס שרייבער — הייבט ער אָן פּאַ-מעלעך, געלאַסן, ציילנדיק די ווערטער און פּאַסמאַקעווענדיק זיך מיט זיי, דערציילן וועגן שלום-עליכמס אַמאָליקע געשעפֿטן, וועגן זיין ברייהשקייט אויף דער בערזע, וועגן דער צייט, ווען ער איז געווען אַ „קאַזיאָנער" ראַבינער, ווען ער האָט „געקערט אַ וועלט", געפֿירט גרויסע געשעפֿטן.

— דורך זיינע הענט זענען דורכגעגאַנגען הונדערטער טויזנטער קאַרבן! — קלאַפּט ספּעקטאָר דרך-ארצדיק צו מיט דער צונג.

אָבער אַז ער זעט, ספּעקטאָר, אַז די „הונדערטער טויזנטער קאַרבן" ברענגען מיך עפּעס נישט אַריין אין אַזאַ גוואַלדיקער התפּעלות און אַז איך פרעג אים ליבערשט אויס וועגן דעם, צי שלום-עליכם זעט טאַקע אין דער אמתן אויס אַזוי, ווי אויף די פאָטאָגראַפיעס, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט: — ע!...

דעם זעלבן זומער נאָך איז מיר אויסגעקומען צו זען שלום-עליכמען, רעדן מיט אים, און טאַקע דאָ, אין דעם זעלבן יוזעפאָוו. שלום-עליכם איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע און לאָדזש אויף אַ פּאָר פאָרלעזונגען. אין וואַרשע האָט ער פאָרגעלייענט זיינע זאַכן אין דעם טעאַטער „נאָ-וואָשטשי". עס האָט זיך געטון חושך, ווען שלום-עליכם איז אָנגעקומען אויף ביעלאַנסקע, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס טעאַטער. דער זאַל איז געווען אָנגעפּראָפּט, מען איז געשטאַנען קאָפּ-אויף-קאָפּ, כאָטש עס איז געווען זומער, ווען קיין עפנטלעכע אונטערנעמונגען האָבן נישט קיין דער-פאָלג. פון שלום-עליכמס רעציטירן איז דער עולם אַריינגעפאַלן אין גוואַל-דיקער התפּעלות, געפאָדערט נאָך און נאָך, נישט געוואָלט אים אַראָפּלאָזן פון דער סצענע. שלום-עליכם איז געווען פאַרמאַטערט, געווישט זיך דעם שוויים, קוים געעטעמט. ער איז אָבער געווען צופרידן פון וואַרשעווער עולם, געהאַט הנאה פון דער ליבע, וואָס מען האָט אים אַרויסגעוויזן און פון דעם גרויסן כבוד, וואָס מען האָט אים אָנגעטון.

קיין יוזעפאָוו איז ער אַראָפּגעקומען צו ספּעקטאָרן, דעם אינטימען ידיד זיינעם, אויף איינעם אַ שבתדיקן „טיי" פון דער חברה „זולל וסובא". ווען ספּעקטאָר האָט מיר בסוד דערציילט, וואָס פאַר אַ געהויבענעם גאַסט ער דערוואַרט צו „טיי", האָב איך נישט געגלויבט, אַז שלום-עליכם וועט טאַקע קומען, אַז ער וועט זיך וועלן שלעפּן אַהער, קיין יוזעפאָוו. ער איז אָבער יאָ געקומען און דווקא נישט אַליין, נאָר מיטן ווייב. עס איז געווען אַ פאַרנער, שטיקנדיקער טאָג. שלום-עליכם האָט געטראָגן אַ לייכטן, העל-גרינעם אנצוג, ווייסע, לייוונטענע לאַטשן, אַרומגעזוימט מיט דינע לעדער-נע פּאַסן, און אַ קליינעם, רונדיקן פּאַנאַמאַ-הוט. אָבער ס'ערשטע וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן און מיך פאַרחידושט, זענען געווען זיינע

ברילן. אַזעלכע ברילן-גלעזער האָב איך געזען ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן. די ברילן-גלעזער זענען געווען האַלבע, געשניטענע אין דער פאָרעם פון אַ „לודקע״, און איך האָב זיך געוווּנדערט: היתכן, פאַרוואָס נישט קיין גאַנצע גלעזלעך, וואָס פאַרשטעלן דאָס גאַנצע אויג, נאָר עפּעס האַלבע, געשניטענע ברילן, קוים-קוים וואָס מען זעט זיי? נישט אַנדערש, ס׳אַ פאַנטאַזיע אַזאַ פון אַ הומאָריסט!... דערצו נאָך האָט שלום-עליכם שטאַרק געמרוזשעט זיינע קליינע, גרויע אויגן הינטער די האַלבע ברילן-גלעזלעך — האָט זיך מיר שוין גאָר אויסגעוויזן, אַז ער האָט האַלבע אויגן אויך...

מען ווייסט נישט פון ווו און וואַנען — ווי נאָר שלום-עליכם איז אַרויף אויף ספּעקטאָרס וועראַנדע, האָט זיך די ווילע גלייך גענומען אָנפילן מיט אַ פרעמדן עולם נייגיריקע. ס׳רוב זענען געווען חסידיש-געקליידע-טע יונגעלייט, אויסגעדאַרטע, לענגלעכע, פאַרגרינטע, אָפּנים „געכאַפּטע אין דער מעשה״. זיי האָבן זיך געדרייט, נישט-דרייסטע, צווישן די שיטערע סאָסנע-ביימער, מורא געהאַט צוצוגיין נענטער צו דער וועראַנדע. פון צייט צו צייט בלויז האָט זיך עמעצער פון זיי אָנגענומען מיט מוט, אַרויסגע-קראָכן שטילערהייט, בגנבה, אויפן וועגטל פון דער וועראַנדע, געכאַפּט אַ בליק דורך די שפּאַרעס, אינעווייניק און — אַראָפּגעשפּרונגען, ווי אַ „העלד״. דערנאָך איז דער „העלד״ געוואָרן אַרומגערינגלט פון זיינע חברים און ער האָט זיי דערציילט די „נסים״, וואָס ער האָט געזען „דאָרטן״, „אויף יענער זייט״. מיט גוואַלדיקער קנאה האָבן די יונגעלייט געקוקט אויף די גליקלעכע, וואָס האָבן זיך נישט געדאַרפט אַרויפגנבענען אויף דער וועראַנדע „כאַפּן אַ קוק״, נאָר זענען דרייסט און היימיש צו צו שלום-עליכמען, זיך באַגריסט מיט אים און פאַרפירט אַ שמועס.

מיט ספּעקטאָרן האָט זיך שלום-עליכם צעקושט. אויך מיטן טאַטן האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, לאַנג אים געדריקט די האַנט און גלייך זיך גענומען אויספרעגן מכּוח וואַרשעווער פרעסע-ענינים און — דער עיקר — צי עס געפעלט אים, דעם טאַטן, זיין ראָמאַן, וואָס ער דרוקט איצט אין אַ וואַרשעווער יידישער צייטונג.

ספּעקטאָר האָט זיך אַרומגעפּאָרעט אַרום דעם גאַסט, געפינטלט מיט די אויגן, אונטערגערוקט אים אַלע ווייל עפּעס אַנדערש. שלום-עליכם האָט לייכט, קוים צו באַמערקן, געשמייכלט. דינע פּאַסמעס האָר זענען

אים כסדר געפאַלן אויפן געלבלעכן, אביסל געקנייטשטן שטערן, און אָנגעשלאָגן זיך אָן די אויסטערלישע ברילן-גלעזלעך. דאָס קליינטשיקע, שיטערלעכע קמץ-בערדעלע, שלום-עליכמס, האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, ווען ער האָט גערעדט אָדער עפּעס טועם-געווען. איך האָב לאַנג געקוקט אויף זיינע ווייסע לאַטשן און נישט געקענט באַגרייפן ווי אַזוי איז עס געשען, אַז די לאַטשן זענען געבליבן אַזוי בלאַנקענדיק-ווייס נאָכדעם ווי שלום-עליכם האָט אַ גוטע פערטל שעה זיך געמוזט שלעפּן אהער פון דער באַן-סטאַציע דורך טיפע זאַמדן.

מיט אַלעמען האָט ער גערעדט יידיש, שלום-עליכם, אָבער מיטן ווייב זיינעם און מיט מיר האָט ער כסדר גערעדט רוסיש. ער האָט מיר גענומען קנייפּן אין די פּולע, ראָזע באַקן און אויספרעגן מכוח די „פּרעדמעטן", וואָס איך לערן אין גימנאַזיע. נאָך יעדער פראַגע האָט ער זיך אָפּגערוט אַ ווײלע, שאַרף געקוקט מיר דורך די משונהדיקע ברילן אין די אויגן אַריין און ווייטער געפרעגט, ווי אויף אַן עקזאַמען:

— נו, אַ געאָגראַפיו זנאַיעש? (געאָגראַפיע קענסטו?)

— זנאַיו (כ'קען)...

— נו, אַ טשטאָ ס' אַריפמעטיקאָי? (וואָס איז מיט אַריטמעטיק?)— האָט ער ווייטער געצווינגן מיט אַ ניגון.

— כאַראַשאָ (גוט) — האָב איך געפינטלט מיט די אויגן.

— נו, אַ דרעווניע-יעווריייסקאַוואָ יאַזיקאַ טאָזשע אוטשישיאַ? (נו, און העברעאיש לערנסטו אויך?)

ספּעקטאַר האָט געפרייכט פון צופיל שוויצן און פון צופיל נחת. מיט יראת-הכבוד האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם „געלערנטן" שמועס, וואָס שלום-עליכם האָט געפירט מיט מיר. שלום-עליכם ווידער האָט געקנייטשט דעם צעאַקערטן שטערן און צופרידן מיר געקלאַפּט איבער די ברייטע אַקסלען:

— לאַדנאָ... לאַדנאָ... (פיין, פיין).

איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין הלמאי ש"ע רעדט מיט מיר רוסיש. ער ווייס דאָך, מסתמא, אַז הלל צייטלינס אַ זון קען יידיש. שפּעטער האָט מיר די מאַמע פאַרטייטשט:

— פאַרשטייסטו מיך... אַ גימנאַזיסט... אין אַ מונדיר... מיט מע-שענע קנעפּ... איז גלייכער מען רעדט צו אים רוסיש...

— נו, און צום ווייב, פאַרוואָס האָט ער כסדר גערעדט רוסיש?

— פאַרשטייסטו מיך... אַן אַקושערקע... אַ „געקאָנטשעטע"... אַ גע-בילדעטע... איז אויך גלייכער, מסתמא, אַז מען רעדט צו איר רוסיש...

ווען שלום-עליכם האָט זיך גענומען קליבן צוריק אין שטאָט אַריין, האָט זיך שוין די זון געהאַט געזעצט. די יונגעלייט האָבן זיך נאָך אַלץ געדרייט אין דער ווילע, אַרום דער וועראַנדע, געוואַרט ביז ש"ע וועט אַראָפּגיין און זיי וועלן אים קענען נאָכאַמאָל אָנקוקן. אַ שטיק וועג האָבן מיר אַלע באַגלייט דעם גאַסט. ווייט הינטער אונדז האָט זיך געשוואַרצט אַ פּלעק. דאָס זענען די יונגעלייט נאָכגעגאַנגען אונדזער גרופּע, מיטבאַג-לייט שלום-עליכמען צו דער באַן.

אויפן וועג האָט ש"ע זיך באַקלאָגט פאַרן טאַטן אויף זיין געזונט, דערציילט, אַז ער קלייבט זיך קיין אויסלאַנד אָפּרוען, היילן זיך, אָבער מיט געלט איז לאָ-עלינו. דערפאַר טאַקע האָט ער געמוזט אַראָפּקומען קיין וואַרשע אויף פאַרלעזונגען. ער האָט זיך אויך געקלאָגט, ש"ע, אויף זיינע רעדאַקטאָרן, וואָס לאָזן אים נישט רוען און פאָדערן כסדר מאַטעריאַל פאַר דער צייטונג, און הגם ער, ש"ע, שרייבט בכלל גיך און לייכט, פילט ער אָבער, אַז ווען ער וואָלט געשריבן נישט אויף באַשטעלונג, וואָלט עס מסתמא אַרויסגעקומען אַנדערש...

נאָך שלום-עליכמס אַוועקפאָרן האָט ספּעקטאָר נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן זיין גאַסט. ער האָט מיך געהאַלטן אין איין פונאַנדערפרעגן: ווי געפעלט מיר ש"ע און ווי געפעלט מיר דער כיבוד, וואָס ער האָט אָנ-געגרייט פאַר אים און וואָס זאָג איך עפּעס צו שלום-עליכמס שמועס מיט מיר, צו זיין „טיף-רוסיש"? איך האָב מקנא-געווען ספּעקטאָרן, וואָס ער קען זיך אַזוי אינטים מיט שלום-עליכמען, וואָס ש"ע האָט זיך מיט אים געקושט, און איך האָב פון דאַן אָן געקריגן עפּעס אַ גרעסערן דרך-ארץ פאַר ספּעקטאָרן.

אָבער איינס צום אַנדערן קומט נישט: דרך-ארץ איז טאַקע דרך-ארץ, נאָר באָדן זיך אין די פרימאָרגנס אין שווידערער טייכל דאַרף מען, און עסן נאָכן מרחץ אַ שטיק פריש שוואַרץ ברויט מיט פּוטער און פאַר-

טרינקען מיט ווארעמע מילך, איז פּאַרט אַ תענוג — האָט טאַקע ספּעק־טאָר, אויך נ אָ ך שלום־עליכמס באַזוך, געפּראַוועט זיין מנהג, און ווי־דער האָבן מיר זיך ביידע, יעדן פרימאָרגן, געשלעפּט איבער שטילע, אויס־גערוטע זאַמדן און שוויינדיקע פעלדער קיין יאַראָסלאַוו, צום גרינלעך־נעלן וואַסער. און געשלעפּט האָבן מיר זיך אַזוי ביז צום פינצטערן תשעה־באָב פון יענעם יאָר, ווען די משוגענע שרפה האָט ארומגעכאַפּט די וועלט, און לעשן האָט מען זי געקענט נאָר מיט ימען גאַנצע פון בלוט, נישט מיטן פליטקן וואַסער פון עפּעס אַ פאַרוואָרפן טייכל...

האָט מען זיך צוריק פאַרקליבן אין שטאָט אריין, יעדער אין זיין ווינקל, און ערשט ווען פּאַניע האָט גענומען אַפּטרעטן פון וואַרשע, האָט זיך ספּעקטאָר געיאַוועט אין „ליטעראַרישן הויז" אויף שליסקע. ער איז נעקומען זיך געזעגענען פאַרן אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד, קיין אָדעס. קיינער איז גראָד נישט געווען אין דער היים. דער טאַטע איז ערגעץ אַוועקגעגאַנ־גען מיט דער מאַמען און מיטגענומען אויך אהרנען און רבקהלען, מיין שוועסטער. איך בין געווען אַליין אין שטוב און זיך איינגעהערט אינעם ווייטן, טויבן אָפּהילך פון די האַרמאַטן־שאָסן. עס איז מיר געווען באַנג, אומעטיק, און ווען איך האָב דערזען ספּעקטאָרס קיילעכיקן, גרוי־גלאַנציקן קאָפּ און זיינע שטילע, אַראָפּגעבויגענע וואָנסן, האָב איך דערפילט מיט־אַמאָל אַ וואַרעמקייט און היימישקייט. ספּעקטאָר איז אָבער געווען טרויע־ריק, פאַרזאָרגט. אויף זיין ברייטן, רויטלעכן שטערן האָט זיך אַוועקגע־לייגט אַ גרויסער, אויסגעקרימטער קנייטש. און איך האָב דערזען, אַז דער קאָפּ זיינער האָט זיך טיפער אַראָפּגעזעצט צווישן די אַקסלען. ער איז געווען אויפגערעגט, געביסן אַ וואָנס און געשוויגן, קוקנדיק פאַרטראַכט דורך די שויבן. דערנאָך האָט ער זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און גענומען אַרומגיין, מיט גיכע טריטלעך, איבער דער שטוב. אויף אַ וואַנט האָט ער באַמערקט אַ בילד פון אַ גרופּע שרייבער. ער, ספּעקטאָר, איז אויך געווען צווישן דער גרופּע. ער איז געבליבן שטיין און לאַנג, לאַנג זיך איינגעקוקט אין דעם בילד. איך האָב נישט געוווסט, צי ער קוקט אויף זיך, צי אויף עמעצן אַנדערש. אָבער ווען ער האָט זיך אָפּגעקערט, האָב איך אין אַ ווינקל פון זיין גרינלעך־גרוי אויג באַמערקט אַ טרער. איך האָב געטראַכט, אַז עס האָט אים אַרומגענומען אַ רחמנות אויף זיך אַליין:

אויף דער עלטער, אַן קינד, אַן רינד, דאַרף ער זיך שלעפּן אין אַ ווייטן, אומרואיקן וועג, אין בלוטיק-פינצטערע צייטן... ווער ווייס, צי מען וועט זיך נאָך אַמאָל זען, צי ער וועט נאָך צוריקקומען...

ספּעקטאָר האָט מסתמא חושד-געווען, אַז איך האָב עפּעס באַמערקט אין אים, האָט ער זיך מיטאַמאָל אויסגעגלייכט און ווי אין די „אַלטע גוטע צייטן" האָט ער מיך גענומען קנייפּן אין די בעקלעך:

— געדענק, שייגעץ, זאָלסט מיר שרייבן קיין רוסלאַנד... הערסט?... און איך וועל דיר ענטפערן... נאָר זאָלסט שרייבן ווי אַ מענטש: אויפן קאָנווערט זאָלסטו נישט שרייבן גלאַט-אַזוי „מ. ספּעקטאָר", נאָר „ג-נו מ. ספּעקטאָרו" (קיצור פון „גאָספּאָדינו", „צום הער"...) ווי אַ מענטש... הערסט?...

ווען עס האָט זיך פאַרמאַכט די טיר הינטער דעם נידעריקן, גע-פּאַקטן און גוטן מענטשל און איך האָב געהערט דעם קלאַנג פון זיינע דראָבנע טריטלעך, וואָס האָבן זיך לאַנגזאַם געשאָטן איבער די טרעפּ, האָט מיר עפּעס מאָדנע פאַרקלעמט ביים האַרץ און איך האָב פּאַמעלעך צוגעטראָגן ס'טיכל צו די אויגן.

# קאַפּיטל 12.

## שלום ושלוה.

אַ טייל פונעם עולם, וואָס פלעגט אַראָפּקומען צו אונדז אויף פּאָטשע קיין יוזעפאָוו, פלעגט נישט פאַרפעלן צו באַזוכן אויך דאָס הויז פונעם „אַלטן" — ווי מען האָט גערופן דעם רעדאַקטאָר פון „וועג" און דערנאָך פון „מאָמענט", צבי פּרילוצקין. אויך ער, פּרילוצקי, האָט ס'רוב זומערס פאַרבראַכט אויף דער „ליניע" און טאַקע דאָ, אין יוזעפאָוו. ער האָט זיך געפירט ברייט, נגידיש, און געוווינט האָט ער נישט אין אַ פּויערישער כאַלופּע ערגעץ, אָדער אין עפּעס אַ פאַרוואָרפן, הילצערן הייזל אויף אַ פּוסט פעלד, נאָר אין דער שענסטער און רייכסטער ווילע אין יוזעפאָוו — אין פוקסענס ווילע. דאָרט זענען געווען ריינע, געפּוצטע סטעזשקעס, באַשאָטן מיט פּיטשעמאָנטשיקע שטיינדעלעך (איך האָב אַלעמאָל געטראַכט: צו וואָס דאַרף מען די שטיינדלעך — די שיך צו צערייסן?), דאָרט האָט מען נישט געטאָרט אַרומטרעטן אויפן גראָז, וואָס איז געווען באַזונדער אַרומגעצוימט מיט דראָט (צו וואָס-זשע, האָב איך מיר געטראַכט, דאַרף מען ס'גאַנצע „דאָרף", אַז מען טאָר נישט אַרומלויפן איבערן גראָז?), דאָרט האָט מען נישט געטאָרט אויסרייסן קיין בלום פון די געפּוצטע, עלעגאַנט-געפּלעגטע קלאָמבן („קען מען דאָך זיצן אין וואַרשע, אין זאַקסישן גאָרטן, ווו מען טאָר אויך נישט אויסרייסן קיין בלום, ווען עס פאַרווילט זיך?"), דאָרט האָבן, אין אַלע ווינקלען, געגלאַנצט פאַרשידנקאָלירישע קוילן, וואָס זענען געווען אַרויפגעזעצט אויף אויסגעסטראָיעטע,

אייזערנע שטאַנגען (צו וואָס דאַרף מען זיי? — האָב איך קיינמאָל נישט געקענט משיג-זיין), און — דער עיקר — דאָרט האָט מען געמוזט רעדן שטיל, איינגעהאַלטן, אַזוי ווי אין אַ שפּיטאָל. הויכע רייד, טומל, געזאַנג, — דאָס האָט זיך נישט געקלעפּט צו דער אַרומיקער שטייפער געפּוצטקייט וואָס האָט געדריקט אויף אָט-דער ווילע, ווי אַ גאָרסעט. אַרום דער ווילע האָט זיך געהויבן אַ געמויערטער, ווייס-ציגלדיקער פּאַרקאַן, מיט הויכע אייזערנע שטאַכעטן, און אַרייַנגיין אין דער ווילע פלעגט מען נישט דורך אַ געוויינלעכער, הילצערנער פורטקע, נאָר דורך אַ פּאַראַדנעם, אומהיימלעכן טויער. די שטילקייט פון דער ווילע האָט האַרמאָנירט מיטן געמיט און מיטן גאַנצן אַרט לעבן פּרילוצקיס. עס האָט זיך מיר דעמאָלט געדוכט, אַז ס'איז נישטאָ אונטערן הימל קיין שטילערער און גלאַסענערער מענטש פאַר פּרילוצקין: זיינע דינע, מיושבדיקע טריט, אין די ווייכע, באַלעבאַטישע שטעקלאַטשן, זיין גרוי, רואיק, גלאַט-פּאַרקעמט בערדל, וואָס האָט קיינמאָל נישט געציטערט און איז תמיד געהאַנגען סטאַטעטשנע אַרום די רויטע, גלאַנציקע באַקן, זיינע יוסטע, גביריש-גילדענע פּאַנסנע, וואָס זענען חשיבותדיק געזעסן אויף דער לענגלעכער, אויסגעאיידלטער נאָז, זיין פּאַמעלעך, בנעימותדיק, אַביסל שלעפּעריק-צעצויגן ריידן — דאָס אַלץ האָט זיך מאָדנע אַרייַנגעפּאַסט אין אָט-דער אַרומיקער דרעמלדיקער, געפּרעסטער שטילקייט. ער האָט נישט ליב געהאַט זיך צו קריגן מיט קיינעם, פאַרטשעפּען עמעצן, זידלען וועמען, אַפילו ווען מען האָט עס געדאַרפט, אַפילו ווען מען האָט אים אַליין פאַרטשעפּעט. אינעם טומלדיק-נערוועזן ציַיטונג-לעבן האָט ער, אויף אַ מערקווירדיקן אופן, געוווּסט אויסצומיידן די אָפטע שטרויכלונגען פון פּאָלעמיק און קידער-ווידער. מען האָט באַוואונדערט דעם „אַלטנס" געדולד און אויסדויער. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געהיצט, קיינמאָל זיך נישט אויפגערעגט, אַפילו אין די שווערסטע צייטן פאַרן כלל און פאַר אים פּערזענלעך. ער האָט זיך אַלעמאָל באַמיט צו באַרואיקן די אויפגעקאָכטע געמיטער, אָפּצוטעמפּן די שאַרפע שפּיצן, איינשטילן מחלוקתן: — ע, צו וואָס דאַרפט איר עס, קינדערלעך, בעסער אַדורכקומען מיט גוטן...

דעם טאַטן פלעגט טיילמאָל אויפרעגן אַזאַ רואיקייט, אַזאַ מורא צו פאַרטשעפּען עמעצן. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין אַזאַ קאַלטבלוטי-

קיט און ער פלעגט אָפט האָבן צוזאַמענשטויסן מיט פרילוצקין, ס׳רוב דעמאָלט, ווען דער טאַטע האָט געוואָלט עמעצן ענטפערן, אַנגרייפן, און דער „אַלטער" פלעגט נישט לאָזן, אָדער באַמיען זיך אָפּצושוואַכן די שאַרפע שטעלן אינעם אַרטיקל. דאָך האָט דער טאַטע געהאַלטן פון פרילוצקין צוליב זיין געזונטן פּאָליטישן חוש און אויסערגעוויינלעכן זכרון. ער האָט זיך זייער גוט אָריענטירט אין דער וועלט-פּאָליטיק, געדענקט אַלע דאַטן, ציפערן און דיקטירט זיינע פּאָליטישע אַרטיקלען פון אויסנווייניק, נישט באַנוצנדיק זיך דערביי מיט קיין האַנט-ביכער. פרילוצקי איז אויך געווען אַ בקי אין דער געשיכטע פון ציוניזם און פּאַלעסטינאָגראַפיע און כאָטש ער איז קיינמאָל אין ארץ-ישראל נישט געווען (ליצנים האָט געזאָגט, אַז מחמת מורא פאַר ים-קראַנקהייט פאָרט ער נישט אַהין), איז ער געווען אויסגעבונדן אין אַלע ענינים פונעם דאָרטיקן ישוב און האָט אַלעמען פאַרוווּנדערט מיט זיין באַהאַוונטקייט אין די מינדסטע פרטים אפילו פונעם ארץ-ישראלדיקן לעבן. ער האָט אויך פאַרפאַסט בראָשורן וועגן ארץ-ישראלדיקע קאָלאָניזאַציע-פּראָבלעמען. אַז ער האָט גערעדט מיט עמעצן, וואָס איז נאָר-וואָס געהאַט געקומען פון פּאַלעסטינע, האָט ער אַרויסגעוויזן אַזאַ ידיעה אין די אַקטועלסטע געשעענישן פון לאַנד, אַז יענער, דער געקומענער, האָט געשטוינט און עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס קומט גאָר פרילוצקי איצט פון דער שיף אַראָפּ. אין הלכות וועלט-פּאָליטיק איז דער „אַלטער" פרילוצקי נישט געווען דער „אַליינהערשער" אין „מאָמענט", כאָטש דעם טאָן און די ריכטליניען האָט ע ר געגעבן. ער איז, אמת, געווען דער „שעף פון גענעראַל-שטאַב", אָבער די מאַכט האָט ער געמוזט טיילן מיט איינעם אַ פּעאיקן מיטאַרבעטער זיינעם, אויך אַ פּאָליטיקער, וועלכער האָט געהאַט זיינע באַזונדערע חשבונות מיטן טערק און מיטן פראַנצויז און מיטן יאַפּאַנטשיק... און הגם דער דאָזיקער מיטאַרבעטער פרילוצקיס פלעגט זיך ס׳רוב שואל-עצה-זיין מיט זיין שעף מכוח הויכער וועלט-פּאָליטיק און מכוח נייע „סטראַטעגישע פּלענער", וואָס זענען ביי אים געבוירן געוואָרן צווישן איין ערב-שבת-פעליעטאָן און דעם צווייטן, האָט דאָך דער תלמיד געהאַט אַן אייגענעם שניט, אַן אייגענעם דרך אין דער פּאָליטיק און ער פלעגט זיך אפילו אַמאָל צעבונטעווען, דורכקרייצנדיק אין זיין פעליעטאָן, וואָס פלעגט זיין געדרוקט אונטערן שטריך, די

פּאָליטישע ליניע פון זיין רבין, וואָס איז געווען דורכגעפירט אינעם זעלבן נומער, אויף דער זעלבער זייט, אינעם לייט-אַרטיקל אויבן...

דער דאָזיקער מיטאַרבעטער, וועלכן איך האָב צום ערשטן מאָל גע-זען טאַקע ביי צבי פּרילוצקין אין יוזעפאָוו, איז געווען אַ חסידישער יונ-גערמאַן פון פּראַגע (אַ וואַרשעווער פאַרשטאָט) משה יוסטמאַן. ער האָט געשריבן אויך אַנדערע פעליעטאָנען, אַ חוץ פּאָליטישע, אָבער די ליבלינג-פעליעטאָנען זיינע, די וואָס האָבן אים געמאַכט אַ שם און געשאַפן אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט צווישן די לעזער, — דער עיקר: צווישן די חסידים — זענען געווען זיינע „פּאָליטישע בריוועלעך", וועלכע ער האָט געחתמעט מיטן פּסעוודאָנים „איטשעלע" (אַלע אַנדערע פעליעטאָנען האָט ער אונ-טערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים „ב. יאושזאָן"). די „פּאָליטישע בריוועלעך" זענען געווען די באַליבטסטע לעקטור פון די חסידישע און האַלב-אויפגעקלערטע בית-מדרש-יונגעלייט, מחמת דעם, וואָס איטשעלע האָט צו די דאָזיקע יונגעלייט גערעדט אויף זייער לשון, פאַרבראַקט יעדן „ברי-וועלע" מיט צענדליקער פּסוקים און משלים, מיט שאַרפע גמרא-ווערטלעך און איינגעקנעלט מיט זיי הלכות-פּאָליטיק לויט זייער געוווינהייט: מיט אַ קניטש, מיט אַ פיין פּשטל, מיט אַ מחיהדיק שטיקל פּלפּול. די חסידישע יונגעלייט האָט געוואַלדיק אימפּאָנירט דאָס, וואָס איינער פון זיי, אַ חובש בית-המדרש, אַ לאַנג-געקליידעטער, אין אַ קליין יידיש היטעלע, האָט זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט, איז געוואָרן אַ „שראַבער", און נאָך וואָס פאַר אַ „שראַבער"? — אַ פּאָליטיקער, אַ „וועלט-מענטש", וואָס מען לעקט פון אים די פינגער און מען צאָלט נאָך דערפאַר גוט געלט... אין די קלויזן, שטיבלעך און בתי-מדרשים האָט מען געקנעלט די „פּאָליטישע בריוועלעך" מיט ברען, מיט התמדה. מען האָט געטייטשט יעדן וואָרט, געזוכט דאָרט סתרי-תורה און לסוף איז מען געקומען צום באַשלוס, אַז „דער יונג האָט אַן אייזערנעם קאָפּ"... איך האָב נישט געקענט באַגרייפן ווי אַזוי אָט-דער דאַרער, מיטלוווקסיקער, חסידיש-געקליידעטער יונגער-מאַן, מיט די גרויע אויגן, לענגלעכער, גראָבער נאָז און פּיטשעמאָנטשיקן היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, וועלכער קען, דוכט זיך, קיין צוויי נישט ציילן, און רעדט אַלעמאָל שטילע רייד, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשעמט, אָדער אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס פאַרשולדיקט, און וואָס, אַז ער גייט,

שארט ער זיך אזוי שטיל ביי דער וואנט מיט דער קאפאטע זיינער — איך האב נישט געקענט משיג-זיין, ווי אזוי אט-דער איז עס פלוצלינג געווארן אזא שטארק-געלייענטער שרייבער, וואס „קערט א וועלט" און טשעפעט מיט ווילהעלמען און מיט קלעמאנסאן און פארשטעלטערהייט, בלשון סגי-נהור, אויך מיטן סאמאראדנעם צאר ניקאלאי. אויך ער, יאוש-זאן, פלעגט זיך צעווערטלען מיט זיין רעדאקטאר, צבי פרילוצקי, צוליבן „אלטנס" שוואכקייט ווייכער צו מאכן, פארגלעטן די שארפע שטעלן אין פאלעמישע ארטיקלען. און אזוי ווי יאושזאן פלעגט זייער אפט שרייבן אזעלכע ארטיקלען, פלעגט ער ממילא אפט ארומגיין ברוגז אויפן „אלטן". פרילוצקי אליין אבער האט געהאלטן פון יאושזאנען אן עולם ומלואו, גע-פרעגלט זיך אין נחת ביים לייענען איטשעלעס א דאטשע-הומארעסקע און אפט פארגעלייענט יאושזאנס פעליעטאנען פאר די בני-בית. בעתן גרויסן יאצקאן-צייטלין-סקאנדאל, וואס האט זיך געצויגן חדשים-לאנג און איז איבערגעריסן געווארן ערשט צוליבן ביילים-פראצעס אין קיעוו, האט זיך יאושזאן געשטעלט אויפן טאטנס צד און האט אנגעשריבן זייער א שארפן ארטיקל „ווער איז הלל צייטלין און ווער זענען זיי?". פון דאן-אן איז יאושזאן געווארן אן אפטער איינגייער אין „ליטעראַרישן הויז" און האט זיך גערעכנט פארן טאטנס א ידיד. אין „ליטעראַרישן הויז" האבן איי-ניקע שרייבער געהאלטן אפילו, אז אין יאושזאנען גייט פארלוירן א בע-לעטריסטישער טאלאנט. קענטיקע שפורן פון אט-דעם טאלאנט האבן זיי באמערקט אין זיינע גרעסערע דערציילונגען, וואס ער האט ארויסגעגעבן אין בוך-פארם. „אין רבינס הויף" און „אפיקורסים", ווו ער האט ארויס-געוויזן באאבאכטונג-פעאיקייטן און אויסגעבונדנקייט אינעם חסידישן שטייגער-לעבן. ווען יאושזאן האט שפעטער, אין א צייט ארום, אראפגע-ווארפן פון זיך די לאנגע בגדים און זיך גענומען קליידן „דייטש", האבן זיינע חסידישע לייענער אנגעהויבן צו קוקן אויף אים, ווי אויף אן אפי-קורס, הגם געלייענט האבן זיי אים ווייטער, דעם „שייגעץ", און אנגע-קוואלן פון זיינע תורה-ווערטלעך.

א זייער אפטער איינגייער אין שטוב פון צבי פרילוצקי, א ידיד-נאמן פון „אלטן", איז געווען דער פאפולערער ווארשעווער דאקטאר און ציוו-ניסטישער עסקן טוביה הינדעס, וועלכער פלעגט אויך, אין די זומערן,

וווינען אויף דער „ליניע", ס'רוב אין יוזעפאָוו, ווו ער האָט געהאַט א גרויסע מעדיצינישע פּראַקטיק. הינדעס איז געווען פּרילוצקיס א בן-עיר, א קרעמעניצער, און די צוויי ידידים פּלעגן שעהן גאַנצע פאַרברענגען אין זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון זייער יוגנט.ביידע זענען געווען הייסע חובבי-ציון (פּרילוצקי איז אויך געווען איינער פון די גרינדער און סעקרעטאַר פון אחד-העמס באַרימטע „בני-משה") און ביידע האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער וועגן ארץ-ישראל. זיין פרייע צייט אין וואַרשע פּלעגט ד"ר הינדעס ווידמען ציוניסטישער עסקנות און יידישער קולטור-אַרבעט. ער איז געווען א מוקיר-סופרים, געהאַט גרויס דרך-ארץ פאַר שרייבער און פּלעגט זיך אפילו קליידן „שרייבעריש": ער האָט געטראָגן א ברייטן, שוואַרצן קאַפּעלוש, א גרויסן, צעבונדענעם „דיכטערישן" קראַוואַט און א לאַנגע פּעלערינע, וואָס האָט זיך געהויבן אויפן ווינט, ווי א שוואַרצער פויגל. ווען ער האָט גערעדט מיט א שרייבער — מיטן טאָטן, למשל — האָבן זיינע קאַלטע, גרויע, דאָקטאָרישע אויגן באַקומען א וואַרעמען, פריילעכן בליאַסק, זיין הויכער, בלאַסער שטערן איז פאַרלאָפן מיט א דינער רויטקייט, זיין לענגלעכע נאָז איז געוואָרן נאָך אויסגעצויגענער, שאַרפער, און זיין גרוי, שפּיציק בערדל האָט עפּעס מיטאַמאָל אָנגעוווירן די חשיבותדיקע געפּוצטקייט און גלאַטיקייט און האָט זיך אָוועקגעלייגט אַרום זיין דאַר געזיכט אין א „פּאָעטישער אומאָרדענונג". ער איז געווען פון די געציילטע יידיש-פאַלקסטימלעכע דאָקטוירים אין וואַרשע. נישט געבלאָזן פון זיך, נישט געקוקט אויף זיינע פּאַציענטן פון אויבן אַראָפּ, — ווי דער שטייגער איז דעמאָלט געווען, ווען דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ פּלעגט זיך טרעפן מיט דער „טשעמנער מאַסע", — גערעדט מיט זיי יידיש, אויסגעטענהט זיך מיט זיי, אויפגעקלערט די באַדייטונג פון היגיענע און בילדונג (פּאָרט א משכיל געווען), און אַמאָל אויך איבערגעלאָזט ביים חולה אין דערהיים א פּאָר קאָפּיקעס אויף א רפואה, ווען ער האָט באַמערקט דעם דלות אין די ווינקלען. אַלס אינטימער ידיד פון צבי פּרילוצקין איז הינדעס, פאַרשטייט זיך, געווען דעם „אַלטנס" הויז-דאָקטאָר און פּרילוצקי האָט געגלויבט אין אים, ווי אין א גאָט. ביי אַן ערנסטער קראַנקהייט אין שטוב פּלעגט מען זיך שואל-עצה-זיין, כנהוג, אויך מיט אַנדערע באַוווסטע דאָקטוירים, אויטאָריטעטן, אָבער ט ו ן פּלעגט מען אַזוי,

ווי הינדעס האָט געהייסן, געפּאָלגט האָט מען א י ם, הינדעסן, נישט קיין אַנדערן. צוליב פּרילוצקין איז הינדעס געוואָרן אויך א ו נ ד ז ע ר שטוב-דאָקטאָר, נישט בלויז אויף דער „ליניע", נאָר אויך אין שטאָט. אין כּלל גענומען האָט זיך הינדעס באַצויגן ערנסט צו זיין מעדיצינישער אַר-בעט און ביים היילן זיינע פּאַציענטן איז ער געווען אויסערגעוויינלעך ערלעך און געוויסנהאַפט. פּרילוצקין און דעם טאַטן פלעגט ער אויך אָפט דערציילן וועגן די נייסטע אַנטדעקונגען און פאָרשונגען אין דער מעדיצין. אָבער ביי אונדז אין שטוב האָט מען אָפט, נאָכדעם ווי הינדעס האָט באַטראַכט דעם חולה, געקענט הערן פון אים אַזאַ מין דיאַגנאָז:

— עט... סאַי גאָרנישט... האָט זיך עס נעכטן אָפּגעטון ביי די „חובבי שבת עבר"!... הימל, עפן זיך!... עט... אַן אַנגינע... איר'ט געהערט, וואָס איז געווען אין „שערי-ציון"?... שווענקען... יאָ, כ'האָב באַגעגנט פּרצן... אַ לוילעכן קאָמפּרעס ארום האַלדז... געלייענט אייערע „נייע בריוועלעך צו דער יידישער יוגנט", ר' הלל... אַ לעפעלע „קוואַס באָרני" מיט אַ טראָפּן יאָד...

אלס איבערצייגטער ציוניסט, האָט ד"ר הינדעס אַוועקגעשיקט קיין א"י איינעם פון זיינע 2 זין, אַ סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט, אַהרנס אַ לערער. אויף דער שיף איז דער יונגער הינדעס קראַנק געוואָרן און, גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין יפו, איז ער געשטאָרבן. דאָס דאָזיקע אומ-גליק האָט אינגאַנצן צעקנייטשט דעם אַלטן הינדעסעס פּנים. ער האָט באַ-קומען אַ קאָליר פון אַש. ער איז געוואָרן שווייגנדיק, פאַרשלאָסן אין זיך, און קיין שמייכל האָט זיך שוין, דוכט זיך, מער נישט געוויזן אויף זיין נעזיכט. אָבער אין דער פּראַקטישער אַרבעט פאַר ארץ-ישראל האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן מיט נאָך מער ברען און עקשנות, ווי פריער: ער האָט געהאַלטן, אַז איצט, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעבן דער ערד פון ארץ-ישראל פליש פון זיין פליש, בלוט פון זיין בלוט, האָט ער ערשט רעכט אַ חלק ונחלה אין דעם לאַנד און דערפאַר מוז ער פאַר אים אָפּגעבן די כּוחות.

דער אַלטער הינדעס האָט באַדויערט, וואָס פּרילוצקיס עלטערער זון, נח, איז אַרויס „לתרבות-רעה", האָט זיך דערווייטערט פון ציוניזם און איז געוואָרן אַ פאַנאַטישער אָנהענגער און קעמפער פאַר יידיש און יידי-

שיזם. ער האָט שטאַרק געהאַלטן, הינדעס, פון נחת פעאיקייטן, פון זיין פּאָליטישער באַגאַבונג און רעדנער-טאַלענט, אָבער ער האָט זיך נישט גע-קענט שענקען, וואָס אַזאַ קראַפט גייט פאַרלוירן פאַר ארץ-ישראל. אויך דעם „אַלטן" האָט מסתמא, טיף אין האַרצן, פאַרדראָסן זיין זונס אוועק-גיין פון ציוניזם, אָבער פאַר זייטיקע, פאַר פרעמדע, האָט ער זיין פאַר-דרוס נישט אַרויסגעוויזן, פאַרקערט, ער האָט נחן עקשנותדיק פאַרענט-פערט, געשטיצט, דן-געווען לכף-זכות. ער האָט בכלל געהאַט אַ גוואַלדיקן דרך-ארץ פאַר זיין זון, וועלכער איז שוין דעמאָלט געהאַט צוריקגעקומען פון פּעטערבורג אַלס „געקאַנטשעטער" אַדוואָקאַט (אָפיציעל האָט ער גע-הייסן: „פּאָמאָשטשניק" פּריסיאַזשנאַוואָ פּאָווערעננאַוואָ" — געהילף-גע-שווירענער אַדוואָקאַט, וואָרום יידן האָט מען אין צאַרישן רוסלאַנד בלויז זייער זעלטן מזכה-געווען מיטן „פּאָלנעם" טיטל פון אַ „געשווירענעם") און האָט באַלד פאַרנומען אין וואַרשע אַן אָנגעזעען אָרט, סיי אַלס יו-ריסט און סיי אַלס שריפטשטעלער און פּאָליטישער טוער. די ליטעראַרישע און פּאָליטישע ליצנים האָבן אפילו געזאָגט, אַז דער אַלטער פּרילוצקי האָט נישט אַזוי ווייט ד ר ך - א ר ץ פאַרן זון, ווי מ ו ר א. וואָרום ווער וויים, אַ קשיא אויף אַ מעשה: אַן אַדוואָקאַט! אַן אַדוואָקאַט איז דאָך אַ שטיקל „קנעפּל" און — פאַר אַ „קנעפּל" דאַרף מען מורא האָבן...

אָבער ליצנות אין אַ זייט. אין דער אמתן האָט דער „אַלטער" נישט בלויז געהאַט דרך-ארץ פאַר זיין הויך-באַגאַבטן זון, נאָר ער האָט אים אויך זייער שטאַרק ליב-געהאַט און געגלייבט, אַז ער וועט מיט דער צייט ווערן אַ צווייטער הערצל.

אויף דער „ליניע" פלעגט זיך „דער יונגער פּרילוצקי", ווי מען האָט דעמאָלט גערופן נחן, באַווייזן זייער זעלטן, דערפאַר איז ער אָבער געווען אַן אָפטער איינגייער אין „ליטעראַרישן הויז" אין וואַרשע, באַזונדער אין דער צייט, ווען דער פאָטער זיינער האָט זיך געקליבן אַרויסצוגעבן דעם „מאָמענט". קומען פלעגט ער טאַקע אין די ענינים פון דער נייער צייַ-טונג, וואָס האָט געהאַלטן אין דערשיינען: איינגעטענהט מיטן טאַטן, ער זאָל פאַרלאָזן דעם „היינט", וווּ ער האָט ביז דעמאָלט געאַרבעט, און אַרי-בערגיין אין „מאָמענט". לכתחילה האָט די אונטערהאַנדלונגען מיטן טאַטן געפירט צבי פּרילוצקי אַליין, אָבער ווען דער אַלטער האָט באַגעגנט מניעות,

האָט אָנגעהויבן אַרויפצוקומען צו אונדז דער „יונגער פּרילוצקי", וועל־כער האָט טאַקע לסוף דעם טאָטן „איבערגערעדט". נח פּלעגט צו אונדז אַרויפקומען נישט אַליין, נאָר מיט דער פרוי זיינער, אויך אַ שרייבערין, וואָס האָט אירע לידער און פּיעסן געחתמעט: פּאולאַ ר. (ר. — לויטן ביי־נאָמען פון איר ערשטן מאַן, ראָזענזאַל). עס האָט געוויט פון אָט־דעם פּאָר מיט רחבות, מיט גרויסשטאָטישקייט, מיט עשירות אַפילו. געקומען נישט לאַנג פון פּעטערבורג, האָבן זיי ביידע מיטגעבראַכט די עכט־רוסי־שע ברייטקייט און איידעלע פּזרנות. תמיד אין פּריש־געפּרעסטן רוסיש־אַדוואָקאַטישן פראַק, מיטן שטייפן, ווייסן גאַרס, מיטן עלעגאַנט־געפּוצטן שוואַרצן בערדל, וואָס האָט אַרומגערייפט זיין צאַרט־געשניצט געזיכט, האָט פּרילוצקי גיכער אויסגעזען ווי עפּעס אַן אויסלענדישער דיפּלאָמאַט, איידער ווי אַ יידישער שרייבער, אַ מיטאַרבעטער פון אַ יידישער צייטונג אויף די סאַמע נאַלעווקעס. אויך פּאולאַ ר., מיטן ברייטן קאַראַקולענעם פוטער, מיט די בריליאַנטענע רינגלעך אויף די פינגער, מיט דער אויסטערליש־פאַרפּוצטער האָר־פריזור, האָט אויסגעזען ווי אַ גראַנד־דאַמע, ווי אַן אַריס־טאָקראַטישע רוסישע „באַרינאַ". עס האָט אַלעמאָל געשמעקט פון איר מיט דינע פּאַרפומען, וואָס זייער שטילער ריח האָט זיך אויף טעג גאַנצע אָפּגעזעצט צווישן די ווינקלען פון שטוב, אויף די ווענט, אין די טונקעלע קאָרידאָרן. איך בין געווען גליקלעך־באַרוישט, ווען זי האָט מיך, צום גע־זעגענען, געקושט אין די פולכנע באַקן און מיר זיי אויסגעקנייפּט מיט אירע פּאַרפומירטע פינגער.

נח פּרילוצקי האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט אַריינגעוואָרפן מיט לייב־און־לעבן אין וויסענשאַפטלעכער אַרבעט: פילאָלאָגישע פאָרשונגען, פאָלקלאָריסטישע זאַמלונגען, פאַרגלייך־שטודיען פון דער דייטשער שפּראַך, — הגם ער האָט נאָך אָפט „אונטערגעזינדיקט" מיט לידער־שרייבן און זיין געוויסן איז נאָך געווען פריש באַלאַסטעט מיט אַ זאַמלונג לידער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אונטערן נאָמען „פאָרן מזבח". האָט זיך עס געטומלט צווישן חברה אַרום אָט־דעם דינעם לידער־העפטל, מיט די בלוט־רויטע שער־מאָוולען! האָט זיך עס די ליטעראַרישע קיבעצאַרניע צערעשט און צעוויצלט אַרום אָט־די „פּאָרנאָגראַפישע" לידער פון אַ פאַרליבטן יונגנמאַן! עס איז געווען אַ סענסאַציע פון טאָג, ווי מען זאָגט היינט

אויפן צייטונג-לשון, מען האָט זיך מתוכח-געווען אַרום יעדן לידל, גע-טייטשט צווייִדייטיק יעדן וואָרט, געלאַכט, געחוזקט, געכעסט זיך, געזידלט דעם מחבר און — געחזרט אויף אויסנווייניק פּערזן פון פּאַרן „מזבח":

„בינדט נישט, שמידט נישט הענט-און-פּיס,
ס'איז די הייסע תאווה זיס!..."

אַקעגן היינטיקע ליבע-לידער זענען-אויס די פּערזן פון „פּאַרן מזבח", ווי מוסטערן פון צניעות און ייִנגלשער אומשולד, אָבער דעמאָלט זענען זיי געווען „דאָס לעצטע וואָרט" פון פּאָרנאָגראַפיע און אויסגעלאַסנקייט, ר"ל. אַ לאַנגע צייט האָט מען נאָך נישט געקענט מוחל-זיין זיין „חטאת-נעורים" און אַפילו אין יאָרן אַרום, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, אין 1916, ווען פּרילוצקי האָט קאַנדידירט אַלס ראַטמאַן אין וואַרשעווער שטאָטראַט, האָט יאַצקאַן ציטירט אין „היינט" די לידער פון פּאַרן „מזבח" און געטענהט: סטייטש, ווי קען אַזאַ ייִד, וואָס האָט געשריבן אַזעלכע „חצופישע" לידער, זיין אַ... ראַטמאַן אין אַ שטאָטראַט?!...

פּרילוצקי האָט, צוזאַמען מיט פּאַולאַ ר.ן, אָפּט אַרויסגעגעבן לי-טעראַרישע זאַמלונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט כמעט אַלע באַוווסטע ייִדישע שרייבער: דער טאַטע, פרישמאַן, ספּעקטאָר, רייזען, אַש, נאָמבערג און די ייִנגערע — קאַסעל, מאַסטבוים, קאַגאַנאָווסקי, יונה ראָזנ-פעלד, יצחק קאַצענעלסאָן און אַ סך אַנדערע, וואָס נח פּרילוצקי האָט זיי „אַנטדעקט" און אַרויסגעפירט טאַקע דורך זיינע זאַמלונגען. אויך אין די זאַמלונגען האָט נח געדרוקט לידער, — ס'רוב ליבע-לידער, — וואָס אַ טייל פון זיי האָט ער געווידמעט זיין פרוי, פּאַולאַ ר., און חברה-קיביצער האָבן זיך ווידער געוויצלט דערוועגן, אָבער קיינער האָט נישט געלייקנט דעם ליטעראַרישן און קולטורעלן ווערט פון אָט-די זאַמלביכער, פון וועל-כע עס האָט געשמעקט מיט בליענדיקער יונגקייט און דרייסטע האָפענונ-גען. מען האָט אָפּגעשאַצט די פאַרדינסטן פון זייער אַרויסגעבער און רע-דאַקטאָר, בפרט ווען ער האָט אויך געצאָלט האָנאָראַר, און אַ פּאָר לע-בעדיקע קערבלעך זענען אַלעמאָל צונוץ-געקומען... אַ באַזונדערן רושם האָבן געמאַכט זיינע זאַמלהעפטן „יונגער גייסט" און „גאָלדענע פונקען", אָבער דעם גרעסטן באַטייט האָט געהאַט דאָס קולטורעל-אַרויסגעגעבענע

און — פאַר יענער צייט — גאָר נישט שלעכט אילוסטרירטע וואָכנבלאַט „די טעאַטער-וועלט", ווו עס האָט זיך אויך געדרוקט פּריז. פּרילוצקי האָט „די טעאַטער-וועלט" אַ צייט לאַנג רעדאַגירט צוזאַמען מיטן דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער-דירעקטאָר ה. עפּלבערג, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ נעוווינהייט צו שרייבן און איבערצואַרבעטן פּיעסן. דער זעלבער עפּל-בערג, דוכט זיך, האָט עס טאַקע אויפגעפירט אין „עליזעאום"-טעאַטער אויף קאַראָווע פּאָולאַ ר.ס פּיעסע „איינע פון יענע". ספּעקטאַר, געדענק איך, האָט דעמאָלט געהאַט גוואַלדיקע תרעומות צו דער אויפפירונג:

— מילא, די פּיעסע, ווי די פּיעסע — האָט ער געטענהט נאָך דער פּרעמיערע — אָבער ווי לאָזט מען עס אַרויס אויף דער סצענע מיידלעך אין אַזעלכע שמוציקע העמדער?...

די פּיעסע גופא, פּאָולאַ ר.ס, האָט דאַן געגאָלטן פאַר אַ שטיק אויס-געלאַסנקייט. היינט, ביי דער פאַרפלייצעניש פון „הייזל"-פּיעסן אין יידישן טעאַטער, וואָלט זי זיכער באַקומען דעם פּריז פון צניעות.

פּרילוצקי איז געווען פאַררעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע — אויב נישט טאַקע פאַרן סאַמע בעסטן — רעדנער פונעם יידישן ליטעראַ-רישן וואַרשע. אַזוי ווי ער פּלעגט אָפט אויפטרעטן אויף ליטעראַרישע אָוונטן צוזאַמען מיטן טאַטן, פּלעג איך האָבן די מעגלעכקייט אים אָפט צו הערן און צו באַוווּנדערן זיין נישט-געוויינלעכן רעדנער-טאַלאַנט. שוין דעמאָלט איז ער געווען אין זיינע רעדעס בליציק און שלאָגפאַרטיק, און קיינער האָט זיך נישט געקענט גלייכן צו אים ביים אָפּענטפערן אויף צווישנרופן תוך כדי דיבור. ווי אַן אמתער רעדנער פּלעגט ער אָנהויבן לכתחילה שטיל, רואיק, כדי באַלד זיך צו צעוואַרעמען און אַריינגיין „אין טראַנס". אָבער אַפילו אין די סאַמע וואַרעמסטע מינוטן האָט ער געוווּסט אַזוי אָפּצוהיטן און מאָדולירן זיין שטים, אַז ער זאָל נישט הייזעריק ווערן, אַזוי ווי ס'רוב אַנדערע, אומדערפאַרענע רעדנער. האַלטן פּלעגט ער זיך אויף דער טריבונע שטאָלץ, מיט ווירדע, קוקן אָפטמאָל אויפן אוידיטאָריום פון אויבן אַראָפּ, נישט פאַרלירנדיק זיך קיינמאָל אין רעדנערישער אימתא-דציבורא. דאָס כסדרדיקע נערוועזע צוקן מיטן פּנים, מיט די אַקסלען, האָט אים נישט אַרויסגעפירט פון דער געהעריקער רו, ס'האָט אים גראָד צוגעגעבן חן און די מיידלעך אין זאַל האָבן געקוקט אויף אים מיט צע-

היצטע אויגן. אויף זיינע פאַרלעזונגען פלעגט פּאולאַ ר. אַלעמאָל זיצן אין דער ערשטער ריי, קוקן אים די גאַנצע צייט אין מויל אַריין און ווען ער פלעגט ענדיקן, פלעגט זי אים אַפּלאָדירן ליכט, דיסטינגירט, מיט די שפּיצן פון די שניי-ווייס באַהענטשטע פינגער. איין רעדע פּרילוצקיס איז מיר נאָך עד-היום געבליבן אין זכרון. דאָס איז געווען אַ רעדע וועגן דעם אַסימילאַטאָרישן בלעטל אויף יידיש, וואָס איז צו יענער צייט אַרויסגע-גאַנגען אין וואַרשע. פּרילוצקי האָט גערעדט וועגן דעם מיט שוים אויף די ליפּן. ס'איז געווען ס'איינציקע מאָל, דוכט זיך, ווען ער איז געווען גאָר שטאַרק אויפגערעגט און די שטים האָט ביי אים געציטערט, הגם פון גלייכגעוויכט איז ער אַלץ נישט אַרויס. געהייסן האָט דאָס בלעטל „נייעס" און צווישן די מיטאַרבעטער זיינע האָט זיך געפונען אַ משלנודיקער זשור-נאַליסט, יצחק שאַפּירא, וועלכער איז, דוכט זיך, אַריבער אין דעם בלעטל פון האַכבערגס „אונדזער לעבן". שאַפּירא איז געווען טויב און אַז מען האָט געוואָלט, ער זאָל הערן, וואָס מען רעדט צו אים, האָט מען געמוזט גאָר נישקשהדיק אָנשטרענגען דעם גרגרת. ער איז געווען אַ מלא-וגדוש, שאַפּירא, אַ שטיק ענציקלאָפּעדיע. ער האָט געשריבן וועגן אַלץ און אַלע-מען און אין יעדן ענין האָט ער אַרויסגעוויזן באַהאַוונטקייט. ער האָט גע-שריבן פּובליציסטיק, פּאָליטיק, פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען און אַפילו ראָמאַנען און דערציילונגען. ער איז געווען אויסגעקאָכט אין מאַטעמאַטיק, פיזיק און אַסטראָנאָמיע און איז יומם ולילה געזעסן איבער ספרים, געני־שטערט, געזוכט, געגריבלט זיך. אין אַסימילאַטאָרישן „נייעס" איז ער נישט אַריין, חלילה, מחמת אַסימילאַטאָרישע איבערצייגונגען, נאָר מחמתן שטרעבן צו פאַרשפּרייטן בילדונג, וויסנשאַפט, נוצלעכע ידיעות צווישן יידיש-לייענער. ער האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען, אַז ער לאָזט זיך אויסנוצן אַלס געווערק אין די הענט פונעם הייפל אַסימילאַטאָרן, וואָס האָט זיך דאַן גאָר שטאַרק אָנגעזעצט אויפן יידישן וואַרשע און דווקא געוואָלט אים אויפצווינגען זיין ממשלה. ער האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע שוואַכקייט צו דרוקן אַרטיקלען, שאַפּירא, און מען האָט דערציילט, אַז מיט אַ הבטחה אָפּצודרוקן זיינס אַן אַרטיקל, קען מען אים „אָפּקויפן". ווען ער האָט געאַרבעט אין „אונדזער לעבן" און האָט איינמאָל געבעטן ביי האָכבערגן אַ הוספה, האָט אים האָכבערג מפיס-געווען:

— נו, שאַפּירא, ווייסט איר וואָס?... מאַכט אַ שוויַג וועגן דער הוספה... איכל איַך שוין אָפּדרוקן דערפאַר נאָך אַן אַרטיקל...

און שאַפּירא האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט נאָך מער ברען און אַליין-פאַרגעסנקייט. גאַנצע עמודים אין דער צייטונג האָט ער געקענט אויספילן, זיצנדיק איבערגעבויגן ביז איבער דער העלפט פון טיש און אָנשפּאַרנדיק זיך כסדר מיט דער בלאָנד-באַוואַקסענער, גראָב-קיילע-כיקער גאָמבע, איבער די שמאָלע פּאַסן פּאַפּיר. אָנשרייבן אַ טוּיזנט דרוק-שורות מיט איין „זיץ" איז פאַר שאַפּיראָן געווען אַ קינדער-שפּיל. ער האָט קיינמאָל, דוכט זיך, נישט געפילט קיין מידקייט, און ער האָט געקענט אָפּזיצן אַ צען-צוועלף שעה, אָן איבעררייס, אין רעדאַקציע, זופּנדיק פון אַ טעפּל טיי, וואָס ער פלעגט זיך אַליין פאַרבריען און קאָכן.

דעם „יונגן" פּרילוצקי ביז איך געוווינט געווען צו זען אין זיין אָפּיציעלן, אַדוואָקאַטישן הילוך, מיטן שטייפן, אָנגעקראָכמאַלעטן קראַגן, מיט די בלאַנקע, האַרט-קלאַפּנדיקע מאַנזשעטן, אין דעם ברייטן, שוואַרצן הוט, פאַררוקט אַביסל „פּאַצעטיש" אין אַ זייט. איינמאָל אָבער האָב איך אים געזען ביי אים אין דער היים, אויף שוויענטאָ-קזשיסקע, ווו ער האָט אויך געהאַט זיין אַדוואָקאַטן-קאַנצעלאַריע, און — איך בין געווען מאָדנע „אַנטוישט": אין דעם וואַרעם-ברוינלעכן שלאָפראָק, אין די אַלטע, אויס-געטראָגענע שטעק-לאַטשן, האָט ער עפּעס אויסגעזען גאָר אַן אַנדערער. ער איז געווען נידעריקער, געפּאַקטער, באַלעבאַטישער, און אויך דאָס שיינע, שוואַרץ-אַרומגעפּוצטע בערדל זיינס, האָט באַקומען אַן אַנדער קאָ-ליר: טונקל-גרוי, אַשיק. געקומען בין איך איינלאַדן אים צו אהרנס בר-מצווה און ער האָט זיך מיט דעם פאַרבעט שטאַרק דערפרייט. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין ריזיק ביבליאָטעק-צימער, ווו די ווענט זענען געווען אַרומגעשטעלט מיט הויכע, ביזן סאַמע סופיט גרייכנדיקע, ביכער-שענק. פּרילוצקי האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק, מיט אַ סך יקר-המציאותן, וועלכע ער פלעגט אויפקויפן ביי כלערליי מוכר-ספרים און אַנטיקוואַרן. ער האָט אויך געהאַט זיינע ספּעציעלע יידלעך, וואָס פלעגן אים פון צייט צו צייט אַרויפברענגען עפּעס אַ זעלטענעם עקזעמפּלאַר, אַ טייערן ספר, וואָס אין די בוכהאַנדלונגען אָדער ביבליאָ-טעקן פלעגט מען אים נישט קענען באַקומען. אין דינע, אויסגעריבענע

קאַפּעטעס, וואָס דער שטויב פון די שטאָטישע גאַסן, פון די הויכע, קרומע טרעפּ אין די הויפן פון אָרעמען יידישן וואַרשע, איז געלעגן אין זייערע פאַלדן מיט אומעט און פאַרגעסנקייט, אין קליינינקע, יידישע היטעלעך, פאַררוקטע אין א זייט — פון צעטראָגעניש און פאַרקלערטקייט — האָבן זיי זיך שטיל און פאַרשעמט געשאַרט אַרום די בלענדיק־טאַפּעטירטע ווענט פון פּרילוצקים דירה, מורא־געהאַט צו טרעטן אויף די רחבותדיקע דיוואַ־נעס, וואָס האָבן באַדעקט די גלאַנציק־פּראַטירטע דילן. פּרילוצקי האָט זיי מקרב געווען, צוגעגעבן מוט, אָפט געלאָזט וואַרטן קליענטן אין די וואַרט־צימערן און פאַרשלאָסן זיך מיט די יידן אויף שעהן אין ביבליאָטעק־צי־מער. אַרומגערינגלט מיט אָנגעשטאָפּטע פאָליצעס ספרים, זיצנדיק אַרום א ברייטן שרייב־טיש, אויף וועלכן עס זענען געווען אָנגעוואָרפן הויפנ־וויַיז יידישע און העברעאישע ביכער און בראָשורן, פלעגן זיך די יידן דערפילן פרייער, היימישער, די פאַרשלאָפענע אויגן זייערע פלעגן זיך אויפוועקן, און מיטאַמאָל פלעגן זיי נעמען אַרויסציען פון אונטער די פּאָ־לעס, פון פאַרשטעקטע קעשענעס, עפּעס אַלטע, פאַרגעלבטע שמות, פאַר־שטויבטע, צעריסענע ספרימלעך, וועלכע זיי האָבן געגלעט מיט ליבע און וואַרעמקייט, ווי די קעפּלעך פון שוואַכע קינדער.

אין ביבליאָטעק־צימער האָט פּרילוצקי גענומען זוכן עפּעס א פּאַ־סיק בוך אַלס מתנה פאַר אהרנען צו זיין בר־מצווה. ער האָט לאַנג גע־נישטערט און לסוף אַרויסגעצויגן פון א שאַנק א דיקן, גרוי־געבונדענעם ספר. ער האָט זיך געזעצט צום טיש, אָנגעשריבן אויפן שער־בלאַט א פּאָר ווערטער פאַר אהרנען און מיר דערלאַנגט דאָס בוך. אויף די טרעפּ האָב איך געעפנט דאָס ספר און איבערגעלייענט: „שירי ביאַליק". איך בין גע־ווען פאַרחידושט: דער פאַרביסענער יידישיסט און יידיש־קעמפער האָט זיך נאָך, הייסט עס, נישט אָפּגעטרייסלט אינגאַנצן פון העברעאיש: די גירסא דינקותא ליגט אים אין בלוט און ביאַליקן האָט ער ליב דווקא אויף לשון־קודש — איז דאָך דער „אַלטער" פּרילוצקי טאַקע גערעכט, ווען ער פאַר־טיידיקט אַזוי היים זיין זון אַקעגן די שאַרפע פיילן פון די ציוניסטן און העברעאיש־קעמפער, וועלכע פאַרשרייען אים, נחן, שיער נישט אַלס... אַפּטריניקן! די „חובבי־שפת־עבר"ניקעס האָבן געחוזקט פון פּרילוצקים פאַנאַטישן יידישיזם און פון זיין אויסטערלישער ליבע און צוגעבונדנקייט

צו „זשאַרגאָן”. זיי האָבן דערציילט, אַז ער „נאַרט-אָפּ” זיינע קליענטן,
ס'רוב יידן און יידענעס פון די פּראָווינץ-שטעטלעך, און אָנשטאָט צו פאַר-
שרייבן זייערע טענות-ותביעות, צוליב וועלכע זיי זענען ספּעציעל אַראָפּ-
געקומען קיין וואַרשע אין זיין אַדוואָקאַטן-קאַנצעלאַריע, פאַרשרייבט ער
נאָר, אויף די לאַנגע פּראָשעניע-בויגנס, די פאַרשידענע ווערטלעך און
אויסדרוקן, וואָס ער כאַפּט-אויף, ווען די פּראָווינצער יידענעס רעדן זיך
אַראָפּ פון האַרץ און לייגן אַוועק זייער מענה-לשון. ער הייסט זיי איבער-
חזרן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די אַלע ווערטלעך און די יידענעס חידושן
זיך, הויבן מיט די פּלייצעס און טראַכטן זיך: אַ מאָדנער אַדוואָקאַט עפּעס!
וואָס איז אים דער חילוק, צי מען זאָגט אין פינטשעוו „גענימען”, צי „גע-
נעמען”? דעם טאַטן אָבער איז גראָד שטאַרק געפעלן אָט-די בלב-ונפשדיקע
איבערגעגעבנקייט פּרילוצקיס צו דער שפּראַך פון פאָלק און ווען עס
פלעגט קומען צו-רייד וועגן נחן, פלעגט דער טאַטע אַלעמאָל טענהן: אויב
אַ מענטש האָט עפּעס זייער שטאַרק ליב, אָדער זייער שטאַרק פיינט, איז
אַ סימן, אַז ער איז אַ יש!

מיטן הויז פון צבי פּרילוצקי איז אַ לענגערע צייט געווען פאַרבונדן
דער באַוווסטער פּעדאַגאָג און גימנאַזיע-אָנפירער אין וואַרשע, מ. קרינסקי,
וועלכער איז אויך צוגעשטאַנען אַלס שותף און מיטגרינדער פון „מאָ-
מענט”. קרינסקי איז געווען דער גרינדער פון דער ערשטער יידישער
רעאַל-גימנאַזיע אין וואַרשע. די שול זיינע איז געווען זייער פּאָפּולער און
די פאַרמעגלעכערע יידישע עלטערן, וואָס האָבן געוואָלט, אַז זייערע קינ-
דער זאָלן נישט אינגאַנצן פאַרפרעמדט ווערן אין די רוסישע „קאַזיאָנע”
גימנאַזיעס, האָבן געשיקט זייערע זין צו קרינסקין. אמת, די גימנאַזיע איז
געווען יידיש נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל עס האָבן זיך דאָרט געלערנט
בלויז יידישע קינדער; אנשטאט אום שבת, האָבן זיך דאָרטן די לימודים
געפירט אום זונטיק, און דערצו האָט מען דאָרט געלערנט אַביסל תנ״ך
און העברעאיש. אָבער פאָרט איז די סביבה געווען אַ יידישע און די קינ-
דער האָבן זיך דאָ געפילט פרייער, היימישער. מאַגנוס אָסיפּאָוויטש — ווי
מען האָט גערופן קרינסקין אויפן פאָרנאָמען — האָט געשפּרודלט מיט
ענערגיע, מיט אונטערנעמונג-גייסט. ער האָט געקערט וועלטן: נישט באַג-
נוגנט זיך בלויז מיט דער אָנפירונג פון אַ גרויסן לערן-אַנשטאַלט, געהאַט

אַספּיראַציעס פון אַ קולטור-טוער פון גרויסן פאַרנעם, געגרינדעט אַ פאַר-לאַג, אַ דרוקעריי, געווען רעדאַקטאָר, פּראָפּאַסער און אַרויסגעבער פון לער-ביכער, קינדער-זשורנאַלן, צייטשריפטן. זיינע „אָטשעבניקעס", „הדיבור העברי" און דערנאָך „הסגנון העברי", האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן אָפּ-זאַץ און האָבן אויסגעהאַלטן אַ סך אויפלאַגעס. באַזונדער באַליבט און פּאָפּולער צווישן דער העברעאיש-לערנענדיקער יוגנט איז געווען זיין שיין-אַרויסגעגעבן. אילוסטרירט וואָכנבלאַט „השחר" (פאַר עלטערער יוגנט) און „בן-שחר" (פאַר קינדער), ווו עס האָבן זיך געדרוקט — און באַקומען גוט באַצאָלט — חוץ העברעאישע שרייבער, אויך יידישע, וואָס זייערע זאַכן פלעגט מען איבערזעצן. אין „השחר" האָט אויך אהרן אָפּגעדרוקט אַ פּאָר זאַכן, וועגן וועלכע מען האָט דערנאָך אַ סך געשמועסט אין „ליטע-ראַרישן הויז". קרינסקיס רעכטע האַנט ביים פאַרפאַסן און רעדאַגירן די לער-ביכער און זשורנאַלן איז געווען י. אַ. לייזעראָוויטש (איזידאָר לאַזאַר), אַ קורצזינקער, אַ גראָבינקער, מיט גיך-לויפנדיקע, ביסטרע אייגעלעך, אין וועלכע עס האָט אַלעמאָל געשטעקט אַ כיטרער, איראָנישער שמייכל. ליי-זעראָוויטש איז יאָרנלאַנג געווען קרינסקיס בעל-יועץ און געטרייסטער מיטאַרבעטער. עס איז אַפילו געווען אַ יש-אומרים, אַז אָן לייזעראָוויטשן וואָלט זיך קרינסקי בכלל נישט געקענט באַגיין, אָבער די גאַנצע לאַסט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז פאָרט געפאַלן אויף קרינסקין און אַלע פיילן פון דער קריטיק און פון... דער קאָנקורענץ זענען געווען געצילט נאָר אין קרינסקין. ער איז געווען אויסערלעך זייער אַ רואיקער מענטש, קרינסקי, ער פלעגט זעלטן-ווען אַרויסווייזן זיין אויפרעגונג, אָבער אינעווייניק האָט אין אים אַלץ געקאָכט, און ווען ער פלעגט לייענען אַן אַרונטעררייסנדיקע קריטיק איבער זיינס אַ לערן-בוך אָדער זשורנאַל, פלעגט ער נערוועז אַריינ-נעמען אַ שטיק וואָנסע אין מויל אַריין, בייסן זי לאַנגע מינוטן און לסוף אַרויסוואַרפן זי מיט כעס, מורמלענדיק:

— זאָ... זאַ... זאַ איסט די זאַכע...

דערביי פלעגט די גלאַטע הויט פון זיין קיילעכיקן, גלאַנציקן פּליך, באַדעקט ווערן מיט אַ דינער רויטקייט, די קליינע, גרויע אויגן פלעגן נע-מען אומרואיק אַרומלויפן איבער די ווינקלען פון שטוב, איבערן שרייב-טיש, און די גראָבע, גאָלדענע קייט, וואָס פלעגט באַלעבאַטיש באַצירן זיין

דירעקטארישע וועסט, פלעגט זיך נעמען טרייסלען אויפן דיק-פארשפיצטן בויך. גרויס שברת-הלב האט קרינסקי געהאט, ווען א גרופע ציוניסטישע באלעבאטים אין ווארשע, מיט דעם שוין-דערמאנטן ראובן לאבענסקי בראש, האט אראפגעבראכט פון סובאלק קיין ווארשע שווארצמאנס גימנאזיע, וואס האט געהאט א שם אלס מוסטער-שול, ווו עס ווערט אויך געלערנט א סך העברעאיש. אלס מיטאייגנטימער פון דער דאזיקער גימנאזיע איז אויך געשטאנען יאצקאן און פון דאן-אן האט זיך צעפלאקערט א קאמף צווישן קרינסקין מיט יאצקאנען. עס איז אפילו, דוכט זיך, דערגאנגען צו א פראצעס, צו וועלכן ביידע צדדים האבן אראפגעבראכט בארימטע אדוואקאטן אזש פון פעטערבורג. שווארצמאן, א שטילער, איידעלער, אין-זיך פארשלאסענער מענטש, מיט א צארט, אסקעטיש - ליידנדיק פנים, מיט א קליין, בלאנד, דורכזיכטיק בערדל, מיט ווייכע, בלוילעכע אויגן, האט זיך אין דעם קאמף נישט געמישט. עס איז אים געווען איבער דער טבע. ער האט זיך שטיל, אבער עקשנותדיק געטון זיין ארבעט, געפירט די שול מיט אומגעהויערער איבערגעגעבנקייט און געשאפן איר א שם אויך אין ווארשע אלס איינע פון די בעסטע מענער-גימנאזיעס, וואס שטייט נישט אפ פון די בארימטע „קאזיאנע" גימנאזיעס. מיט שווארצמאנען איז דער טאטע געווען באפריינדט נאך פון ווילנע. דארט, אין ווילנע, פלעגט שווארצמאן, אלס סטודענט נאך, ארויפקומען צו אונדז אין שטוב און פארברענגען שעהן-לאנג, ביז שפעט אין דער נאכט אריין, אין הייסע, ליידנשאפטלעכע וויכוחים מיטן טאטן. ער איז געווען א פלאמיקער ציוניסט, שווארצמאן, און ער האט זיין אידעע פארטיידיקט מיט היץ, מיט מסירת-נפש. אין ווארשע, אלס דירעקטאר שוין, האט זיך שווארצמאן אקטיוו נישט באטייליקט אין דער ציוניסטישער פארטיי-ארבעט. ביי זיינע אנשויאונגען איז ער ווייטער פארבליבן פעסט און עקשנותדיק, אבער א ו י ס ע ר ל י ך האט ער זיינע איבערצייגונגען נישט ארויסגעוויזן, לכל-הפחות — נישט אזוי שטורמיש און ליידנשאפטלעך, ווי אין די סטודענטישע יארן אין ווילנע. א נאטורוויסנשאפטלער לויט דער בילדונג, איז אבער שווארצמאן נישט געווען קיין טרוקענער ראציאנאליסט און „פרינציפיעלער" אפיקורס. ער האט ארויסגעוויזן א נייגונג צו מעטאפיזישע פראבלעמען און ריינע ע ט י ש ע ווערטן האט ער געשטעלט איבער אלע

פרינציפּן. דערפאַר טאַקע האָט אים דער טאַטע אַזוי שטאַרק געשעצט און כאָטש דער טאַטע האָט, ווען שוואַרצמאַן איז אַראָפּגעקומען מיט זיין גימנאַזיע קיין וואַרשע, שוין געאַרבעט אין „מאָמענט", ווו קרינסקי איז געווען אַ שותף, האָט מען מיך געשיקט לערנען נישט צו קרינסקין, נאָר צו שוואַרצמאַנען. לערער פון העברעאיש איז אין דער גימנאַזיע געווען צ. ז. וויינבערג, אַ זייער אָפטער גאַסט אין „ליטעראַרישן הויז", שוואַרצמאַנס אַ ליבלינג און פּראָטעזשע. וויינבערג האָט געענדיקט די ערשטע יידישע לערער־קורסן אין גראָדנע און דאָרט טאַקע האָט ער זיך באַקענט און באַפריינדט מיט שוואַרצמאַנען, וועלכער האָט אים וואַרעם געשטיצט און לסוף אים באַשטימט אַלס לערער אין זיין גימנאַזיע. די שילער האָבן וויינבערגן ליב געהאַט מחמת זיין גוטמוטיקייט און אָפנהאַרציקייט. ער איז געווען צוגעלאָזן, פריינטלעך צו אַלעמען. ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין שפּור פון „קאַזיאָנשטשינע", פון יענער אומהיימלעכער שטייפקייט און אָנגעבלאָזענער שטרענגקייט, אָן וועלכער אַ דעמאָלטיקער גימנאַזיע־לערער האָט נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו באַקליידן ווי געהעריק זיין אַמט. אין דער סביבה פון די מרוקעוואַטע גוייִשע לערער, אין די בלויע „קאַזיאָנע" מונדירן, מיט די מעשענע קנעפּ, האָט זיך וויינבערג געפילט פרעמד, יוצא־דופנדיק. בלויז איין שוואַרצמאַן האָט אים צוגעגעבן מוט, צוגעוואָרפן אים, פון צייט צו צייט, אַ פריינטלעכן בליק, אַ שמייכל, אין דעם גרויען, מרה־שחורהדיקן צימער פון די לערער, וועלכע האָבן געקוקט אויף וויינבערגן פון אויבן אַראָפּ. דערפאַר אָבער אין קלאַס, צווישן די ווייסע חברהניקעס, האָט זיך וויינבערג געפילט היימיש, יידישלעך. די שילער האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַ העברעאישער שרייבער, אַז ער דרוקט זיך אין „ספרות", אין „רשפים", אַפילו אין „השלח", און דאָס האָט אים צוגעגעבן חשיבות אין זייערע אויגן, כאָטש געשטערט צו שטיפן, צו „קריכן אויפן קאָפּ", צו מאַכן כלערליי לאָבוסעוואַטע שטיק אויף וויינבערגס לעקציעס, האָט עס ז יי נ י ש ט. די עלטערע שילער אין קלאַס פלעגן זיך וויצלען מכוח וויינבערגס שרייבן און זיי פלעגן מיט גרויס הנאה דערציילן די יינגערע, אַז וויינבערג איז אַ „העברעאישער שרייבער, וואָס שרייבט וועגן שיקסעס..." חברה פלעגט זיך מאַכן הלצהלעך איבער וויינבערגס אכילה. וויינבערג האָט גוואַלדיק ליב־געהאַט דעם עס און ביי יעדער פויזע

האָט ער זיך געמוזט אונטערלענען ס'האַרץ. ער פֿלעגט אַריינקומען אין קלאַס מיט פּעטע, שמאַלציקע ליפּן, מיט ברעקלעך פֿונעם עסן אויף די דיקע, געשטופּלטע באַקן. אָפֿט פֿלעגט דער שאַרפֿער, שניידיקער קלונג, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן בייז, שטורעמדיק דורכן לאַנגן גימנאַזיע-קאָרידאָר און האָט אָנגעזאָגט דעם סוף פֿון דער פּויזע, טרעפֿן וויינבערגן אין סאַמע מיט פֿון דער סעודה. וויינבערג פֿלעגט דאַן מיטן ביסן אין מויל אַריינלויפֿן אין קלאַס און ערשט דאָ דעם ביסן אַריינגעשלונגען. פֿלעגט מען זיך טאַקע לוסטיק מאַכן דעריבער און דער לערער פֿלעגט מיטלאַכן מיט די תּלמידים. זיין ברייטלעך-אָנגעגאָסענער, אַביסל מגושמדיקער קערפּער, האָט זיך געטרייסלט, אויף דער דיקער, געשטופּלטער נאָז האָבן זיך באַוויזן קליינע טראָפּנס שוויס, אין די מאַט-פֿאַרצויגענע גרויע אויגן האָבן זיך פֿון געלעכטער געשטעלט טרערן. די לעקציע פֿלעגט שוין דעמאָלט אַדורכגיין „בתּופּים ובמחולות", מיט געטומל און האַרמידער, מיט גלייכווערטלעך און סתם מעשיות. קיין „צ וו יי" פֿלעגט שוין דאַן אַפֿילו דער ערגסטער שילער נישט באַקומען...

ווען איך דערצייל וועגן הויז פֿון צבי פּרילוצקי אויף דער „ליניע", טאָר איך נישט פֿאַרגעסן צו דערמאָנען וועגן דעם סאַמע אָ נ ג ע ־ ל יי ג ט ס ט ן גאַסט אין דעם דאָזיקן הויז, וועגן י. י. פּראָפּוסן. פּראָפּוס איז אָראָפּגעקומען קיין וואַרשע פֿון פּעטערבורג, וווּ ער איז געווען רעדאַקציע-סעקרעטאַר פֿון גינזבורגס באַרימטן „פֿריינד". אין וואַרשע האָט ער געאַרבעט אין פֿאַרשידענע וואָכנבלעטער און זשורנאַלן און אַ קורצע צייט נאָך דער גרינדונג פֿון „מאָמענט" איז ער אָנגעקומען אין אָט-דער צייטונג אַלס סעקרעטאַר פֿון רעדאַקציע. פּראָפּוס איז געווען אַ גוואַלדיקער פּעדאַנט אין הלכות שפּראַך און סטיל. ער האָט שווער געהאָרעוועט איבער מאַנוסקריפּטן, פֿאַרריכט, געפּוצט און געשליפֿט ס'לשון, און ווען ער פֿלעגט פּאַקן אַ באַזונדער נישט-ריכטיק געבויטן זאַץ, אָדער עפּעס אַן אומגעלומפּערט וואָרט, פֿלעגט ער זיך אָנצינדן, ווערן מלא-חמה און אַרומטראָגן ווייזן דעם „שוידערלעכן" כתב-יד איבער אַלע רעדאַקציע-צימערן, נישט קענענדיק זיך באַרואיקן. טאָמער האָט ערגעץ געפֿעלט אַ קאָמאַ איז ער געווען אויסער זיך און נישט איינמאָל פֿלעגט ער, אַ בייזער, אַוועקשליידערן אַ מאַנוסקריפּט צוליב חטאים אַקעגן סינטאַקסיס, אָדער גראַ־

מאַטיק. פּראַפּוס איז אויך אויסערלעך, אין דער הלבשה, אין דער האַל-
טונג, געווען אַ פּעדאַנט, אַן איבערקלויבער. אַלעמאָל געפּוצט ביז איבער-
טרייבונג, ציכטיק, פונק-ניי געקליידט, האָט ער מסירת-נפשדיק געזאָרגט,
אַז קיין שפּרענקעלע זאָל אויף אים חלילה נישט פאַלן. אין דער אויבערש-
טער קעשענע פון רעקל האָט ער תמיד געהאַט שטעקן אַ פּאַרפומירט, זייד-
געהאַפטן טיכעלע, וואָס האָט קאָקעטיש אַרויסגעקוקט פון די קעשענע-
פאַלדן. די שפּיציק-פאַרשווירענע, טונקל-געלבלעכע וואָנסעלעך, פלעגט ער
פוצן פונקט אַזוי געוויסנהאַפט און עקשנותדיק, ווי זיינע ווייך-געפאַלדע-
וועטע, שוואַרצלעכע האָר און ווי זיינע מאַסיווע ברילן-גלעזער. און אַ גענ-
געלע האָט ער געהאַט אַ ווייכס, אַ שטילס, אַ געמאָסטנס. עס האָט זיך מיר
אָפט אויסגעוויזן, אַז ער טרעט נישט, נאָר ער שוועבט אויף די שפּיץ
פינגער. דער „אַלטער" האָט ליב-געהאַט פּראַפּוסן טאַקע צוליב זיין פּינקט-
לעכקייט און פּעדאַנטישקייט. מחמת קורצזיכטיקייט איז פּרילוצקין שווער
געווען אַליין צו שרייבן זיינע אַרטיקלען און ער האָט זיך דעריבער נוהג-
געווען די אַרטיקלען צו דיקטירן, און פון קיינעם איז ער נישט געווען אַזוי
צופרידן ביים דיקטירן ווי פון פּראַפּוסן. ער האָט געוווסט, פּרילוצקי, אַז
אויף פּראַפּוסן מעג ער זיך פאַרלאָזן, אַז דאָס דיקטירטע וועט אַרויסקומען
געניי, אָן פעלערן, שיין געכתיבהט, גרייט צום דרוק. פּראַפּוס האָט געהאַט
נאָך אַ מעלה, וואָס איז שטאַרק געפעלן דעם רעדאַקטאָר פון „מאָמענט":
ער האָט געהאַט אַ גוטע, קלאָרע דיקציע און אַזוי ווי עס פלעגט אים
אויסקומען זייער אָפט פאַרצולייענען פאַרן „אַלטן" מאַנוסקריפּטן — נישט
זעלטן אויך דורכן טעלעפאָן — האָט זיך פּרילוצקי נישט געדאַרפט אי-
בעריק אָנשטרענגען ביים הערן און דערפון איז ער געווען באַזונדער צו-
פרידן. פּראַפּוס האָט געלייענט קלאָר, דייטלעך, אַקצענטירנדיק יעדן וואָרט.
אָפטמאָל האָט ער פאַרגעלייענט מאַנוסקריפּטן אין אַן אַרטיסטישן טאָן.
בכלל האָט פּראַפּוס געהאַט אַרטיסטישע נייגונגען. ער האָט אָפט רעציטירט
מיט דער געהעריקער מימיק, מיט די פּאַסיקע תנועות און שטים-מאָדו-
לאַציע, — לידער און נאָוועלן פון רוסישע און יידישע שרייבער. ער
פלעגט אויך פאַרטראָגן זיינע אייגענע לידער, וועלכע ער האָט געשריבן און
נעדרוקט אין פּעטערבורג און וואַרשע און וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבן
אין אַ באַזונדער ביכעלע. ער האָט זיך אויך געהאַלטן פאַר אַ שטאַרקן

מנגן און פלעגט, פון צייט צו צייט, אָפּזינגען אַ רוסישן ראָמאַנס, אָדער אָפּערן־אַריע מיטן גאַנצן קנאַק, פאַרמרוזשענדיק די קליינע, גרויע אויגן און צוקלאַפּנדיק מיט די פיס. עטלעכע מאָל איז פּראָפּוס אַפילו אויפגעטרעטן עפנטלעך אַלס רעציטאַטאָר. אויף אַ טרויער־אָוונט נאָך פּרצעס טויט האָט פּראָפּוס רעציטירט „דאָס קראַנקע יינגל" — דאָס איז שוין אָבער געווען פּראָפּוסעס „שוואַנען־געזאַנג" אַלס „אַרטיסט־דעקלאַמאַטאָר", וואָרום זינט דאַן איז ער שוין, דוכט זיך, מער נישט אויפגעטרעטן אויף עפנטלעכע אונטערנעמונגען. פּראָפּוס האָט גוט געקענט פּרילוצקיס שוואַכקייטן און ער פלעגט זיך תמיד באַמיען צו „דאַגאָדזשען" אים. ער פלעגט געדולדיק אויסהערן אַלע זיינע טענות און אָנווייזונגען און אַזוי ווי ער האָט געוווסט, אַז דער „אַלטער" האָט שטאַרק מורא פאַר דער צענזור, פלעגט פּראָפּוס זיין „פּויפּסטלעכער פאַרן פּויפּסט" און פלעגט ביים מינדסטן סימן פון אַ חשד אויף „קראַמאָלע" תיכף ומיד אַלאַרמירן פּרילוצקין און אָפּט אַראָפּשלעפּן אים אַפילו פון בעט. דער „אַלטער" האָט אים דערפאַר גערופן בלשון חיבה: „פּראָפּוסל". איך פלעג זיי אָפט טרעפן שפּאַצירן צוזאַמען אין וואַלד: דער „אַלטער", אָנגעשפּאַרט אָן פּראָפּוסעס אַקסל, פלעגט דערציילן זיין געטרייען סעקרעטאַר זכרונות פון „פּיטערבאַרג" און פּראָפּוס פלעגט אַרויפּקוקן צום „אַלטן", וועלכער איז געווען העכער פאַר אים, מיט פאַרליבטע בליקן. אַז מען פלעגט דערמאָנען פּראָפּוסן אין „פּיטערבאַרג", פלעגן אים ווערן פייכט די אויגן און ער פלעגט נעמען שטיל זיפצן אויס בענקשאַפט נאָך די פּעטערבורגער נעכט.

פּרילוצקי איז געווען זייער קורצזיכטיק און אַז ער האָט געוואָלט עמעצן דערקענען, האָט ער געמוזט צו אים צוגיין זייער נאָענט, פּנים אל פּנים, אַזוי אַז זיינע גרויסע, גאָלדענע ברילן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין יענעמס געזיכט. ערשט דאַן פלעגט ער דערקענען דעם געקומענעם. ער האָט אויך געהאַט אַ טבע, פּרילוצקי, מחמת שטאַרקער קורצזיכטיקייט, צו גלעטן איבערן פּנים, איבער די באַקן, זיינע געסט. אָפט פלעגט ער פאַרבייטן די יוצרות. ער פלעגט צוגיין צו מיר, אָדער צו קאַרלינסקין, אָדער גאָר צום טאַטן, פלעגט אונדז נעמען גלעטן מיט די לאַנגע, ביינערדיקע הענט איבער די באַקן און נעמען זוכן: — פּראָפּוסל... הא... פּראָפּוסל?... דאָס זיינט איר, פּראָפּוסל?...

ערשט, אַז ער פּלעגט אָנטאַפּן דעם טאַטנס געדיכטע באָרד, פּלעגט ער זיך פאַררויטלען און כאַפּן זיך אויפן טעות. דעמאָלט פּלעגט ער אַראָפּ-גיין פון דער וועראַנדע, לאָזן זיך אַליין איבער די שטיל-געפּוצטע סטעזש-קעס פון דער ווילע און מאַכנדיק, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט דער האַנט אַ „דעכעלע" איבער די אויגן — אַ סגולה אקעגן די ברענענדיקע שטראַלן פון דער זון — פּלעגט ער נעמען רופן מיט אַ מאַט-הייזעריק-לעכן קול:

— פּראַפּוס!... פּראַפּוסל!... האָ?...

## קאַפּיטל 13.

# ערב דער בראַנד.

עס וואָלט געווען אַן עוולה, ווען איך דערצייל נישט צום סוף וועגן נאָך אַ גרופּע שרייבער, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן ליטעראַרישן הויז דורך דער „ליניע". מיט אַ טייל פון דער דאָזיקער גרופּע איז די פאַרבינ-דונג איבערגעריסן געוואָרן גלייך, ווי עס האָבן זיך נאָר באַוויזן די ערשטע פייער-בלוטיקע צונגען פון דער וועלט-שרפה. ווען עס האָבן זיך דערהערט די ערשטע דונערן פון די האַרמאַטן, האָט מען יענע שרייבער שוין מער נישט געזען אין „הויז" — זיי זענען אַוועק קיין רוסלאַנד, פון וואַנען עס זענען צו אונדז דערגאַנגען פון זיי בלויז קאַרגע, בלאַסע גרוסן. בראש פון אָט-דער גרופּע זענען געשטאַנען: ר' מרדכילע (טשעמערינסקי) און ז. ווענדראָף. כאָטש ר' מרדכילע איז כמעט אַלעמאָל געווען הייטער, אויפ-געלייגט און האָט געשאָטן מיט גלייכווערטלעך, מיט וויצן, האָט פון אים דאָך געווייט עפּעס אַן אומהיימלעכקייט און בייזקייט. אַ ים מיט קפּדנות איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין לענגלעך-בלאַס, גרוי-באַוואַקסן געזיכט. פון די געלבלעך-גרינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ פּרעמדקייט און אַ שטענ-דיקער חשד. איך האָב מורא-געהאַט פאַר זיינע אויגן, וואָס האָבן ווייטיק-דיק אַדורכגעשפּיזט און תמיד געמאָנט עפּעס אַ חשבון, ווי די אויגן פון אַ מוסרניק.

ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערזען אַרומגיין איינעם אַליין, אין פאַרנאַכטיקן וואַלד, צווישן געדיכט-אָראָפּהענגענדיקע צווייגן, אין אַ

צעבראַשטשעט העמד, מיט אַן אָפענעם וואַקס-געלן האַלדז, מיט שפּיציק-גרויע, צעפּלאַשעטע האָר, מיט אַ קליין, נישט צעקעמט בערדל פון טאַבאַק-קאָליר, האָב איך געמיינט, אַז איך זע אַ שד. שפּעטער איז מיר שוין די געשטאַלט פון ר׳ מרדכילע געוואָרן היימיש און איך האָב מיך אפילו צו-געוווינט צו זיין גרילציק-הייזעריקער שטים, וואָס האָט אָפּגעקלונגען מיט אַ טעמפּן, טויבן עכאָ. ר׳ מרדכילע פלעגט ס׳רוב ליב-האָבן צו שפּאַצירן אין וואַלד אַליין, אָן חברותא. אָבער טיילמאָל, אין אַ שבת, פלעגט ער זיך לאָזן אין וואַלד אַריין מיט „קאָמפּאַניע״. עולם פלעגט זיך אויסלייגן אין אַ רעדל, אויף דער ערד, אויף אַ גרויס שטיק מעך, און טשעמערינסקי פלעגט נעמען פּראַווען בדחנות. ער האָט דאָס לעבן און די מנהגים פון יידישע בדחנים געקענט אויסגעבונדן, זייער געזונטע, זאַפטיקע שפּראַך האָט ער נישט אויפגעהערט צו באַוואונדערן, און אין זיין מחיהדיקן יידיש פלעגט ער לאַנגע שעהן דערציילן און אָפּשפּילן כלעריי בדחנישע „שטיק-לעך״. זיינע מעשיות פון באַוווסטע בדחנישע טיפּן, זיינע לידלעך פון אליקום צונזער, זענען געווען נישט צום אויפציילן. ער פלעגט זיך אויסטון די שיך, נעמען אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט אַריין און אין די ווייסע זאָקן פלעגט ער זיך צעטאַנצן אין מיטן פונעם ראָד, זינגענדיק דאָס מאַר-שעליק-לידל:

„האָפּ-טשאָק,<br>
מאַרשעלאָק,<br>
מיט אַ באָרוועס,<br>
מיט אַ זאָק,<br>
מיט אַ לאַנגן יאַמשע-שטאָק...״

דער עולם פלעגט צופּאַטשן מיט די הענט און ר׳ מרדכילע פלעגט זיך נאָך שטאַרקער, נאָך התלהבותדיקער צעטאַנצן. דערנאָך פלעגט ער זיך אַ פאַרמאַטערטער צוריק אַוועקזעצן אויף דער ערד, קוקנדיק מיט טרויעריק-בייזע אויגן אויף די אַלטע ביימער, אויפן מעך, אויף די חברים. די אויפגעלייגטקייט און הייטערקייט פלעגט באַלד פאַרשווינדן, די געדיכ-טע ברעמען זיינע פלעגן זיך כמורנע צונויפציען און ער פלעגט שוין דעמאָלט אויסזען נישט ווי קיין מאַרשעליק אויף אַ פייערלעכער חתונה, נאָר ווי אַ ברוגזער, קאַלטער מחותן, וואָס עס שטייט אים נישט אָן דער

שידוך. דערפאר האב איך ווענדראפן קיינמאל נישט געזען קיין בייזן און אנגעכמורעטן. ער איז אלעמאל געווען אויפגעליגט און ווען נאר מען פלעגט צו אים „אנקלאפן", פלעגט ער זיין גרייט: נעמען שיטן מיט קא־מישע מעשיות און וואיאזשארישע גלייכווערטלעך, אדער גאר ארויסציען א פאק בלעטלעך פון בוזעם־קעשענע און פארלייענען פון זיין סעריע „פראוואזשיטעלסטווא". ער האט נישט געהאט קיין צורה פון א ייד, ווענ־דראף. א נאז האט ער אפילו געהאט א לאנגע, א „יידישע", אבער דאס גאנצע העלע פנים זיינס, די אויסגעקראכן־פלאקסענע האר, די מאדנע־גלאטע באקן, די גרינע, מידע אויגן און די קרומלעך־געשניטענע האלב־אפענע ליפן, זענען געווען אינגאנצן גוייש, פרעמד, און אויך דער יידיש האט אין זיין מויל געקלונגען עפעס מאדנע ווייט און שטייף, כאטש גע־ווען איז דאס א יידיש א ריכטיקער, א גוטער. ער האט פארמאגט א סך הומאר, ווענדראף, אבער אויך דער הומאר זיינער איז עפעס געווען נישט קיין יידישלעכער. און כאטש ער פלעגט עפ"י רוב דערציילן און שרייבן אויסן לעבן פון יי ד י ש ע וואיאזשארן, האט דאך פון זיינע הומא־רעסקעס געוויט מיט גוישקייט און קאלטקייט. ס'האט זיך נישט געפילט אין זיי דער היימיש־יידישער אטעם, דער באזונדערער אראמאט פון אמת־יידישן הומאר, פון א „זעקס און זעכציק", למשל. אבער ה ו מ א ר, איידעלער און ראפינירטער הומאר, איז עס געווען לכל־הדעות, און נישט איין ליכטע, אנגענעמע שעה האבן מיר פארבראכט אויף דער „ליניע", אין קילן שאטן פון ווענדראפס פקחותדיקע דערציילונגען.

צו אט־דער „רוסישער" גרופע האט זיך אויך פארעכנט רחל פייגנ־בערג, וועלכע האט דעמאלט געדרוקט איר באוווסטן ראמאן „טעכטער" אין „מאמענט". דער טאטע האט געהאלטן פון אירע דערציילערישע פעאי־קייטן, אבער „חברה־לצים" האט זיך קנאפ־וואס איבערגענומען מיט איר טאלאנט און האט איר נישט געזשאלעוועט קיין אפשפעטעניש און חוזק־ווערטלעך, אפילו ווען זי איז געווען ביי אונדז צו־גאסט. א באזונדער פארגעניגן פון טשעפען מיט דער פייגנבערג האט געהאט איר בן־עיר, טונקל. אלע פיילן פון זיין הומאר האט ער ארייגעשאסן אין איר. אלע וויצן און גלייכווערטלעך, וואס ער האט אנגעזאמלט אין משך פון דער וואך, האט ער אויסגעפאקט און אנגעמאסטן אויף דער פייגנבערג. ער האט

געהוזקט פון איר נידעריקן, באַוואַקסענעם שטערן, פון אירע קליינע, פּינטל־דיקע אויגן, פון איר פּישטשענדיקן קול, פון דעם הויכן קאָלנער מיטן מענערישן קראַוואַט, וואָס זי האָט אַלעמאָל געטראָגן, פון דעם גראָבן „גרעק", אין וועלכן עס זענען געווען פאַרפלאָכטן אירע לאַנגע, פּעך־שוואַרצע האָר.

גרויס שברת־הלב פון אָט־די אָנגריפן אויף רחלען האָט געהאַט אהרנס אַמאָליקער לערער, י. י. פּויזנער, אונדזערס אַ בן־בית. פּויזנערן האָט דער טאַטע באַזונדער מקרב־געווען, ליב־געהאַט אים און פאַרבראַכט מיט אים גאַנצע טעג אין שמועסן וועגן דעם מהות פון דער יידישער עטיק. פּויזנער איז אַמאָל געווען אַ מוסרניק פון נאָוואָגראָדקער ישיבה, אָבער אַ בליק אויף די עטישע פּרינציפּן פון יידנטום האָט ער געהאַט גאָר אַן אייגנאַרטיקן, אַן אָריגינעלן, און ער האָט נישט אויפגעהערט צו שפּאַרן זיך מיטן טאַטן אַרום דעם וועזן פון יהדות. פּויזנער האָט, אויף אַ טיפן און געוואַגטן אופן, פאַרבונדן די ספּעציפיש־יידישע עטיק מיט אַלמענטשלעכקייט און אַלוועלטלעכקייט, אויפשטעלנדיק אַ שטיק אייגענע פילאָזאָפישע סיסטעם, וואָס איז אין אַ צייט אַרום געקומען צום אויסדרוק אין זיין ווערק „מלכות המשיח" — אַ ווערק, איבער וועלכן ער האָט אין דער שטיל געאַרבעט לאַנגע יאָרן, דורך טעג און נעכט. ווען ער איז פון דער ישיבה אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע, האָט ער זיך גלייך דערנענטערט צום טאַטן, דערפילט אין אים אַ קרובהשע נשמה. דער טאַטע האָט זיך באַמיט איינצואָרדענען פּויזנערן אין דער גרויסער שטאָט, זיכערן אים אַ שטיקל קיום, כדי ער זאָל קענען אַרבעטן רואיק איבער זיין ווערק. לכתחילה האָט אים דער טאַטע אָפּגעזוכט עטלעכע לעקציעס — אַ שאַרפער תלמודיסט געווען; אויך מיט אהרנען האָט ער אַ לענגערע צייט געלערנט גמרא — שפּעטער, ווען עס האָט זיך געגרינדעט דער „מאָמענט", האָט אים דער טאַטע רעקאָמענדירט אַהין אַלס קאָרעקטאָר און אַזוי איז פּויזנער שוין פאַרבליבן אין דער ליטעראַריש־זשורנאַליסטישער משפּחה. בטבע איז ער געווען אַ שטילער, אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, און מיט קיינעם, דוכט זיך, חוץ מיטן טאַטן, האָט ער קיין הויך וואָרט נישט געקענט אויסרעדן. ער איז געווען אַביישן, און ווען מען פלעגט אים עפּעס אַ פרעג־טון, פלעגט זיך זיין שאַרף, שפּיציק געזיכט, באַגיסן מיט אַ רויטקייט, ווי ביי

א קינד, וואָס קומט צום ערשטן מאָל אין א פּרעמדער שטוב אַריין און מען נעמט עס אויספרעגן, וואָס טאַטע-מאַמע מאַכן. זיין אײַנגעהויקערטע פּלייצע פלעגט זיך נאָך טיפער איינבויגן, מיט די אַראָפּגעלאָזענע, גרינ-לעך-אומעטיקע אויגן פלעגט ער קרומלעך נעמען פירן איבער די פרענדזן פונעם טישטעך און פלעגט אַרויסבאַמקען עטלעכע אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס קוים-קוים האָט מען זייער קלאַנג דערהערט. איבער אָט-דער שע-מעוודיקייט און נחבא-אל-הכלימדיקייט זיינער האָט חברה זייער אָפּט זיך לוסטיק געמאַכט, געפּראַוועט ליצנות. טונקל, פּראָפּוס און דער נידעריקער, געפּאַקטער און תמיד פרייליכער כילינאָוויטש, האָבן זיך גאָר מחיה גע-ווען, ווען זיי האָבן געכאַפּט א „שאַנס" אויסצופּאַקן א פּאָר וויצן אויפן חשבון פון פויזנערס „באַרעדעוודיקייט". און אפשר דערפאַר טאַקע האָבן פויזנערן מער, ווי עמעצן אַנדערש, פאַרדראָסן די שטעכווערטלעך און אָנ-צוהערענישן אויף רחל פייגנבערגס אַדרעס: ער האָט אַלס „קרבן" פון „חברה לצים" אויך געטיילט איר „גורל". ער האָט זיך אָבער מיט חברה נישט געשעפּערט, ווי פייגנבערג, נישט אָפּגעענטפערט זיי מיט שטעכווערט-לעך, נישט „אַריינגעזאָגט" זיי, נאָר אָפּגעפּטרט די הלצהלעך מיט א פּריינט-לעכן, קוים-אָנזעעוודיקן ביטול-שמייכל...

איינמאָל אָבער איז מען פויזנערן אַזוי דערגאַנגען די יאַרן צוליב זיין שווייגעוודיקייט, אַז ער האָט שוין לענגער, ווייזט אויס, נישט גע-קענט אַריבערטראָגן די „פּראָוואָקאַציע" און ער האָט באַשלאָסן צו ווייזן דעם עולם „ווער עלטער איז". ער האָט מיטאַמאָל, אין מיטן א טומלדי-קער רעדעריי, האַסטיק אָפּגעהוסט, א פּאַרלייג-געטון די הענט אויף דער ברוסט און — צו אַלעמענס שטוינונג — גענומען זינגען, טאַקע פשוטו כמשמעו: ז י נ ג ע ן.

געוואָלט האָט ער, מסתמא, אויפזינגען עפּעס א „פּריילעכס", כדי איינמאָל פּאַר אַלעמאָל א סוף-צו-מאַכן צום בלבול, אַז ער קען „קיין מויל נישט עפענען", אַרויסגעקומען איז אָבער אַזאַ טרויעריק-מעלאַנכאָליש גע-זאַנג, אַז ס'האָט געשניטן ביים האַרץ און ביי דער מאַמען האָבן זיך גע-שטעלט טרערן אין די אויגן:

ס'איז געפלוי—וי—גן א גאָלדענע פּאַ—ווע,
איבער א ווײַ—יי—טן לאַנד,

איבער א ווײַ—יי—טן לאַנד,
האָט זי פאַרלוי—וי—רן א גילדענע פע—דער,
מיט א גרוי—וי—סער שאַנד . . .

פּויזנער האָט טיף-אומעטיק אָפּגעקרעכצט און ווײַטער געצויגן דעם האַרצרײַסנדיקן ניגון:

אַזוי ווי ס'איז ביטער, מײַן לי—י—בסטע מיטער,
א פוי—גע—לע אָן א נעסט,
א פוי—גע—לע אָן א נעסט,
אַזוי איז דאָך בי—טער, מײַן לי—י—בסטע מיטער,
שווער און שווי—י—גערם קעסט...

געמיינט האָב איך, אַז חברה וועט אַרויספּלאַצן מיט א געלעכטער: פּויזנער, וואָס קען אָפּשווײַגן לאַנגע שעהן אין דער רווישיקסטער געזעל-שאַפט, און בלויז דעמאָלט, ווען ער בלײַבט מיטן טאַטן אויג-אויף-אויג, לעבט ער אויף, נעמט רעדן און צעהיצט זיך אַפילו — פּויזנער זאָל גאָר ז י נ ג ע ן ? נישט אַנדערש, נאָר גאָטס װוּנדער!

דער עולם האָט אָבער נ י ש ט געלאַכט. עפּעס האָט דער טרויע-ריקער ניגון פּויזנערס דערוועקט א נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך פאַרשוווּנ-דענע יאָרן, און חברה איז געזעסן שטיל, פאַרשעמט...

קיין פולע „רעהאַביליטאַציע" האָט פּויזנער, וואָס א וואָרהייט, נ י ש ט דערגרייכט מיט זײַן זינגען — זײַן שטיל-שווײַגעניש איז נאָך אויף לאַנגע יאָרן פאַרבליבן א שם-דבר — אָבער א שטיקל צײַט האָט אים חברה יאָ צורו-געלאָזט און מער אים נישט דערקוטשעט אַזוי שטאַרק.

:: :: ::

באַטש מיט א טאָג פריער פאַר דער אָפיציעלער מאָביליזאַציע-דער-קלערונג, אין פערצנטן יאָר, האָט נחום סאָקאָלאָוו אויפגעוויזן אין „הצפירה" מיט אותות ומופתים, עפּ"י כל חוקי הלאָגיקע, אַז אָן אייראָפּעאישע מלחמה איז נישט געמאָלט און אַז די, וואָס האָבן מורא פאַר א וועלט-קריג, זענען נאַראָנים, איז דער בראַנד-אויסברוך פאַרט געקומען און אַרומגענומען לאַנד און מאָלק מיט בלוטיק-פײַערדיקע רייפן.

אויף די דאַטשע-ערטער אַרום וואַרשע איז געוואָרן אַ מהומה. אויף-גיך האָט מען גענומען פּאַקן ס'ביסל מטלטלים און אַפּציען אין שטאָט אַריין: טאָמער וואָס-ווען, די שעה זאָל נישט באַשעהן, איז מען אין דער גרויסער שטאָט פּאָרט זיכערער מיטן נפש. די צוגן זענען געווען געפּראָפּט, אַז איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען: מען איז געפאָרן אויף די טרעפּ פון די וואַגאָנען, מען איז געהאַנגען אויף די דעכער, געקלעפּט פון דרויסן אַרום די וואַגאָן-פענצטער, ווי חמרים פליגן. די קולות און גוואַלדן פון די אַנטלויפנדיקע האָבן זיך געטראָגן פון דער באַן-סטאַציע ביז צו אונדזער שטיבל. דער טאַטע האָט זיך מישב געווען מיט ספּעקטאָרן און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ביידע זאָלן זיי אַריבערגיין צום „אַלטן" פּרילוצקי, וועלכער האָט דעמאָלט געוווינט אין מיכאַלין, אַ סטאַציע פאַר יוזעפאָוו. ביי פּרילוצקין זאָל אָנגענומען ווערן דער ענדגילטיקער באַשלוס: אַריינ-פאָרן צוריק אין שטאָט אַריין, אָדער פאַרבלייבן דאָ, אויף דער „ליניע", עד יעבור זעם.

עס איז געווען אַ פאַרנע-הייסער טאָג, ווען מיר האָבן זיך געלאָזט צופוס, צום „אַלטן" פּרילוצקין, קיין מיכאַלין. געגאַנגען איז דער טאַטע, ספּעקטאָר און איך. דער טאַטע איז גראָד געווען רואיק — גאָרנישט ווי זיין טבע ביי גרויסע געשעענישן — אָבער דווקא ספּעקטאָר איז געווען מאָדנע צעטראָגן. ער איז געגאַנגען, פּאַזע די גלאַנציקע באַן-ליניעס, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פאַרזונקען אין מחשבות, און בלויז פון צייט צו צייט האָט ער זיך אַ וועק-געגעבן, אַ טרייסל-געטון מיטן קאָפּ, אַרויסגע-צויגן פון בוזים-קעשענע אַ טיכל און געווישט דעם שוויים פון רויטן שטערן. ווער ווייסט, אפשר האָט ער שוין דעמאָלט פאָרגעפילט זיין עלנדן נע-ונד און זיין עלנדן סוף...

אָנגעקומען זענען מיר צו פּרילוצקין מיטאָג-צייט. אויפן טיש איז שוין געלעגן אַ צייטונג-טעלעגראַם, מיט אַ ידיעה, אַז אין פּאַריז האָבן מלחמה-פּאַטריאָטן דערשאָסן זשאָרעסן. אויף פּרילוצקים געזיכט איז נישט געווען צו דערקענען די מינדסטע אויפרעגונג. ער איז געזעסן רואיק אויף דער ווערּאַנדע און פאַרענדיקט דעם קאַרשן-קאָמפּאָט, אַרויסוואַרפנדיק פאַרזיכטיק די קערלעך. ער האָט נישט פאַרגעסן. יעדע ווײַלע אַראָפּצו-וואַרפן עפּעס פון טיש אַראָפּ דעם גרויסן הונט, וואָס איז געלעגן ביי זיינע

פּיס, און געקוקט מיט זשעדנע בליקן זיין האָר אין מויל אַריין. פּרילוצקין האָט בלויז געחידושט ספּעקטאָרס אומעטיקייט און פאַרטראַכטקייט:

— האַ, ספּעקטאָר, וואָס איז דאָס?... בנאמנות, ס'פּאַסט נישט פאַר אייך... וואָס איז געשען?...

ספּעקטאָר האָט נישט געענטפערט. ער האָט בלויז טרויעריק געקוקט אויפן הונט, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אָן זיין גראָבן שטעקן. דער טאַטע האָט זיך פונאַנדערגעשמועסט מיטן „אַלטן" מכוח דעם ענין, וועגן וועלכן מיר זענען אַהערגעקומען. פּרילוצקי האָט געהאַלטן, אַז קיין סכנה איז נישטאָ, אָבער גלייכער איז פונדעסטוועגן אַריינצוקלויבן זיך צוריק אין שטאָט אַריין. די מלחמה וועט זיך ענדיקן אין אַ פּאָר וואָכן, העכסטנס — אין אַ צוויי-דריי חדשים אַרום. מיט די שטאַרקסטע אַרגומענטן האָט ער געפּרוווט איבערצייגן דעם טאַטן, אַז עס איז נישט מעגלעך, די מלחמה זאָל זיך פאַרציען לענגער, ווי עטלעכע חדשים. מען וועט דאָך נישט דערלאָזן צו אַ וועלט-שחיטה, מען וועט דאָך נישט אומברענגען מיליאָנען מענטש-לעכע לעבנס!

ווען מיר זענען צוריקגעקומען, האָט זיך שוין די זון גענומען זעצן. ספּעקטאָר האָט געקוקט אויפן פייערדיקן הימל אין געוויזן מיטן שטעקן:

— אַ בלוטיקער ים!...

דער טאַטע איז מיטאַמאָל געוואָרן בלאַס. די פריערדיקע רואיקייט איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. די באָרד זיינע איז געווען צעשויבערט, דער גרויסער, שוואַרצער קאַפּעלוש האָט זיך אים פאַררוקט אין אַ זייט. ער האָט פאַרמרוזשעט די אויגן און צוגעטוליעט מיך פעסטער צו זיך. מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער גענומען גלעטן מיין קאָפּ. שווייגנדיק זענען מיר געגאַנגען לעבן די באַן-שינעס. עס האָט זיך דערנענטערט אַ צוג: אַ גאַנצע קייט שמוציק-רויטלעכע, אָפענע פראַכט-וואַגאָנען. די וואַגאָנען זע-נען געווען אָנגעפּראָפּט מיט סאָלדאַטן. מען האָט זיי שוין געפירט צום פראָנט, קיין גאַליציע. ווען זיי האָבן דערזען אונדזער גרופּקע אויפן פעלד, האָבן זיי גענומען זינגען. זיי האָבן געזונגען שטיל-פאַרבענקט, אומעטיק-צעצויגן. זייער ניגון האָט דערמאָנט אין די טרויעריק-ברייטע רוסישע סטע-פּעס, פון וועלכע מען האָט זיי נאָר-וואָס אָפּגעריסן אויף נישט צוריקצו-קומען מער..

א ל ח נ ן   צ י י ט ל י ן

אין דער יוגנט.

# לידער

איבערדרוק פון אלחנן צייטלינס
„א ביכעלע לידער", וואס איז דער־
שינען אין יאר 1931, אין ווארשע.

ר ע נ י אַ ן

א מ ת נ ה

# הימן פון רויטן פרימאָרגן

זאָלן גלאָקן זיך צעקלינגען אין דער הויך און אין דער ברייט!
אין דער טיף פון בלויע תהומות זאָלן גלאָקן זיך צעקלינגען!
און אראָפּטאַנצן פון פעסער זאָלן רייפן יונג-צעזונגען
און צעפּלאַצן זאָלן פעסער, פולע פעסער רויטער פרייד!

זאָלן גלאָקן זיך צעקלינגען אין דער הויך און אין דער ברייט!
זאָלן וועלדער זיך צעזינגען — פולע מיילער יונגן גרוס!
זאָלן אויפפראַלן די קוואַלן אַלע טראַכטן פון דער ערד,
זאָלן דונערן צעשאַלן אַל די פרייד פון זייער ברוסט!

זאָלן וועלדער זיך צעזינגען רויט און בלוי און גרין:
אַל דאָס זילבער — ניי-געליטערט, אַל דאָס גאָלד — געלייטערט דין,
אַלע גלאָקן — ניי-צעקלונגען, אַלע קוואַלן — ניי-צעקוואַלט,
אַלע דונערן און בליצן — ניי-צעפּלאַקערט און צעשאַלט.

זאָלן גלאָקן זיך צעקלינגען אין דער הויך און אין דער ברייט!
זאָלן פעלדער זיך צעבליען נישט-געאַקערט, נישט-געזייט,
ווען פרימאָרגנס פריש-געבענטשטע גייען-אויף ווי שבת-ליכט
און ס'צעפּלאַקערט זיך אין פורפור דעם באַשעפערס יונג געזיכט!

אלחנן צייטלין

# איך וועל מיר אַרויס איבער זילבערנע גאַסן...

איך וועל מיר אַרויס איבער זילבערנע גאַסן צו זון און צו ברידער,
צו ברידער, וואָס שפּאַנען מיט ליכט איבער קאָפּ און מיט פלאַקער אין אויגן
און וועל מיך אַ וואַרף-טון אין אָרעמס פון גאַסן מיט דורשטיקע ליפּן,
צו נאַסישע ברוסטן אַ פאַל-טון און זויגן און זויגן.

איך וועל מיר אַרויס איבער זילבערנע גאַסן צו זון און צו ברידער,
וואָס ציען ווי פריידיקע כוואַליעס צו ווייטע און ליכטיקע ברעגן
און וועל מיך אַ וואַרף-טון אויף כוואַליקע רוקנס, וואָס וועלן מיך פירן
צום אויפגאַנג פון גאָלדענע זונען דורך לויטערע וועגן.

איך וועל מיר אַרויס איבער זילבערנע גאַסן צו זון און צו ברידער,
וואָס טרינקען די ווייסע פרימאָרגנס מיט מיילער ווי אָפענע ברונעמס
און וועל מיך אַ וואַרף-טון אויף העלדזער געשטרעקטע צו
בלענדיקער העלקייט:
„אַ ברודער, אַ נייער, אַ דורשטיקער, טרינקען געקומען!״

# מ י ן ז ו ן

אין צווייען גייען מיר,
מיר פריינד געטרייע,
אין צווייען זייען מיר
פרימאָרגנס נייע.

לבנות גאָלדענע
אין אויגן דיינע
שמייכלען ליכטיקע
ווי היינריך היינע.

אלחנן צייטלין

# אין זאקאפאנע

## I

ביים זייט פון וועג צעוואָרפן ליגן שטיבלעך,
פאַרטרויערטע, פאַרטראַכטע, ווי פאַרנאַכטיקע גוראַלעס,
און טיף־צעאַקערט איז דאָס פּנים פון די כאַטעס
מיט שוואַרצן אַקער פון דעם אַלטן דלות.

פון וויטן דוכט: עס דראַפּען זיך די כאַטקעס און זיי פּויזען
ווי ווערימלעך אויף קרומע פּלייצעס פונעם באַרג,
ווי קינדער קליינטשיקע, וואָס קריכן אויפן הויכן, שטילן טאַטן,
וואָס גלעט פאַרטראַכט די קעפּלעך זיי און שמייכלט קאַרג.

## II

ווייטער! ווייטער! העל און העלער,
ווייסער, ווייסער שטראָמט די פרייד.
שנייד דעם זילבער פון די וועגן,
זאַמל גאָלד פון זון געזייט!

אַלט דאָס בלוט קלאַפּט אין דיין אָדער,
אַלט און גרוי פליסט איצט דיין בלוט!
גיס־אַרויס און שעפּ־אָן נייע,
יונגע שטראָמען יונגן בלוט!

## לידער

הימל — אויבן, הימל — אונטן,
ערד פארשווינדט אונטער די פיס —
גרויער וואָרעם ווערט פארוואנדלט
אין גיגאַנטיש-בלויען ריז!

וואָלקן! וואָלקן! איבער וואָלקן,
איבער וואָלקן איז דיין פלי!
וועלטן, וועלטן נישט פון דאַנען,
איבער וועלטן פון נישט-הי!

נישט קיין בערג און נישט קיין טאָלן,
נישט קיין פעלדז און נישט קיין קוואל —
ס'איז געזאנג פון דער דערלייזונג,
לעצטער שופר ווען ער שאלט!

— — — — — — — — — — — —

ווייטער! ווייטער! העל און העלער,
ווייסער, ווייסער שטראָמט די פרייד,
שנייד דעם זילבער פון די וועגן,
זאמל גאָלד פון זון געזייט!

אלחנן צייטלין

# צו דער תימנער זינגערין ב. צ.

„האסט מיטגעבראכט מיט זיך פון שטאלצן מדבר,
פון קילע זאמדן אונטער שטילע טריט,
די בלויקייט פון א חלום, וואס פארשווונדן,
דעם אומעט און די שיינקייט פון א ליד.
„ווי פאלמען פריידיקע צעווארפן איבער וועגן
האסטו געווארפן שאטן אונדז און טרייסט;

. . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . .

דו האסט אנטפלעקט פאר אונדז דאס אויג פון בעדואינער:
אי ווילד, אי מילד, אי שרעקעוודיק, אי דרייסט...

ווי שטיל דיין שטים פארגייט זיך אין דער שטילקייט!
א ווייטער עכא פון א רוף פון מועדזין —
און ס׳דוכט: דו רופסט אונדז אין א לאנד אזוינעם,
וואס קיינער ווייס נאך נישט דעם וועג אהין.

„און ס׳דוכט: דו גלעטסט אונדז ווי א מאמע קינדער
און וויגסט אונדז אלע איין אין ווייטן שלאף
און ס׳נידערט רו אראפ אויף שרעקעדיקע ברעמען
ווי ס׳נידערט פון די בערג די בלויע שאף.

„און פלאַמיק-שוואַרצע אויגן דיינע צינדן זיך אַלץ שאַרפער—
שטורקאַצן פלאַקערדיק אין גרויסער, טיפער נאַכט —
און ס'פלייצט די ווייסקייט פון די פּערל-ציינער דיינע —
פון זון — די בלענדעניש, פון שרון-טאָל — די פּראַכט!

„קלינג-קלאַנג! קלינג-קלאַנג! — די זינגערין פון תימן! —
עס קלינגט דער קעמל-גלאָק פון וויטן קאַראַוואַן
און דו באַגלייטסט מיט ליד און פייער אין די אויגן
די גייער פון דער מדבר, זייער יעדן שפּאַן.

„. . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . .

„און אונדז פאַרפלאָכטענע אין שפּינוועבס פון די גאַסן,
פאַרשטיקט אין קאַלטע שטיינער פון דער גרויסער שטאָט —
האָסט אונדז אַזא געטראַנק געגעבן צו פאַרזוכן,
וואָס הייבט דעם מענטש אויף פליגלען אויף צו גאָט!"...

אלחנן צייטלין

# קינדהייט

אין הארטער ערד פון גרויע טעג
האָב איך געגראָבן זוכנדיק דאָס וואסער,
וואָס האָט אמאָל געוואשן יונגע וועסנעס אויף מיין ברעג.

איך האָב געטראָפן ס׳וואסער שטייענדיק און זומפּיק
און וועסנעס קוויטיק-בלינדע זיך ארומוואלגערן אויפן ברעג.
עס וואשט זיי קיינער נישט אין מיינע גרויע טעג.

# ג ר ו י ע ר ר ע ג ן

כ׳האָב ליב דעם גרויען רעגן,
דעם גרויען רעגן אויף אַלטע דעכער.
ס׳רייסט די בענקעניש צו וואָלקנס —
אויב נישט נאָך העכער.

ווי שטומע קינדער ווײנען צווייגן
אויף קאַלטע וועגן
און ס׳טרערט דאָס גוטע אויג
פון גרויען רעגן...

אלחנן צייטלין

# נאַכט אין דאָרף

צום ראַנד פון רויטן דאָרף האָט צוגעשלייכט אַ פרוי,
אַ הויכע און אַ שטילע ווי הויכער, שטילער שטיין,
זון שלייערן געהיימע, האַלב־שוואַרצע און האַלב-בלויע,
נעוואָרפן אויפן דאָרף וואָס טרינקט זיך אין פאַרגיין.

אַ כאַטע נאָך אַ כאַטע פאַרשליסט די אַלטע ברעמען.
אין שייער אויפן היי-געלעגער צאַפּלט שטיל אַ פויער:
מחשבות וועגן שטאָט-זונות לאָזט רו צו אויג נישט צו —
און שטילקייט רוישט אין דאָרף ווי פליגן אין אַן אויער.

# ב ײ נ אַ כ ט

עמיץ האָט פּאַמעלעך אָנגעקלאַפּט אין טיר.
— אַרײַן! װער איז? און אַזױ שפּעט?
— „אַ היימישער, געוואָלט מיט אייך וואָס רעדן. עפנט מיר!
איך האָב געעפנט. אויף דער שוועל
האָט זיך באַוויזן אַ פּאַרשוין,
האַלב-בלאָנד, האַלב געל,
דאָס פּנים בלייך, די ליפּן ווייס.
דערלאַנגט די האַנט מיר. בלייך די האַנט
און קאַלט ווי אייז.
— פון וואַנען קומט אַ ייד? איר האָט עפּעס געדאַרפט?
די אויגן די באַברילטע זיינע ציען זיך צוזאַמען
און קוקן אויף מיר שפּיציק-שאַרף.
— „געוואָלט מיט אייך וואָס רעדן. איר פאַרשטייט?...
עס האַנדלט זיך מכּוח דעם"...
און פּלוצלינג האָט ער אָפּגעהאַקט די רייד.
אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין פּנים אַ געלעכטער
און זיך צעלאַכט,
הויך און קלינגענדיק צעלאַכט זיך
און נישט געוואָלט אַראָפּ פון זיין געזיכט.
איך האָב זיך איינגעקוקט אין אים מיט כּעס און מיט שרעק
— אַ מאָדנער נפש — האָב איך שטיל ביי זיך געטראַכט —
אפשר גייט ער שוין אַמאָל אַוועק?
— נו, זאָגט אַמאָל שוין וואָס איר דאַרפט,

מיט וואָס קען איך איך אייך דינען?...
און דאַן האָב איך ביי זיך געטראַכט:
מסתמא, לא עלינו, נישט ביים קלאָרן זינען...
— „געוואָלט, פאַרשטייט איר מיך, מיט אייך וואָס רעדן,
איר פאַרשטייט?
און טאַקע אָט מכוח דעם..."
און פּלוצלינג האָט ער ווידער אָפּגעהאַקט די רייד.
אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין פּנים אַ געלעכטער
און זיך צעלאַכט,
הויך און קלינגענדיק צעלאַכט זיך
און נישט געוואָלט אַראָפּ פון זיין געזיכט.
איך ריים זיך האַסטיק אָפּ פון אָרט
און שריי מיט צאָרן:
— ר׳ ייד, איר רעדט אַמאָל אַ וואָרט?
אַנטלאָפן איז ס׳געלעכטער מיט אַמאָל אים פון געזיכט,
געבליבן איז אַ שטילער שמייכל בלויז:
— אַזוי, אַזוי, איר טרייבט גאָר געסט פון אייער הויז?
און מער קיין וואָרט נישט. הייבט זיך אויף,
דאָס פּנים בלייך, די ליפּן וויים,
דערלאַנגט די האַנט מיר. בלייך די האַנט
און קאַלט ווי אייז.
און לויפט אַרוים.

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

איך קוק מיך אום: כ׳בין אויף דער גאַס.
איך צי צוזאַמען די באַברילטע אויגן מיינע,
און מיינע האָר, האַלב-בלאָנד, האַלב-געל
רוישן אויפן ווינט.
דאָס פּנים בלייך, די ליפּן וויים.

## ל י ד ע ר

און מענטשן שלייכן דורך די טונקלע גאסן
ווי גרויע מייז.
און כ׳גיי און טראַכט:
ס׳איז גרינג די נאַכט,
און גוט וואָס ער האָט מיך פאַרטריבן פון זיין הויז —
דערשטיקט צו ווערן אין זיין הויז!
אָט-דאָ איז גוט. מיט נאַכט איז גוט.
איך לויף מיט נאַכט און שמייכל בלויז.

אלחנן צייטלין

# איך וועל נישט אַוועקגיין פון דאַנען...

איך וועל נישט אַוועקגיין פון דאַנען, איך וועל זיך פון אָרט נישט אַ ריר-טון
ביז כ'וועל נישט דערבליקן די פינגער, וואָס שטריקן די נעצן פון נאַכט.
ביז כ'וועל נישט דערזען יענע פינגער, וואָס וואַרפן אין נאַכטיקע ברונעמס
דערשראָקענע אויגן צו שרעקן די לבנה, וואָס הענגט אויף אַ האָר —
וועל איך נישט אַוועקגיין פון דאַנען, וועל איך זיך נישט רירן פון אָרט.

איך וועל נישט אַוועקגיין פון דאַנען, איך וועל זיך פון אָרט נישט אַ ריר-טון
ביז כ'וועל נישט דערבליקן די פעסער, וואָס גיסן דעם טונקעלן ווײַן
אין שיכורן מויל פון דער נאַכט, וואָס פאַרכליניעט זיך תאוודיק-שוימיק.
ביז כ'וועל נישט דערזען יענע פעסער, וואָס פּלאַצן פון נאַכטיקער פולקייט —
וועל איך נישט אַוועקגיין פון דאַנען, וועל איך זיך נישט רירן פון אָרט.

איך וועל נישט אַוועקגיין פון דאַנען, איך וועל זיך פון אָרט נישט אַ ריר-טון
ביז כ'וועל נישט דערבליקן די טיכער, וואָס ווישן די שויבן פון נאַכט
ביז ס'פאַרבלייבט אָט-די שרעקיקע בלויקייט און פאַרדרויטלט גייט-אויף אַ באַגינען.
ביז איך וועל נישט דערזען יענע שויבן, וואָס צעשפּרינגען מיט אומרו פון שאָף —
וועל איך נישט אַוועקגיין פון דאַנען, וועל איך זיך נישט רירן פון אָרט.

איך וועל נישט אַוועקגיין פון דאַנען, איך וועל זיך פון אָרט נישט אַ ריר-טון
ביז כ'וועל נישט דערבליקן די פינגער, וואָס שיילן די הויט פון דער נאַכט
ביז עס פאַלן אַראָפּ פון איר שטיקער ווי פינצטערע שמאַטעס פון בעטלער.
ביז איך וועל נישט דערזען יענע פינגער, וואָס וועבן דעם ליין פון פאַרטאָג —
וועל איך נישט אַוועקגיין פון דאַנען, וועל איך זיך נישט רירן פון אָרט.

# נאַכט אין ירושלים

די נאַכט האָט ווײַס באַגאָסן דײַנע שטיינער —
די זילבערנע האָר פֿון דײַן גרויען קאָפּ —
און ס׳גלעט דײַנע צעקנייטשטע באַקן אַ האַנט אַ געהיימע,
וואָס לאָזט זיך פֿון הרי־יהודה אַראָפּ.

איך טרעט אויף דײַנע שווערע, אומעטיקע שאָטנס,
וואָס וויקלען דיך אַרום ווי שמאַטעס אַ געפֿרוירן קינד,
ווען צווישן דײַנע פֿעלדזן וויינען עלנדע שאַקאַלן
ווי ס׳וויינט אויף טרויעריקע פֿעלדער אַ דערשראָקענער ווינט.

עס וועקן זיך אויף הר־הזיתים שרעקעדיק מצבֿות,
וואָס ליגן אויסגעשטרעקט ווי צו דער שחיטה שאָף.
דײַן נאַכט, דײַן העלע נאַכט, ירושלים,
פֿאַרטרײַבט פֿון זייער אַלטן אויג דעם פֿאַרמעטענעם שלאָף.

נעם מיך אַרום, דו פֿעלדז — ירושלים,
מיט אָרעמס פֿון דײַן בײַזער, שטאָלצער נאַכט נעם מיך אַרום!
עס ברומט דײַן שרעקיק־העלע שטילקייט אין די גאַסן
דעם אייביק צאָרנדיקן, לייבישן געברום!

אלחנן צייטלין

# משוגעים אויפן הר־הזיתים

זיי שליכן זיך שטיל־שאָטנדיק צווישן בלויע קברים
ווי מתים אויפגעוועקט צו תפילה אין דער נאַכט
און איבער זיי — משוגענע לבנה
מאַכט־אויף אַן אויג אַ געלס און לאַכט.

ווי שוואַרצע טיכער שפּרייטן זיי זיך אוים אויף שטיינער פון מצבות
און פאַלן צו צו קאַלטן שטיין מיט ליפּן טרוקענע און בלאַסע.
מיט לעצטן גסיסה־כאָרכל שטאַרבט אויף זייער טויט געזיכט
פון שטומען וואַנזין די פאַרגליווערטע גרימאַסע.

זיי העשען דאָרט פאַרשטיקט אַזוי און אַזוי פינצטער,
פאַרשטיקט און פינצטער ווי פון אונטער ווייטער, שוואַרצער ערד
און ס'מישט אַ גרויסע האַנט אַ בלינדן שמייכל
צוזאַמען מיטן העשען אוים אויף זייערע צעפּאַטלט־בלויע בערד.

אין טויבע קברים שרייען זיי אַריין ווי אין אַ טויבן אויער:
„שטייט־אויף, שטייט־אויף, געשלאָגן שוין די גרויסע שעה!
ער רייט, ער רייט אויף פייערדיקע דונערן און בליצן —
משיח שוין געקומען, משיח איז שוין דאָ!"

# א ל ו י ה

אין בלאָטיקן שניי טאָפּטשעט טרויעריק א פערד
מיט גרויסע, שטאַרע טרערן אין די אויגן
און שלעפּט א שוואַרצן קאַסטנדיקן יאָך —
צום שניי דעם לאַנגן קאָפּ געבויגן.

א בינטל מלוים, ווי א בינטל שוואַרצע שפּענער
טוליעט זיך צום קאַסטן שאָטנדיק-בלינד.
פון ווייטן דוכט: דאָס וויגט פּאַמעלעך
א בלוילעך וועלדל זיך אויף שוואַרצן ווינט.

פון ערגעץ-ווו רייסט-אָפּ זיך דין און שפּיציק א געוויין
און בלייבט ווי א נאָדל שטעקן אין קלעפּיק-פּייכטן לייב פון טאָג.
א הויכער ייד ווישט-אָפּ די שווערע מאַנסביל-טרער פון זיין קודלאַטער באָרד,
א יידענע מיט ווילדע אויגן פליקט שטיקער האָר ווי שוואַרצע
פּעדערן פון קאָפּ...

אלחנן צייטלין

# אין פינפהונדערט, אין טויזנט יאָר אַרום...

אין פינפהונדערט, אין טויזנט יאָר ארום —
וועל איך דאָ ווידער זיין.
אויף בלאַסע, בייזע ראָגן וועל איך ווידער אויסשטרעקן די הענט
און בעטלען מאַטע ברעקלעך אומעטיקן גליק.

אין פינפהונדערט, אין טויזנט יאָר ארום —
וועל איך דאָ ווידער זיין.
אויף פרעמדע, קאַלטע וועגן וועל איך ווידער אומבלאָנדזשען און זוכן
דעם טוי פון יונגע מאָרגנס, וואָס קומען נישט צוריק...

אין פינפהונדערט, אין טויזנט יאָר ארום —
וועל איך דאָ ווידער זיין.
פון אלטע הימלען וועלן ווידער פאלן גרויע שטערן ווי אַסיענדיקע בלעטער
צו מיינע טריט, די שטילע די מידע.

אין פינפהונדערט, אין טויזנט יאָר ארום —
וועל איך דאָ ווידער קומען,
דורך פאַרמעטענע ליפּן וועל איך ווידער אָפּגעהאקט און טעמפּ
ארויסוואַרפן פון קעל אן אַלטן, שטיקנדיקן וידוי...

אין פינפהונדערט, אין טויזנט יאָר ארום —
וועל איך דאָ ווידער קומען!

# זאָל זיין אזוי!...

זאָל זיין אזוי!
זאָל זיין פון מיינעטוועגן אָט-אזוי:
זאָל ווייטער ציטערדיקער ווינט מיט בלינדע פינגער
ארומנעמען מיין קאָפּ.
און זאָל ער ווייטער ווארעמען די פייכטע, קאַלטע הענט
אין מיינע הייסע, פלאַקערדיקע האָר.

זאָל זיין אזוי!
זאָל זיין פון מיינעטוועגן אָט-אזוי:
זאָל ווייטער גליווערדיקע זון די בלאַנקע שפּיזן אירע שטעכן
אין מיינע אויגן.
און זאָל זי ווייטער דאָרט צעגליען אירע קאַלטע שפּיזן
אין בלויען בראַנד פון מיינע אַפּלען!

נאָר איך אליין —
בלויז איך מיט מיינע הייסע, פלאַקערדיקע האָר
זאָל וואָגלען פרירנדיק, אַ נאַקעטער, אויף ווינט
פון מיינע הוילע יאָרן.
בלויז איך אליין מיט בלויען בראַנד אין מיינע אַפּלען
זאָל שטעקן גליווערדיק אויף קאַלטע שפּיזן פון דער זון!

# פון וואַנען קומט צו אונדז...

פון וואַנען קומט צו אונדז דער פלאַקער אין די אויגן,
אַז בסך-הכל זענען מיר דאָך אַלע בלינד,
אַז בסך-הכל פליסט דאָך סם אין אונדזער אָדער —
פון וואַנען קומט צו אונדז די מילדקייט פון אַ קינד?

פון וואַנען קומט צו אונדז די שטאָלצקייט פון די צעדערס,
אַז בסך-הכל זענען מיר הכנעהדיק און קליין,
אַז בסך-הכל רוישן מיר מיט פוסטקייט פון געפילדער —
פון וואַנען-זשע קומט שטילקייט פאַרט צו אונדז צו גיין?

פון וואַנען נעמען מיר די קלוגשאַפט פון די יאָרן,
אַז טעמפּ און נאַריש זענען אונדזערע געציילטע טעג?
אַז חושך הילט די שיף פון אונדזער לעבן —
פון וואַנען זעען מיר די ליכטיקייט פון ברעג?

פון וואַנען הערן מיר די טריט פון דער דערלייזונג,
אַז בסך-הכל זענען מיר דאָך אַלע טויב,
אַז גלויבן גלויבן מיר סך-הכל דאָך אין גאָרנישט
און דאָך שטייגט-אויף צום הימל אונדזער לויב!

# דלאָניעס

זיי רעדן גרוי־פאַרשטיקט צו מיר, ווי זקנים ווען ס׳גענענט פּאַרנאַכט
און קלאָגן זיך אויף שווערע, דריקנדיקע רעדער פון די יאָרן,
וואָס קוילערן פּאַמעלעך זיך און פינצטער איבער זייער לייב
און שניידן אים אַדורך קרום און זשאַווערדיק און טעמפּ.

און אָט־אַזוי שטייגט־אויף צו מיר דאָס וואָרט פון מידע דלאָניעס:
„מיר טראָגן יאָרן־שוין די געלע לאַסט פון פינצטערע מאָזאָליעס,
וואָס נייען אויף אונדז אויף ווי בערג פאַרוואָרפענע און קרומע.

„און יאָרן־שוין ווי ס׳קרייצן זיך די טויבע, אומבאַקאַנטע וועגן
אויף אונדזער סענקעדיקער פלאַך, וואָס שפּרייט זיך ווי אַן אויסגעהאַקטער וואַלד.

און מיר — מיר ווייסן נישט וווהין עס פירן אָט־די טויבע אומבאַקאַנטע וועגן,
וואָס ווערן ערגעץ־ווו פאַרלוירן אין אומרו פון די טעג.

„און זע:
מיר ליגן פאַר דיר אָפענע ווי פּוסטע פעלדער אונטער שווערע הימלען
און זעען בלויז דורך נעפּלען שוין די יונגע טעג
ווען טויזיק האָבן שפּראָצונגען צעבליט זיך.

„מיר האָבן נישט געזאָגט,
אַז סענקעדיק וועט ווערן אונדזער פלאַך
און איצט וועלן מיר ליגן טעמפּ און אַלט.
ווי פעלדער אין אַן אומגערעטעניש".

אלחנן צייטלין

# מיינע אויגן

ווי קומען זיי צו מיר — אַט-די משוגענע שטורקאַצן,
וואָס פלייצן זיי מיט פרייד אַזוי ווען בלייך גייט-אויף מיין אומעט?
ווער הילט עס איין אין שלייערן די ווייסקייט פון די פייערן,
ווען ס'פלייצט אין מיר אַ ליכט אַזאַ, ווען ליכט אין מיר גייט-אויף?

ווי קומען זיי צו מיר — אַט-די צעדולטע ימען,
אַט ווערן זיי צעשטורעמט און אַט ליגן זיי געבענדיקט —
ווי קומען זיי צו שטורעמען, ווען כ'גלויב ס'איז אַלץ געענדיקט,
ווי קומט צו זיי אַ רו אַזאַ, ווען בלוט אין מיר ווערט — שטורעם?

## אַ בעטלער וויל איך זיין ביי טויערן פון שטאָט

אַ בעטלער וויל איך זיין ביי טויערן פון שטאָט —
ווען זון קומט-אָן באַלאָדן ווי אַ יונגע פויערטע מיט פולע קוישן גאָלד.
דער ערשטער וויל איך אויסשטרעקן צו איר די בלייכע האַנט:
— אַ נייטיקע נדבה שענק אַ בעטלער ביי די טויערן פון שטאָט!

אַ בעטלער וויל איך זיין ביי טויערן פון שטאָט
ווען זון אַנטלויפט מיט לעצטע קופּערנע מטבעות שוין אין האַנט:
— פאַרטיילט, פאַרטיילט, שוין אַלץ, מיין טייערער, פאַרטיילט!
— אַ קופּערנע מטבע נאָך, אַ נייטיקע נדבה שענק אַ בעטלער
ביי די טויערן פון שטאָט!

אַ בעטלער וויל איך זיין ביי טויערן פון שטאָט
און זאַמלען גאָלד-שטיקלעך און קופּערנע מטבעות
און ברייט פאַרטיילן עס צווישן מיינע טעג און נעכט
וואָס וואַרטן טעמפּ און הונגעריק אויף מיר אין שטוב.

אַ בעטלער וויל איך זיין ביי טויערן פון שטאָט
און זאַמלען גאָלד-שטיקלעך און קופּערנע מטבעות.
און אַז כ'וועל שטאַרבן זאָל מען נאָכזאָגן אַ שבח:
אָט אים איז גוט געווען, — געווען אַ בעטלער ביי די טויערן פון שטאָט!

אלחנן צייטלין

# טויט

און שוין האָבן זיך הענט געוויזן פינצטערע און לאַנגע
נאָך איידער כ׳האָב באַוויזן אויסשטרעקן די הענט
און קלייבן כאָטש אַ ביסל פונעם בלויען שטויב, וואָס ליגט אויף ווענט
פון באַגינענס —
און שוין האָבן זיך הענט געוויזן פינצטערע און לאַנגע
צו רויבן מיר דעם שטויב, וואָס כ׳האָב אים נישט געקליבן.

און שוין האָבן זיך שלייערן געוויזן גרויסע און געהיימע
נאָך איידער כ׳האָב באַוויזן אויפשליסן אַ ברעם
און זען אָט־יענע הענט די פינצטערע און לאַנגע —
און שוין האָבן זיך שלייערן געוויזן גרויסע און געהיימע
צו פאַרדעקן מיר די ברעם, וואָס כ׳האָב זי נישט געעפנט.

# אלחנן

## (נאָכוואָרט)

### פון אהרן צייטלין

זיי שטאַרק, מיין האַנט, ציטער נישט!
מ׳הייסט דיר שרייבן.
מענטשן זאָגן: א מצבה שטעל — א מצבה פון ווערטער.
ניין, איך האָב נישט די ווערטער...
אָבער — כ׳וועל פּרווּון.

* * *

הויך - וווּקסיק, ברייט - פּלייציק, מיט א טשופּרינע קאַשטאַן - האָר, און אויף די בלויע מילדע קורצזיכטיקע אויגן — אמאָל פּענסנע, אמאָל האָרן - ברילן.

ענערגישער טראָט. דער בליק פון הינטער די ברילן — גוטמוטיק, אָבער שאַרף, דורכנעמענדיק, לעבנס - קלוג.

דאָ נישט לאַנג גערעדט וועגן אים מיט בערטאַ גערסטין.

כ׳האָב קיינמאָל, — זאָגט זי, — נישט געזען אזעלכע הענט ווי ביי אלחננען. איר געדענקט זיינע הענט?..

* * *

פון קינדוווייז אָן — א זינגענדיקער.

דער קליינער פּלעגט אויסזינגען אַלע אַריעס פון אָפּערעס, אַלע־

פאָלקס - לידער, וואָס ער האָט געקענט, אַלע חסידישע ניגונים, וואָס ער האָט געהערט. אָן געזאַנג איז ער נישט געגאַנגען צום טיש עסן.

און אָט — אַ פּריוואַטע גימנאַזיסטל, קאָרפּולענט, זשוואַווע, פול מיט אימפעט, מיט לעבנס - דאָרשט, מיט עפּעס אַ גרויסן אומאויפהערלעכן נייגיר. אין דער „פּולער באַוואָפנונג״ פון אַ גימנאַזיע - שילער אין די צאַרישע צייטן, מיטן לעדערנעם פּאַס, די בלאַנקע קנעפּ, דער געפּאַסטער טוזשורקע — אין אָט דער „באַוואָפנונג״ זינגט ער הארציק באַטעמט אַ יידיש לידל.

זינגענדיק, ענדיקט ער גימנאַזיע, זינגענדיק נעמט ער זיך צו דעם פּעדער. נײַן, צו דער פּעדער האָט ער זיך פריער נאָך גענומען, אַ סך פריער. כ׳געדענק זיינע געגראַמטע פּאַראָדיעס — שאַרפזיניק, דרייסט, גוטע שפּראַך, פיינע ווערסיפיקאַציע.

דאָס יאָר 1921. מיר לאָזן זיך אַרויס קיין ארץ - ישראל. אַ נסיעה — אַן עפּאָפּעע אַ גאַנצע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דערמיט, וואָס דער עסטרייכישער קאָנסול האָט נישט געוואָלט געבן קיין וויזע. פאַרוואָס? איז די מעשה אַזוי. ווי געבוירענע אין רוסלאַנד (אַלחנן איז געבוירן געוואָרן אין ראַהאַטשאָוו, וויים - רוסלאַנד, אין יאָר 1902) האָבן מיר — בעתן אַרויספאָר — געהאַט פאַפירן פון סאָוויינקאָום קאָמיטעט אין וואַרשע. כאָטש די חתימה איז געווען סאָוויינקאָום, איז ביים עסטרייכישן קאָנסול אויסגעקומען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט העכסט - געפערלעכע „רוסן״, וואָס געבן זיי אַ טראַנזיט - וויזע קיין ווין קען נאָך, חלילה, פירן צו אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּליקאַציעס...

דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן זיך אין פּרעסבורג געלאָזט פאַרדרייען דעם קאָפּ פון אַ גרענעץ - שמוגלער, וואָס האָט אונז דריי מאָל נאָכאַנאַנד געפירט קיין ווין און איטלעך מאָל האָט זיך „געמאַכט״ אַזוי, אַז מען האָט אונז געכאַפּט און צוריקגעשיקט. אַ ייד אַ קרימינאַלניק געווען, אין ממזרישע שטיוועלעך, מיט אַ שאַרף פויגלש פּנימל. אויף להכעיס האָט ער געהייסן גאָטעסדענקער... פלעגט ער ביי אונז צונעמען דאָס געלט און דערנאָך, אַז ס׳האָט שוין געהאַלטן אויף אַ דרך, פלעגט ער אַליין אונז פאַרמסרן; אַפּנים, כדי ווידער צו קריגן געלט.

האָבן מיר, אין זיין „זכות", דורכגעוואַנדערט צו-פוס שטיקער פון דעם בעמער-וואַלד, געזעסן — אַלס געכאַפּטע „וואַגאַבונדן" — אין פּרעס-בורגער תּפיסה און אויף גרענעץ-סטאַנציעס, און איטלעך מאָל זיך אומ-געקערט צום קאָפּע קעניג, ווו גאַטעסדענקער האָט געהאַט זיין רעזידענץ...

איך געדענק נאָך פּרעסבורגער געטאָ-געסלעך, אויפן שלאָס-באַרג אויבן די ישיבה, דעם דונאַי אונטן, און דעם פּאַרק ביים דונאַי, ווו מיר זענען געזעסן און געחלומט וועגן ארץ-ישׂראל — צוויי יונגע בעלי-חלומות, איך — עטלעכע און צוואַנציק, אלחנן — ניינצן.

בעתן דריטן שמוגל בין איך מיט נסים אַרויס אַ לעבעדיקער. לויטן פּלאַן האָבן מיר געדאַרפט אַרויסשפּרינגען פון אַ צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין ווין, אין יענעם מאָמענט, ווען דער צוג וועט, נישט ווייט פון אַ סטאַנ-ציע, אָנהויבן גיין לאַנגזאַמער. אלחנן איז אַראָפּגעשפּרונגען גוט; איך, שלימזל, בין אַרויפגעפאַלן אויף אַ הויכער קופּע שטיינער. אַ סימן פון יענעם אַרונטערפאַל אויף דער קופּע שפּיציקע שטיינער האָב איך נאָך ביז איצט, פינף און צוואַנציק יאָר נאָכדעם, ווי דער דאָקטאָר פון דער סטאַנ-ציע, אַ לאַנגער בייזער גוי, האָט מיר פאַרנייט די וווּנדן פון פּנים.

שוין נאָכדעם ווי די טשעכן האָבן אויף אונזערע פּאַפּירען אָנגעשריבן: „פאַרלאָזן טשעכאָסלאָוואַקיע אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה", זענען מיר חדשים געזעסן אין דער הויפּט-שטאָט, אין פּראַג, צעריסן אונזערע פּאַפּירן און געוואַרט אויף אַן ענגלישן „לעסע פּאַסע".

מיר האָבן זיך סוף-כּל-סוף דערוואַרט (נאָך לאַנגע השתדלותן מצד דעם פּראַגער ארץ-ישׂראל-אַמט), דורכגעשניטן די באַלקאַנען, אַריינגע-פאָרן קיין טריעסט און זיך, למזל, איינגעשיפט.

אָפּגעוווּען אין ארץ-ישׂראל אַ קנאַפּ יאָר. געלעבט, דער עיקר, אין זכרון-יעקב, יענער וווּנדער-שיינער קאָלאָניע פון בעסאַראַבער ייִדן, יע-נער שטאָלצער ראָטשילד-מושבה, ווו עס זענען נאָך פריש געווען די זכרונות וועגן אהרן און שׂרה אהרנסאָן, די העלדן פון „נילי".

די קאָלאָניע האָט אַ גרויסע, ליכטיקע, געראַומע שול פאַר די קינ-דער (זי האָט דערנסטמאָל, אויב איך געדענק ריכטיק, געהערט צו דער יק"א) — ווערט אלחנן דער שול-סעקרעטאַר. מיר וווינען אין איין הויז מיטן

דירעקטאָר פון דער שול, דעם באוווסטן העברעאישן דערציילער צ. ז. וויינ-בערג, אלחננס געוועזענעם לערער פון דער גימנאזיע.

א גרוים הויז מיט אַ גאָרטן אַרום. אַז דו גייסט איבערן גאָרטן, קוקט אויף דיר פון קעגנאיבער דער ים - הגדול, אָבער פּרווו, אדרבא, „צוגיין" — וועט עס געדויערן אַ גוטע צוויי שעה (אויב דו קענסט דעם וועג).

אלחנן אַרבעט אין דער שול, שרייבט צוביסלעך — און זינגט. ווי שיין ביסטו, לאַנד פון גאָט! ווי גוט עס זינגט זיך אין דיר!

איך וועל עס מאַכן בקיצור — —

ווען מיר זענען געזעסן אויף דער שיף, וואָס האָט אונז געפירט צ ו ר י ק, האָבן מיר חרטה באַקומען...

פון ביירוט אָן האָבן מיר אָנגעהויבן בענקען נאָך ארץ - ישראל, און אַזוי שוין געבליבן ביים בענקען.

שפּעטער, אין פּוילן, ווען אלחנן איז געוואָרן אַ פאַלקיסט, האָט ער פּאַרטייאיש געפּרווווט ראַציאָנאַליזירן זיין אַוועקפאָר. ער האָט אפילו פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור, וואָס אין רייפערע יאָרן האָט ער באַדויערט איר אינהאַלט.

געפאָרן דורך ביירוט, אָנגעקומען קיין מאַרסייל, געבליבן אַ צייט אין פּאַריז, באַזוכט בעלגיע, געווען אין דייטשלאַנד. נאָך אַ ספּעציעלער דער-לויבעניש (ווייל קיין פּוילישע בירגער זענען מיר נאָך נישט געווען) צוריק-געקומען קיין וואַרשע גאַנצע „גלאָובטראָטערס", פאַלגע „וועלט - מענטשן". אפשר נישט? אויף אַ סטאַנציע אין אונגאַרן (סאָב) האָבן אונז זשאַנדאַר-מען געהאַט אויסגעטאָן נאַקעט, געזוכט שדים - ווייסן - וואָס (אַלץ צוליב אונזערע „רוסישע" פּאַפּירן); פון אַ צוג זענען מיר געשפּרונגען; דורכן בעמער - וואַלד האָבן מיר זיך געשלעפּט; גרענעץ-וואַכן האָבן אונז אַנט-דעקט און צוגעשטעלט ביקסן צו די שלייפן. ווער איז געזעסן מיט וואַגאַ-בונדן אין פּרעסבורגער תפיסה — נאָך אַ דורכגעפאַלענעם שמוגל? מיר. ווער האָט געגעבטיקט אין סלאָוואַקישע גרענעץ - דערפלעך, אין אַ שטאַל וכדומה? מיר. ווער איז געווען אין קאַפּע קעניג, דער מלוכה פון דעם שמוגלער מיטן פאַסקודנעם פויגלשן פּנימל און דעם הויך - טעאָלאָגישן פּאַ-



טאליא (לאה) פערלמוטער - צייטלין

אהרן צייטלינס פרוי.

מיליע - נאָמען גאָמעסדרענקער? מיר. און אזוי ווייטער און ווייטער און ווייטער...

* * *

אלחנן שטודירט מעדיצין אין װאַרשע. ער זינגט נאָך, אָבער ווייניק: נישטאָ קיין צייט. ער אַרבעט אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אין „אוקראַאינער קאָמיטעט" באַקענט ער זיך מיט זיין צוקינפטיקער פרוי, דער שיינער, שלאַנקער, עלעגאַנטער רעניא. ער איז אין יענע יאָרן דער יונגער אַדיוטאַנט פון נח פּרילוצקי, איינער פון די אַקטיווסטע יונגע טוער פון דער פאָלקס-פּאַרטיי. ער איז גרינדער און פּאָרזיצער פון אַ פאָלקיסטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ. צוערשט אַ פּאַרטיי - רעדנער, אַ מיטינג - רעדנער, ווערט ער דערנאָך, מיט די יאָרן, אַן אויסגעצייכנטער רייד - מייסטער.

ספּאָראַדיש טוט ער זשורנאַליסטישע אַרבעט אין טאָג - צייטונגען און מער - ווייניקער רעגלמעסיק פּאַרעפנטלעכט ער אַרבעטן אין „דאָס פאָלק", אין דעם „וואַנדערער" (וואָס ער העלפט רעדאַקטירן), אין גראַפמאַנס „טרי-בונע", אין זיין „אילוסטרירטער וואָך" און אַנדערע אויסגאַבן.

מיר חלומען וועגן אַן אייגענער טריבונע. מיר גיבן אַרויס דעם ערשטן (און איינציקן) נומער פון אַ וואָכנבלאַט, וואָס רופט זיך: „דאָס גרינע בלאַט" (דער טיטל — אין גרינעם קאָליר). מיר פילן אַליין אויס דעם נומער. שפּע-טער פאַרבינדן מיר זיך מיט אברהם לעווינסאָן (שפּעטערדיקער סיים - דע-פּוטאַט, איצט אַ באַקאַנטער שרייבער אין ארץ - ישראל), אַדוואָקאַט יעקב באַרנשטיין, אפרים קאַגאַנאָווסקי, — און מיר גיבן אַרויס („גאַנצע" דריי חדשים) אַ טאָג - בלאַט: „וואַרשעווער צייטונג".

אלחנן ווערט איינער פון די בעסטע פאַך - זשורנאַליסטן אין וואַרשע. אין 1926 גרינדעט אַ גרופּע וואַרשעווער זשורנאַליסטן אַ נייע יידישע טאָג-צייטונג. אלחנן געהערט צו די „ראָשי - המדברים" פון דער גרופּע. אַ קורצע צייט הייסט דאָס בלאַט „וואַרשעווער עקספּרעס" דערנאָך — „אונזער עקס-פּרעס". דרייצן יאָר (פון 1926 ביז צום צווייטן וועלט־קריג) דערשיינט די צייטונג און אלחנן איז, — צוזאַמען מיט לאַזאַר קאַהאַן ע"ה, צוזאַמען מיט נאָך זשורנאַליסטן, עלטערע, יינגערע און יונגע — איר „רוח - החיה",

איינער פון די אַקטיווסטע, פון די אויפטועריששטע, פון די געלייענטסטע. ער שטעלט איין דעם אַלגעמיינעם סטיל פון דער נייער צייטונג: פאָלקס-טימלעך - אידיאָמאַטיש, וואַרשעוועריש, אָן דעם „קאַזיאָנעם" לשון פון די שווין עטאַבלירטע טאָג - בלעטער, מיט הומאָר און פשוטע כראָניק - נאָטיצן... די צייטונג האָדעוועט־אויף איר אייגענעם לעזער. זי איז יונג, זי איז וואָס מען רופט סענסאַציאָנעל, און אין דער זעלבער צייט — מיט אַ שטאַרקער נטיה צו ליטעראַטור און טעאַטער, תמיד אויף דער וואך פון דעם יידישן קולטור-לעבן און פון די יידישע קולטור - אינטערעסן. מ׳קען דאָרט זאָגן — און מ׳זאָגט — אַזעלכע זאַכן, וואָס די אַנדערע צייטונגען מאַכן וועגן זיי אַ שוויג. די קאָנקורענץ „פאַרוויגט" עס פאַר אַ בולוואַר-צייטונג, פאַר פראָפעסיאָנעלע פיינשמעקער איז עס אַ „גאַסן - בלעטל", אָבער צווישן די שטענדיקע מיטאַרבעטער אירע ציילט די צייטונג אין משך פון יאָרן אַזעלכע ראַפינירטע וואָרט - קינסטלער ווי אפרים קאַגאַנאָווסקי. עס דרוקן זיך דאָרט רעגולמעסיק פאַרשטייער פון ליטעראַרישן נאָכוווקס. עס הויבט אָן צו לייענען דאָס „בלעטל", וואָס זידט מיט יונגשאַפט, אויך דער אינטעליגענט, נישט נאָר יענע פאָלקס-יידן, וואָס דער „עקספרעס" לערנט זיי ערשט אויס די „חכמה" פון לייענען אַ בלאַט.

אלחננס דרייצן יאָר אַרבעט אין „אונזער עקספרעס" זענען נישט בלויז גוטע זשורנאַליסטישע פאַכמענישקייט. ס׳איז קולטור-אַרבעט: דינאַמישע טעמפּעראַמענטפולע פּובליציסטיק, וואָס האָט רעאַגירט שאַרף און קלאָר אויף די לעצטע דרייצן יאָר יידיש לעבן אין פּוילן, קאָנסטרוקטיווע טעאַטער - קריטיק (דעם יידישן טעאַטער האָט ער זיין לעבן אַוועקגעגעבן), און פון צייט צו צייט ליטעראַטור - קריטיק, אָפּרוף אויף אַ בוך, אָפּשאַצונג פון אַ שרייבער, — און אַלץ מיט ברען, מיט באַציאונג, מיט אימפּעט, מיט אַלע חושים.

אין מיטן קאָך פון זשורנאַליסטישער אַרבעט גיט אלחנן אַרויס אַ חוץ זיין בילד - רייכן, שטימונג - רייכן, „ביכעלע לידער" (1931), אויך דעם ערשטן באַנד פון זיין „אין אַ ליטעראַרישער שטוב". אין 1939, אין ערך אַ האַלב יאָר פאַרן צווייטן וועלט - קריג, גיט ער אַרויס זיין „בוך און בינע", אַ זאַמלונג עסייען איבער יידישע שרייבער און בינע - קינסטלער.



צבי-דוב (הירש-בערעלע) צייטלין

אהרן צייטלינס בן-יחיד.

ער באַטייליקט זיך מיט אַ לענגערער ליטעראַריש - פּאָלעמישער אַרבעט אין חודש - זשורנאַל „גלאָבוס" („די קונסט פון נישט קענען"); ער באַטייליקט זיך אין די „ליטעראַרישע בלעטער" און אין פאַרשידענע אַנדערע אויס-גאַבן, — און איז, אַחוץ אַלעמען, אַן אַקטיווער טוער, וואָס שטייט תמיד אין דער סאַמע מיט פון אַקטועלע געזעלשאַפטלעכע ענינים. אגב, פאַרן קריג ווערט ער סעקרעטאַר פון וואַרשעווער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן-פאַראיין (דער פאַראיין איז שוין דענסטמאָל נישט אויף טלאָמאַצקע, נאָר אויף גראַניטשנע).

די יאָרן גייען — און איבער פּוילן, איבער דער וועלט, הויערט דער שאָטן פון דעם נאָענטען, אַלץ נענטערן געשיכטלעכן שטורעם. אלחננס טראַט איז אַלץ נאָך זיכער, אָבער די אויגן זענען אומעטיק, די טשופּרינע האָט פאַרלאָרן איר יונגע אַרויסרופערישע דרייסטקייט. עס פּייניקט אַ צו-קער - קראַנקהייט. דאָס „ביכעלע לידער" לאָזט זיך אויס מיט אַ ליד זייער אַן אומהיימלעכס, זייער אַ טרויעריקס. „טויט" הייסט דאָס ליד.

וואָס וועט זיין מיט די קינדער, אַזעלכע טייערע האַרציקע קינדער? וואָס וועט זיין מיט דעם עלטערן, מיט דודן, וואָס איז פון קינדערווייז - אויף אַ מאָלער, און מאָלט אַלץ שענער, אַלץ רייפער? (האַרט פאַרן קריג האָט דער יונגעטשקער דוד אויסגעשטעלט אַרום צוואַנציק בילדער, — פּאָר-טרעט, לאַנדשאַפט, גראַפיק). און וואָס וועט זיין מיט דעם קליינעם לוסטיקן אַדאַש? וואָס וועט בכלל זיין? וווהין גייט דאָס אַלץ? וווהין?...

— געדענקסט, אלחנן? האָסט אַזוי ליב געהאַט צו זינגען...

ניין, עס זינגט זיך נישט מער.

*
* *

דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ אויף יאָרן, קאַשמאַריקע יאָרן.

פון פעברואַר 1939 בין איך אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. און ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף — — —

ניין, שרייב נישט מער, נאַרישע האַנט, שרייב נישט. גענוג.

אָבער מיין האַנט שרייבט ווייטער. זי שרייבט:

מוטער מיינע, אסתר פון הויז קונין, געטרייע טויב, שטילע צדיקת, — זיי זאָגן, אַז דיין סוף איז געווען טרעבלינקע. צוזאַמען מיט דיין איי-

דעם, רבקהלעס מאַן, נחום האַכערמאַן, און צוזאַמען מיט דעם קליינעם אברהמלע, רבקהלעס בן-יחיד, האָבן דיך די טמאים קיין טרעבלינקע אוועקגענומען.

פאַטער מיינער, הלל בר׳ אהרן-אליעזר, גרויסער הייליקער ייד, זוהר-ייד, זעער און וואָרענער, רכב ישראל ופרשיו!

פון דאָרט, ווו דו ביסט, קוק אַראָפּ אויף דיין זון, דעם איינציקן, דעם לעצטן פון דיין הויז.

פרוי מיינע, מאַליא פון הויז פערלמוטער, מלאך פון שיינקייט און ליבשאַפט! ווען דורות אויף דורות זאָל איך ליגן אין די טיפסטע אָפּגרונטן פון טויט און פון ערגעץ זאָל זיך פּלוצלינג דערטראָגן צו מיר דיין שטים, — וואָלט דער קלאַנג אליין פון דיין קול מיך פון די תהומות אַרויסגעצויגן און מיך צו דיר געבראַכט, איינציקע!

בן-יחיד מיינער צבי-דוב, זוניקער זון מיינער, קעניגלעך שיין ווי די מאַמע, מיט אַזעלכע שפּילעוודיקע שפּיגלדיקע אויגן, מיט הענט אייביק גרייט צו צייכענען און צו מאָלן, קליינער גאָלדענער שטיפער, — די פרייד פון דיינע קינדער-יאָרן האָבן געטאָ און הונגער פאַרחושכט, געטאָ און יידן-אומגליק, און דיך, מיין קינד, מיט דער מאַמען דיינער האָט מען אין זומער 1943 אין מאַידאַנעק געזען — —

און די האַנט שרייבט נאָך אַלץ.

אלחנן, דיר איז בעסער, ביסט צוזאַמען מיט זיי אַלעמען: מיט דיין רעניאַן, מיט דיין דודן, מיט דיין אדאַשן.

דיר איז בעסער. ביסט מיט רבקהלען, מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען.

ביסט מיט די הייליקע נשמות פון דיין פאָלק. ביסט מיט דיין פאָלק, אלחנן.

און איך, אלחנן, איך דריי מיך נאָך אַלץ אַרום דאָ אונטן און מאַך ווערטער.....

ניו-יאָרק, 26 אויגוסט, 1946.

# אינהאַלט:


**פאָרוואָרט** פון ש. ניגער — — — — — — — — — — — — V

**אלחנן צייטלין און זיין סביבה** פון מאַרק טורקאוו — — — XIII

**אין א ליטעראַרישער שטוב**

פון דעם מחבר — — — — — — — — — — — — — 33

1. אונטערן קאשטאן-בוים — — — — — — — — — — — 35
2. דאָס ליטעראַרישע הויז — — — — — — — — — — — 45
3. דורך פארטאָגיקע שויבן — — — — — — — — — — — 58
4. שרייבער זינגען — — — — — — — — — — — — 69
5. פוקד עוון אבות על בנים — — — — — — — — — — 80
6. פורים-סעודות — — — — — — — — — — — — — 93
7. ביאַליק — — — — — — — — — — — — — — 107
8. זומער-לעב — — — — — — — — — — — — — — 113
9. יוזעפאָוו — — — — — — — — — — — — — 130
10. חברה „זולל וסובא" — — — — — — — — — — — 142
11. מיט ספעקטארן — — — — — — — — — — — — 149
12. שלום ושלוה — — — — — — — — — — — — — 162
13. ערב דער בראַנד — — — — — — — — — — — — 184

**לידער**

הימן פון רויטן פרימאָרגן — — — — — — — — — — 195

איך וועל מיר ארויס איבער זילבערנע גאסן — — — — — — 196

מיין זון — — — — — — — — — — — — — — — 197

אין זאַקאָפּאַנע — — — — — — — — — — — — — 198

צו דער תימנער זינגערן ב. צ. — — — — — — — — — 200

קינדהייט — — — — — — — — — — — — — — — — 202
גרויער רעגן — — — — — — — — — — — — — — — 203
נאכט אין דאָרף — — — — — — — — — — — — — — 204
ביינאכט — — — — — — — — — — — — — — — — 205
איך וועל נישט אוועקגיין פון דאנען — — — — — — — — 208
נאכט אין ירושלים — — — — — — — — — — — — — 209
משוגעים אויפן הר־הזיתים — — — — — — — — — — 210
א לויה — — — — — — — — — — — — — — — — 211
אין פינפהונדערט, אין טויזנט יאָר ארום — — — — — — 212
זאָל זיין אזוי!... — — — — — — — — — — — — — 213
פון וואנען קומט צו אונז — — — — — — — — — — — 214
דלאָניעם — — — — — — — — — — — — — — — — 215
מיינע אויגן — — — — — — — — — — — — — — — 216
א בעטלער וויל איך זיין ביי טויערן פון שטאָט — — — — — 217
טויט — — — — — — — — — — — — — — — — — 218
נאָכוואָרט פון אהרן צייטלין — — — — — — — — — — 221

# דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

יעקב באַטאַשאַנסקי שרייבט א. נ. «ישראל טאבאקסבלאט „חורבן לאָדזש" — אַ דאָקומענטאַל ווערק» („די פּרעסע", בוענאָס-איירעס, דעם 28-סטן אויגוסט 1946):

דאָס פינפטע בוך פון דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" הייסט חורבן לאָדזש" (6 יאָר נאַצי גיהנום) און דער מחבר דערפון איז ישראל טאַבאַקסבלאַט. אין דעם וואָרט פון פאַרלאַגס רעדאַקציע „צו די לייענער" דערוויסן מיר זיך, אַז דער מחבר איז אַ לאָדזשער ייד, ער איז געבוירן געוואָרן אין יידישן מאַנטשעסטער אין יאָר 1891 און ער האָט מיט זיינע אויגן געזען דעם אויפוווקס פון דעם גרויסן אינדוסטריעלן און קולטורעלן צענטער און אים איז באַשערט געווען צו זען די צעשטערונג פון לאָדזשער יידישן ישוב. ער האָט געענדיקט אַ מיטלשול און ער איז געוואָרן אַ טעקסטיל אַרבעטער און ער איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ טעקסטיל מייסטער און ער איז געווען דער איינציקער יידישער מייסטער אין אַ גרויסער פּליוש וועבעריי. טאַבאַקסבלאַט איז זייט שטענדיק אָן געווען נאָענט צו די פּועלי ציון. ער האָט געלעבט אין לאָדזשער געטאָ איינאיינעם מיט זיין פאַמיליע און דערנאָך איז ער פאַרשיקט געוואָרן קיין אָשוויענטשים און פון דאָרט אין אַנדערע לאַגערן. ער האָט פאַרלוירן אין קרעמאַטאָריע זיין פרוי פעלא און זיינע צוויי זין באָלעק-בער און אָלעש אַלעקסאַנדער. (דאָס בוך איז געהייליקט זייער אָנדענק). ער איז באַפרייט געוואָרן פון די אַליאירטע אַרמייען דעם 10-טן מאי 1945 און ער האָט געמוזט אוועק אויף אַ געוויסער צייט אויף קוראַציע אין די שפּיטעלער. ר'האָט זיך אומגעקערט קיין לאָדזש אַ קראַנקער און אַ צעבראָכענער און ער איז דאָרט געוואָרן מיטאַרבעטער פון „דאָס נייע לעבן". פאַר דעם קריג האָט זיך טאַבאַקסבלאַט אויך אָפּגעגעבן פון צייט צו צייט מיט זשורנאַליסטישער אַרבעט אויף יידיש און פּויליש.

די רעדאַקציע פון פאַרלאַג איז זייער גערעכט אין איר באַהויפּטונג, אַז די באַדייטונג פון טאַבאַקסבלאַטס אַרבעט באַשטייט אין דעם, וואָס דער מחבר האָט זיך נישט באַגרענעצט נאָר צו דערציילן זיינע איבערלעבונגען אין לאָדזשער געטאָ, נאָר ער האָט געשילדערט אַלעמענס איבערלעבונגען און ער האָט איבערגעגעבן אַלע געשעענישן

אין אָט דער געטאָ פאר די זעקס
יאָר נאָצי גיהנום און זיי אנאלי־
זירט.

ישראל טאבאקסבלאט איז בא-
שיידן אין זיין „אָנשטאָט אַ הקד־
מה" און ער זאָגט, אז זיין בוך
האָט נישט קיין פּרעטענזיעס צו
זיין אלזייטיק און אויסשעפּנדיק,
דאָך פילן מיר, איבערלייענדיק
דאָס דאָזיקע ווערק, אז מיר האָבן
זיך דערוווּסט כמעט אלץ, וואָס
מיר דארפן וויסן וועגן לאָדזשער
געטאָ; מיר האָבן שוין דאָ דעם סאַ־
מע עיקר פון דער געשיכטע פון
לאָדזשער געטאָ און מיר קוקן אַ-
רויס מיט טויזנט פארוויינטע אוי-
גן אויף אן ענלעך בוך וועגן ווארר-
שעווער געטאָ.

פאראן שטעלן אין בוך, וואָס
זייענען מאָנומענטאל מיט זייער
פּשוטקייט. פאַר אונז איז געווען אַ
רעטעניש די באציאונג פון די מער-
כטע פּאָליאקן צו די יידן בעת די
זעקס נאצי יאָר, אָבער טאבאקס-
בלאט האָט דאָס דאָזיקע רעטעניש
אונדז געלייזט. ער דערציילט, אז
בעת דער בהלה לויפעניש האָבן די
פּאָליאקן אַרויסגעוויזן אומגעהויע-
רע הארציקייט און נשמהדיקייט
צו די יידן, זיי האָבן זיך צו זיי
באצויגן ווי צו ברידער, אָבער אַ־
זוי ווי די דייטשע מאַכט האָט
אַרויסגעוויזן איר פּרצוף צו יידן,
איז ווי מיט אַ כישוף שטעקעלע
פאַרשווּנדן די ברידערלעכקייט און
די גוטע באציאונג איז פארוואנדלט
געוואָרן אין אָפענער שנאה, דאָס
איז דער אייביקער כלל, אז דער
המון טוט, וואָס די מאכט וויל. באלד
ווי די דייטשן האָבן נאָר פארלאנגט,
האָבן פּוילישע פרויען ארויסגעטרי-
בן די יידישע פרויען פון די שפּייז-
קראָמען און זיי נישט געלאָזט איינ-
קויפן קיין שפּייז. עס האָבן נישט
געפעלט קיין פּוילישע שפּיאָנען,
וואָס האָבן אונטערגעשפּילט די נאַ־
צים נאָך איידער זיי האָבן פאר־
כאַפּט דאָס לאנד. אַ פּוילישער
זשאנדאר האָט ארויסגערופן יידי-
שע מענער פון די הייזער, בכדי די
דייטשע אעראָפּלאנען זאָלן זיי באָמ-
באַרדירן און אומברענגען אין די
הונדערטער...

מען קען נישט איבערגעבן אלץ,
וואָס עס ווערט דערציילט אין טאַ־
באקסבלאטס בוך. מען דארף דאָס
בוך לייענען! מיר וועלן זיך אָפּ-
שטעלן אויף איינציקע הויפּטפּונקטן.

אָט ווי די ערשטע נאצישע וואק-
כאַנאליע איז פאָרגעקומען: דעם
18־טן אָקטאָבער זיינען צום יידישן
קאָפּע „אסטאָריא" צוגעפאָרן ס. ס.
לייט מיט רעוואָלווערן און דאָרט א-
רעסטירט אן ערך 150 נפשות און
אויף אַ לאסט אויטאָ זיי אַוועקגע־
פירט צו זיך אין א לאָקאל און
דאָרט זיי גענומען שלאָגן מיט דרענ-
גער, גומענע שטעקענס און איי־
זנס. ווילדע, צערייצטע חיות האָ-
בן זיך געוואָרפן אויף מענטשן...
דאָס איז געווען א מאסן אקציע,
דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די
אינדיווידועלע אקציע פון שאנטאַ-
זשירן יידישע יחידים און ביי זיי
צוגענומען געלט און זיי פּייניקן
אויף דעם „ראפינירטסטן" אופן! ווי
פּשוט די חיות אין מענטשן-גע־
שטאלט האָבן דאָס געמאַבט!

טאבאקסבלאט דערציילט וועגן
די באאמטע פון יידן-ראט, וועגן
דער יידישער פּאָליציי און וועגן
עלצטן פון די יידן, וואָס האָבן גע-
האָלפן די נאצים צו פּייניקן יידן.
ער איז נישט דער ערשטער, וואָס
דערציילט דאָס דאָזיקע. מארק
דוואָזשעצקי האָט דאָס אויך דער-
ציילט. אָבער טאבאקסבלאט דער־
ציילט דאָס דאָקומענטאל. ער גיט
איבער די גענויע פאקטן. עס טוט
אים ווייי דאָס צו דערציילן, ער
דערמאָנט זייער זעלטן סיי אַ נאָ-
מען פון די קדושים און סיי פון די,
להבדיל, טמאים, ער האלט, אז די
ערשטע נויטיקן זיך נישט אין רע-

קלאַמע און אַז פֿאַר די צווייטע איז יעדע שטראָף צו קליין. קיין נעמען דערמאָנט ער נישט, אָבער די פֿאַקטן ברענגט ער כמעט אַלע. און עס וואַקסט פֿאַר אונדז אויס אַ קליקע פֿון יידישע דעגענעראַטן, וואָס האָבן געשאַפֿן אין לאָדזש אַ מין יידישע מאַריאָנעטן... רעגירונג, וואָס האָט געהאָלפֿן דעם שונא צו פּייניקן און אומברענגען יידן. בראש פֿון לאָדזשער יידנראַט איז געשטאַנען דער מאַכט-גייציקער פּאַרשוין מרדכי חיים רומקאָווסקי. אַ ייד פֿון זעכציק יאָר מיט אַ ווייסן קאָפּ און מיט אַ שוואַרצן, פֿינצטערן מוח. ער איז פֿריער געווען אַ ווייניק באַקאַנטער אַלגעמיינער ציוניסט און ער איז צו זיין „הויכן" אַמט געקומען נאָך דעם, וואָס ער האָט זיין פּאַרטיי פֿאַרלאָזט. דער מחבר פֿאַרלייקנט נישט ביי רומקאָווסקין קיין געוויסע אייגנשאַפֿטן פֿון אַ פּערזענלעכקייט, און טאַקע ערשט דורך דעם וואַקסט ער אויס ווי אַ קאַשמאַרער פּאַרשוין. אָט אַ קליינעקייט, וואָס צייגט אַרויס זיין מוראדיקע גייציקייט: אין דעם דייטש-יידישן קאַלענדאַר, וואָס דער יידנראַט האָט אַרויסגעגעבן, ווערט אָנגעוויזן ביים טאָג פֿון פּורים, אַז עס איז דער געבורטסטאָג פֿון דעם עלצטן פֿון די יידן מ. רומקאָווסקי... ער האָט געהייסן מרדכי און איז געבוירן געוואָרן אום פּורים און ער איז געווען דער סאַמע היפּוך פֿון מרדכי דעם ייד, וואָס האָט געטון אַלצדינג צו ראַטעווען די יידן... רומקאָווסקי האָט געהאַט צו פֿירן אַ קאַמף מיט דעם טרויעריק באַרימטן נאַצי הענקער האַנס ביבאָוו, אָבער נישט חלילה, ווייל רומקאָווסקי האָט עפּעס געוואָלט טון לטובת זיינע ברידער, נאָר ווייל ביידע האָבן געוואָלט די גאַנצע מאַכט. האַנס ביבאָוו האָט שוין געהאַט באַזיגט רומקאָווסקין און איבערגעגעבן די מאַכט אַ „קליקע" פֿון דריי פֿינצ־טערע פּאַרשוינען, וואָס זיינען ניט געווען בעסער, אָבער דער זיגער איז סוף כל סוף דאָך אַרויס רומקאָווסקי. (מיר האָבן אַלע נישט לאַנג געלייענט מיט טרויעריגע סאַטיספֿאַקציע, אַז האַנס ביבאָוון האָט מען אויפֿגעהאָנגען און אַז די וואַרשעווער יידישע סטאָליערעס האָבן אים אויסגעאַרבעט אַ פֿיינע תליה..) ווען די נאַציס האָבן פֿאַרלאַנגט צען טויזנט יידן בא רומקאָווסקין, האָט ער נישט קווענקלענדיק זיך געגעבן, אַרויסשלעפּנדיק אויף כוח יידן פֿון זייערע היימען און ער האָט נאָך דערצו דערקלערט, אַז ער האָט אויסגעקליבן גנבים.. עס איז אויסגעקומען, אַז אין לאָדזש אַליין זיינען געווען צען טויזנט יידישע גנבים· דאָס איז געווען אַ מוראדיקער בלבול — אין דער גרעסטער שטאָט אין דער וועלט זיינען קיין צען טויזנט גנבים נישט פֿאַראַן... מרדכי דער יידישער נאַצי איז געווען אַזוי מאַכטגייציק, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן מאַרקעס פֿון דער „יודענפּאָסט" מיט זיין בילד. די דאָזיקע מאַרקעס וועלן אויף אייביק פֿאַרבלייבן ווי זיין שאַנדע...

טאַבאַקסבלאַט באַשרייבט ווי אַזוי מען האָט געהאַנגען אין טאָג פֿון פּורים 1942 צען יידן, איז דאָס אַ קאַפּיטל, וואָס וועט מוזן אַריינגיין נישט נאָר אין דער יידישער געשיכטע, נאָר אין דער וועלט געשיכטע און וואָס וועט אויף אייביק דערציילן וועגן דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע און וועגן דייטשן סאַדיזם. דריי טויזנט יידן האָבן געמוזט צוקוקן ווי אַזוי מען האָט די צען געהאַנגען. נאַצישע הערשער זיינען געקומען פֿון פֿאַרשידענע פּונקטן ווי צו אַ גרויסן יום טוב. דער יידישער דאָקטער לעמבערג האָט אויסגערופֿן מיט אַ האַרצרייסנדיקער שטימע און מיט אַ פֿעסטן טאָן: „יידן, די מאַכט האָט מיר באַפֿוילן אייך מעלדן, אַז די מענטשן טוט מען דאָס

פאַר נישט געהאָרכזאַמקייט און פאַר סאַבאָטאַזש. יעדן איינעם דערוואַרט דאָס זעלבע פאַר די זעלבע חטאָים". פון די אויסרופן וואָס די צען האָבן געמאַכט, האָט מען געהערט: „איך נעם אָן פאַר ליב מיין טויט, איך ווינטש צו זיין דער לעצטער קרבן פאַר דער שטאָט". „אברהם, אויב דו וועסט לעבן, זאָלסטו נקמה נעמען!" „איך לאָז איבער אַ פרוי מיט פיר קינדער, פאַרנעמט זיך מיט זיי, זיי זאָלן נישט שטאַרבן פאַר הונגער". ווען עס איז געפאַלן די קאָמאַנדע צו פאַרציען די פעטליעס, האָבן אַלע אויסגערופן „שמע ישראל" און דעם „אחד" האָבן זיי שוין ניט געקענט אַרויסברענגען...

די בילדער, וואָס זענען פאַראַן אין בוך, זענען פונקט אַזעלכע האַרצרייסנדיקע דאָקומענטן ווי די ווערטער. די בילדער זענען אָדער פאָטאָגראַפיעס, וואָס יידן האָבן אַראָפגעכאַפט אין געהיים, אָדער אַזעלכע, וואָס מען האָט געפאַקט ביי די געשטאַפאָ פאַרשווינען, ווען מען האָט זיי געפאַנגען. פאַראַן בילדער, וואָס וועלן אויף אייביק דערציילן די שאַנדע פון מערדערישן נאַצי-פאָלק. דאָס איז דער לאַגער פון די שיך פון די פאַרברענטע יידן אין אָשוויענטשים און דאָס שיקן קינדער אין קרעמאַטאָריום...

דאָס בוך ברענגט אַרויס אויך די יידישע העראָאיק און די יידישע קדושה. דער גאַנצער יידישער כלל האָט אַרויסגעוויזן אַ זעלטענעם לעבנס-אינסטינקט. קעגן דער רשעות איז כסדר געשטאַנען יידישער חוש פאַר געזעלשאַפטלעכקייט, אָרגאַניזירטקייט, דיסציפלין און מסירת נפש גרייטקייט. אַ פאָלק וואָס וויל אַזוי לעבן וועט לעבן! אייביק וועט דאָס לעבן!

★

מאַרקוס יאַקובאָוויטש (פון פּאָרטאָ אַלעגרע, בראַזיל) שרייבט א. נ. „דאָס פאָלק פון בוך און דאָס בוך פאַרן פאָלק" „פאָלקסבלאַט", מאָנטעווידעאָ, דעם 14-טן סעפטעמבער 1946):

פיל שונאים פון יידישן פאָלק פלעגן מיט חוזק און ליצנות אונדז שטעכן מיטן עפּיטעט פון „עם הספר". פיל קעגנער פון די יידן האָבן מיט שפאָט אויף די ליפן אָפגעחוזקט פון אונדז: „דאָס פאָלק פון בוך"... און דווקא פון אָט די באַליידיקונגען האָבן מיר זיך נישט געפילט געטראָפן. פאַרקערט — עס האָבן אונדז דווקא הנאה געטון זייערע „שטעכלקעס", אַ סימן, אויב מען מיינט אונדז מיט דעם צו טרעפן, טוט דאָס זיי זיכער וויי, אָט די אָנגעהעריקייט אונדזערע צום בוך.

שוין פון טויזנטער יאָרן, ווי מיר, דאָס יידישע פאָלק, אין אַלע אונדזערע גלותן, אין אַלע אונדזערע ליידן און אין די פייניקונגען, זענען מיר געווען שטאָלץ מיט דעם צושפעניש וואָס מען האָט אונדז געגעבן, מיט דעם האָרב אויף די פלייצעס וואָס מען האָט אונדז אַרויפגעלייגט: דער עם-הספר...

זעט אָבער אויס, אַז אונדזער שטאָלץ איז געווען אונדזער אומ-

גליק. ווייל ווער עס האָט אונדז געוואָלט ווײ-טון, האָט דער ערשטער געצילט צו אונדזער הייליקטום: צום יידישן בוך. זאָל עס זיין די תורה. זאָל עס זיין נביאים צי כתובים. צי אפילו העברעאישע און יידישע גלות-ליטעראטור. מיר דאַרפן נישט צוריקגיין צו די צייטן פון נבוכדנאָצר מיט זיין פאַרבאָט אויף דער יידישער תורה. מ׳דאַרף נישט זוכן די פאַרשידענע פאַלשע אויסטייטשונ-

גען פון עלילת־דם — לויט דער יידישער תורה. מען דאַרף גאָר נישט אזוי וויט גיין. אונזער יאָרהונדערט באַווייזט עס אמבעסטן. ווען דער רשע היטלער האָט באַשלאָסן ליקווידירן דאָס יידישע פאָלק, האָט ער אָנגעהויבן מיטן יידישן בוך — צום ערשטן האָט ער דורכגעפירט דעם שייטער-הויפן איבערן יידישן בוך, פאַרניכטנדיק אַלע יידישע אויסגאַבן, און די ביכער פון אַ יידישן אינהאלט. וווייזט דאָך אויס, אַז דאָס ספר איז פאַרט עפּעס פאַרן פאָלק. ווייל ווען נישט דאָס בוך, וואָס האָט אזוי פּערסאָניפיצירט דאָס יידישע פאָלק, וואָלט היטלער גלייך אָנגעהויבן ביים פאָלק גופא.

אָבער ווי עס זעט אויס, איז דאָס בוך געווען פאַר היטלערן עפּעס מער ווי דאָס פאָלק גופא, אז פון דעם בוך האָט ער זיך נאָך גיכער געוואָלט באַפרייען, כדי צו דעספּערסאָניזירן דעם ייד, כדי אָפּצושוואַכן דאָס יידישע פאָלק. היטלער האָט געגלייבט, אַז קוים וועט ער צונעמען ביים ייד זיין געווער — דאָס בוך, — וועט אים שוין לייכטער אָנקומען צו פאַרניכטן דעם ייד.

דער ספר, דאָס בוך, איז שטענדיק געווען דער באַגלייטער פון יידישן פאָלק אויף אַלע זיינע וועגן און שטעגן נישט איין מאָל איז דאָס בוך געווען זיין איינציקע טרייסט אויף זיין וואַנדער-וועג, אין די צענדליקער גלותן וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעלעבט.

און אָט איז געקומען דער טראַגישער איבערברוך אין אונדזער פאָלק. צוערשט האָט מען דאָס יידישע בוך פאַרניכטעט, און דאַן — דאָס פאָלק זעלבסט. זעקס מיליאָן פון אונדזערע ברידער און שוועסטער האָט מען אונדז אוועקגערויבט, זייערע קערפּערס — פאַרפייניקט, פאַרברענט, פאַרניכטעט אַ דריטל פון אונזער פאָלק, און די נישט פאַרברענטע, די לעבן-געבליבענע, זענען געבליבן ווי אויפן ווינט. אָן אַ היים, אָן אַ באָדן אונטער די פיס, און אָן אַ בוך, ווי טראַגיש עס זאָל נישט זיין זייער לאַגע, ווי זייער ווײ-געשריי זאָל ניט קומען צו דער וועלט, ווי הונגעריק זיי זאָלן נישט זיין אויפן פיזישן געביט, זענען זיי אויך הונגעריק גייסטיק, און צוזאַמען מיט זייער געשריי: ברויט, און אַ היים, שרייען זיי אויך: גיט אונדז גייסטיקע שפּייז! גיט אונדז אַ בוך!... דער עם הספר האָט אין זיינע זעקס יאָר

פיניקונגען נישט פארלוירן זיין
פּיעטעט פארן בוך: ער וויל א
בוך...

אָבער אויך פאר אונדז, פארן
פּראָסטן פּאָלק, פעלט דאָס בוך. ווייל
דער גרעסטער צושטעלער פונם
יידישן בוך פאר דער גאנצער יידי־
שער וועלט איז שטענדיק געווען פּוי-
לן. און דער גרעסטער חורבן אויף
דעם געביט פון יידישן בוך, האָט
טאקע געליטן דאָס זעלבע פּוילן. טאָ,
ווער וועט אונז איצטער פארזאָרגן
מיטן נייטיקסטן אף דעם געביט?
כמעט אַלע יידישע שרייבער פון
פּוילן זיינען פארקוילט געוואָרן אין
מיידאנעקס, אָשוויענטשימס א.
אנד. די יידישע דרוקערייען אין
פּוילן זיינען פארניכטעט, אפילו קיין
יידישע זעצער זיינען ניט פאראנעז
מער אין פּוילן, יידישע לעבנגעבלי-
בענע שרייבער — קוים אויף די
פינגער צו ציילן. און זיי קענען גאָר
נישט אויפטון. טאָ אף וועמען פאלט
דער חוב צו באזאָרגן ווייטער דאָס
יידישע בוך פארן עם הספר?

דאָס איינציקע לאנד אויף וועלכן
אונזער ערשטער בליק קען פאלן
איז — פּאלעסטינע. איז זי דאָך דאָס
פּראָדוקטיווסטע לאנד אין דער
וועלט אויפן געביט פון יידישער לי-
טעראטור. איז עס אָבער נישט צו-
געפּאסט אין איצטיקן מאָמענט
פארן אלגעמיינעם ייד. ווייל פּאלעס־
טינע פּראָדוצירט נאָר העברעאישע
ליטעראטור, און מיר זיינען נאָך
דערווייל נישט צוגעגרייט איבער-
נאכט זיך צו פארוואנדלען אין
העברעאיקער. כאָטש דאָס יידישע
פּאלעסטינע האָט אין יאָר 1945 אַ-
רויסגעגעבן באַ די 400 ביכער פאר
יידן, זיינען זיי אין מערסטן טייל
געווען אין העברעאיש און אין ענג־
ליש און כמעט גאָר ניט אויף יידיש.
זאָלן מיר זיך אפשר פארלאָזן
אויפן פארביזנעוועטן אַמעריקע? איז
דאָס אויך א שווערער ענין. דאָרט
שוויבלט און גריבלט מיט יידישע
שרייבער און ליטעראטן, און יע־
דער איז פאראינטערעסירט ארויס-
צוגעבן זיינע ווערק, זיינע שאפונ-
גען. אין דער זעלבער צייט, ווען
טויזנטער און טויזנטער דאָקומענ־
טן פון זעקס יאָר יידישע פּייניקונ-
גען און טראגישע איבערלעבונגען
ווארטן אויף דעם מאָמענט, ווען זיי
זאָלן זען די ליכטיקע שיין, און זיי
מוזן פארעפנטלעכט ווערן! זיי מוזן
פאר אונז אָפּשפּיגלען די טראגישע
עפּאָפּיי פון יידישן מארטירערטום
אין די לעצטע זעקס יאָר.
טאָ ווער דארף דאָס טאָן? אויף
וועמען פאלט די פאראנטוואָרטלעכ-
קייט פאר אָט דער ארבעט? האָט זיך
ווער געפּרובירט ארייַנקלערן דערין?
האָט זיך ווו געשאפן אַ פארלאג,
וועלכער זאָל זיך פאראינטערעסירן
אין ארויסגעבן די ביכער וועלכע
זאָלן אָפּשפּיגלען די טראגעדיע פו-
נעם יידנטום אין די לעצטע זעקס
יאָר?

קיינער נישט? א טעות! עס האָט
זיך יאָ דערמאָנט דערין א געוויי־
סע אינסטאנץ. נישט קיין פארלאג,
נישט קיין שום דרוקעריי, אָדער
יידישע רעדאקציע. דער צענטראל-
פארבאנד פון פּוילישע יידן אין אר-
גענטינע האָט געשאפן דעם נייעם
פארלאג „דאָס פּוילישע יידנטום”,
וועלכער האָט זיך געשטעלט פאר אן
אויפגאבע ניט צו לאָזן פארגעסן,
און צו פארפיקסירן דעם היסטאָ-
רישן פּראָצעס פון די יידן אין איי-
ראָפּע פאר די לעצטע יאָרן. דאָס
ארויסגעבן די ביכער-סעריע „דאָס
פּוילישע יידנטום איז א ריזיקע
אונטערנעמונג און א גוואלדיקע
דערשיינונג אינעם איצטיקן מאָמענט
אין ארגענטינע, און אין אַלע זיד-
אמעריקאנער לענדער. שוין דאָס
ערשטע בוך וואָס איז דערשינען:
„מלכה אָוושיאני דערציילט”, פון
מארק טורקאָוו, האָט באַוויזן צו
פאראינטערעסירן די יידן אין בראַ־

זיל. אין די הונדערטער איז דאָס בוך דאָ פֿאַרקויפֿט געוואָרן. נישטאָ קיין הויז, ווו עס זאָל זיך נישט געפֿינען אַן עקזעמפּליאַר פֿון דאָזיקן בוך — און כאָטש מען זאָגט: „כל התחלות קשות", איז דאָס אָבער אָנגעהויבן זוכן די ווייטערדיקע ניט חל אויף דער ביכער אויסגאַבע פֿון „פּוילישן יידנטום", ווייל נאָך דעם ערשטן בוך האָט מען ערשט אויסגאַבן. נאָמבערגס בוך איבער י. ל. פּרץ איז גלייך פֿאַרקויפֿט געוואָרן׳ סענגאַלאָוויטשעס לידער האָבן נישט געסטאַיעט, שוין נישט ריידנדיק וועגן „טרעבלינקע", פֿאַר וועלכן מען האָט געמוזט אייניקע מאָל איבערחזרן די באַשטעלונגען, און נאָך אַלעמען איז נישט געבליבן קיין בוך אויף א רפֿואה.

צוקוקנדיק צו אונזער קליינעם יידישן ישוב, דער דריטער אין זיין צאָל אין בראַזיל, שטעלט זיך ערשט פֿאַר: ווי אַזוי דאָס קליינע אורוגוואַי, די יידיש-באַפֿעלקערטע אַרגענטינע און איבערהויפּט אַלע יידישע ישובים אין די אַמעריקעס האָבן אויפֿגענומען דאָס דערשיינען פֿון דער ביכער־סעריע: „דאָס פּוילישע יידנטום", וועלכע וועט געשיכטלעך פֿאַרבלייבן: דאָס יידישע בוך — פֿאַרן עם הספֿר.

⁂

**ב. ווײַנשטאָק** שרייבט א. נ. „דאָס פּוילישע יידנטום" — איז היינט א נויטיקער און נוצלעכער אויפֿטו" („היינטיקע נייעס", בוענאָס־איירעס, דעם 23-טן יולי 1946):

עס ליגט שוין אויף אונזער רעדאַקציע טיש דאָס פֿערטע בוך פֿון דער ביכער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" וואָס עס רעדאַגירט מאַרק טורקאָוו, דער צייטונגס מענטש, שרייבער און כלל טוער.

דאָס פֿערטע בוך איז א מאָנומענט, ניט פֿון שטיינער און צעמענט, נאָר פֿון דעם דורכגעווייטיקטן, יידישן וואָרט, וואָס פּרץ גראַנאַטשטיין שטעלט זיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו.

דאָס איז א זאַמלונג פֿון שילדערונגען, בילדער און פּאָרטרעטן פֿון א שטאָט אומגעקומענע יידן, אַזוי רופֿט אָן דאָס בוך זיין מחבר אליין. מיט א באַזונדערער פּיעטעט טרעט צו דער שרייבער אַפּצומאָלן און פֿאַראייביקן זיין באַליבט חרוב געוואָרענע שטעטל, ס'איז די פּיעטעט, וואָס אַלע פֿילן מיר צו אונזערע קליינע שטעטלעך, וואָס האָבן פּולסירט מיט אַזאַ רוישיקן לעבן און וואָס אָט די באַציאונג צו זיי ווערט נאָך מער געהייליקט, דורך דער פּיינפֿולער איבערצייגונג, אַז דאָס אַלץ איז חרוב ונחרב, ניטאָ דאָרט מער א שטיין אויף א שטיין, ניטאָ די מענטשן, אוועק דאָס לעבן.

גראַנאַטשטיין פּרעטענדירט, ווי ער זאָגט דאָס אין זיין פֿאָרוואָרט, אויפֿשטעלן דערמיט א מצבה און הייסט אפֿילו זיינע לאַנדסלייט צו גיין דאָרט אויף קבר אבות, אָבער דאָס דאָזיקע בוך איז ווייט ניט קיין מצבה און קיין בית הקברות, נאָר עס אָטעמט דערפֿון ארויס מיט אַזאַ קוואַלנדיק לעבן, מיט אַזויפֿיל שעפֿערישקייט, מיט דער געבענטשטער, קרישטאָל-ריינער שטעטלשער פֿאָלקסטימלעכקייט, אַזש קענסט

מער ניט און וועסט מער ניט גלוי־
בן, אז דאָס אַלץ איז פֿאַרשוווּנדן
אויף אַלע אייביקייטן. אַ ניין, סאָקאָ־
לאָוו דאָס ייִדישע שטעטל, פּונקט
ווי צענדליקער אַנדערע שטעט און
שטעטלעך אין ייִדישן פּוילן האָט פֿון
זיך אַרויסגעשטראָמט מיט אַזויפֿיל
ייִדישקייט, יצירה, וויטאַליטעט, וואָס

עס איז ניטאָ דער כּוח המשחית אין
דער וועלט עס אומצוברענגען און
מאַכן פֿאַרשווינדן.

און ווען די הײַזער זײַנען חרוב,
ווען טויזנטער משפּחות זײַנען מער־
דעריש אומגעבראַכט געוואָרן,
לעבט נאָך יענע וואַרימע סביבה אי־
נעם האַרצן פֿון די צעשפּרייטע און
צעזייטע סאָקאָלאָווער לאַנדסלייט
און זי באַוועגט זיי צו המשך, צו אַ
ווירדיקער פֿאָרזעצונג פֿון רינגען
אין דער קיום.

און איר לייענט דאָס בוך און
האָט אַפּשיי און באַוווּנדערונג ווע־
גן יענע ייִדן וואָס האָבן געשאַפֿן
אַזאַ אינטענסיוו געזעלשאַפֿטלעכן
לעבן, דער פּאַרטייען אויפֿבויז, דער
אַפֿוועך און קאַמף אין די אייגענע
דלת אמות און פֿאַר דער אַרומיקער
קאַלטער וועלט, אַ שלל מיט ענער־
גיעס מיט וועלכע סאָקאָלאָווער ייִדן
מעגן שטאָלץ זײַן. פּרעכטיק אַרויס־
געבראַכט איז די טיפֿן גאַלעריע. עס
זאָל אויך דאָ דערמאָנט ווערן דער
אַנזיכטיקער בײַטראָג פֿון י. פּאַלאַ־
טיצקי, וואָס האָט געהאָלפֿן אין דער
צוגרייטונג פֿון די מאַנוסקריפּטן
צום דרוק.

* *
*

נו, האָבן מיר זיך דערוויל צע־
רעדט וועגן דאָס פּערטע בוך פֿון
פּרץ גראַנאַטשטיין, וואָס איז ניט
קיין מצבֿה נאָר אַ טרעפּלעבער, שיי־
נער לעבנס זכרון בוך.

אָבער מיר ווילן זאָגן, אַז עס
פּאַסט זיך אויך איין אין דעם ראַם
פֿון טורקאָווס שענסטן אויפֿטו דאָ
בײַ אונדז אין אַרגענטינע — און
מ׳דאַרף דאָך ניט פֿאַרגעסן, אַז ער
ווידמעט זיך פֿאַר ייִדיש קאָלאָניס־
טישער טעטיקייט, וואָס דאָס איז
ניט אַזוי לײַכט אוועקצומאַכן מיט
דער האַנט — אָבער די ביכער סע־
ריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום“, וואָס
ער רעדאַגירט, וועט נאָך מיט ד׳צײַ
צײַט פֿול געהעריק אָפּגעשאַצט ווע־
רן. עס איז דער סאַמע דרינגענד
נויטיקער און גרויסער אויפֿטו.
מען דאַרף אויף שנעל טון די זאַמל
אַרבעט אין אונדזער ייִדישער ליטע־
ראַטור. ס׳איז ווי נאָך אַ געווירבל,
נאָך אַ שרעקלעכן ציקלאָן אויפֿן ים,
מען מוז איילעך צונויפֿקלײַבן הן
די כּוחות און הן די ברוכשטיקער
און אויך פֿאַרנאָטירן דאַרף מען
וואָס עס פֿעלט, ווײַל מען מוז עס
וויסן, מ׳דאַרף עס געדענקען....

דערפֿון נעמט זיך אפשר די
טאַטזאַך, וואָס אין טורקאָווס רע־
דאַקציע און סדר אַרויסגעבן פֿון
די ביכער פֿעלט די געפּרעסטע אָר־
דענונג, ס׳איז אַ צונויפֿזאַמלען אויף

שנעל, ס'איז א רעטונגס ארבעט אויפן ליטעראַרישן געביט, און כ'איז א פאַרצייכענונג לדורות וועגן דער שיינקייט און שעפערישקייט פון יידישן לעבן אין פוילן און וועגן דער בעסטיאַלישער צעשטערונג פון די ווילדסטע מענטשן פיינט. דאָס איז דער חותם, וואָס עס טראָגט אויף זיך טורקאָווס בוך „מלכה אָווּשיאַני דערציילט“, וו. גראָסמאַן און י. וויערניקס „טרעבלינקע“ און דאַן נאָמבערגס אַרטיקלען זאַמלונג — פּריז, און אָט איצט גראַנאַטשטיינס „מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו“ און אַזוי די לאַנגע רשימה פון די ביכער גרייט צום דרוק.

די רינגען זענען פאַרשידן, די קייט איז אָבער איינע —

— יידישער המשך, יידישער קיום...

★

**פנחס ביזבערג** שרייבט א. נ. „עיר ואם בישראל — לאָדזש“ („אונדזער צייט“, בוענאָס־איירעס, דעם 20-טן סעפּטעמבער 1946):

א ניי בוך פון דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום“. א האַרצרייסנדיק בוך, אָנגעשריבן דורכן לאָדזשער תושב ישראל טאַבאַקסבלאַט, וואָס האָט דורכגעמאַכט זעקס יאָר נאַצי־גיהנום, געזען דעם סוף פון איינעם פון די שענסטע יידישע קהילות פון מדינת פּוילן.

געווען א יידישע שטאָט לאָדזש; לאָדזש, א סינאָנים פון יידישער וויטאַליטעט, יידישער אונטערנעמערישקייט און אויפטועריטשקייט; לאָדזש, א שטאָט פון אן ערך צוויי הונדערט טויזנט אַרבעטנדיקע, וואונדערלעכע יידן. לאָדזש, ווו עס האָט זיך געמישט דאָס זשומען פון די טעקסטיל־מאַשינען מיט די הייליקע קולות פון די בית־מדרש און שטיבל־יידן; לאָדזש, ווו די פּרעכטיקע יידישע אַרבעטער און אַרבעטאָרענס פון וועבשטול, שטריקמאַשין, ווו סוביעקט, אָנגעשטעלטער, לערער, ישיבה־בחור האָבן געחלומט פון דער „פרייהייט וואָס וועט קומען“. אָבער דערווייל האָט די טייערע יוגנט אין די חסידישע היטעלעך געחלומט פון א וויזע ווו עס וועט זיך נאָר לאָזן, אוי, אַרויס אין דער וועלט!

אָבער די וועלט האָט זיך בעת דער היטלעריסטישער מגפה שטאַרק באַוואָרנט, אַז קיינער פון די טייערע יידן זאָל זיך נישט קענען ראַטעווען פון דער פּאַסטקע, אין וועלכער עס זיינען אַריינגעפאַלן די פּוילישע יידן. און די לאָדזשער יידן אין א דאָפּלטער פּאַסטקע: פון דרויסן און פון אינווייניק. די לאָדזשער „פאָלקס־דייטשן“ האָבן אויסגענוצט דעם שעת הכושר זיך צו וואַרפן אויף זייערע קרבנות־שכנים.

די מאַרטיראָלאָגיע פון לאָדזשער יידנטום האָט אָנגעהאַלטן לענגער ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך. דאָ האָבן די ברוינע צוזאַמען מיט די פאַרעטערישע לאָדזשער דייטשן און אויך פּאָליאַקן (די „אונטערדריקטע“ פּאָליאַקן נעבעך) אויסגעלאָדן זייער גאַנץ אכזריות.

ישראל טאַבאַקסבלאַט האָט דאָס אַלץ צוגעזען מיט זיינע אייגענע אויגן און ער שילדערט אַלץ מיט פּראָסטע רייד, נישט באַפּוצט. צו וואָס באַפּוצונגען, אַז די פאַקטן רייִדן פאַר זיך. דאָס אַריינשטאָפּן א געוואַלדיקע באַפעלקערונג אויף א רעלאַטיוו קליינעם שטח, קאָנצענטרירן ביי די 200 טויזנט יידן אין

אָרעמסטן טייל פון לאָדזש, אין באַ־
לוט; שפּעטער איזאָלירן זיי פון דער
אויסערלעכער וועלט; נאָך שפּעטער
די „יידישע מלוכה" מיט אייגענעם
„געלט", אייגענע פּאָסטמאַרקעס,
אייגענער פאַרוואַלטונג און אייגע-
נע „פירער". מרדכי רומקאָווסקי,
— די טראַגישע פירער-פיגור אין
געטאָ, וואָס הערשט ביד רמה, שיקט
מיט קאַלטבלוטיקייט זיינע ברידער
און שוועסטער צו דער שחיטה, —
איז א בלינדער אינסטרומענט אין
די הענט פון די תלינים, וואָס שאַל-
טן און וואַלטן מיט דער אויסגע־
מוטשעטער יידישער באַפעלקערונג.
וואָס העלפן די אָנשטרענגונגען צו
אַרבעטן פאַר דער נאַצישער מאַכט
אין פאַבריקן, וואַרשטאַטן, אַרבע-
טן איבער די כוחות, כסדר קראַנק,
שוואַך, הונגעריק? — אז אין דעם
פאַרשאָלטענעם מוח פון היטלער־
הימלער איז שוין געווען פאַרטיק
דער פּלאַן פון להשמיד ולאבד.
„אויסזידלונג" איז דאָס שוידערלע-
כע וואָרט און באַדייט האָט עס:
אָשוויענטשים, מיידאַנעק, טרעבלינ־
קע און כעלמנאָ; יעדער געגנט איר
מקום מוכן לפּורעניות.

אָ, די בילדער אין דעם בוך
„חורבן לאָדזש" די סאַדיסטישע
פּנימער פון די בעסטיעס וואָס איז-
דיעקעווען זיך איבער די. הילפלאָ-
זע דערשראָקענע יידן; די פּנימער,
די אויגן פול מיט פּחד, רעזיגנאַ-
ציע, פון די, וואָס מען פירט צו דער
שחיטה, אויף זייער לעצטן וועג;
אויך קינדער, יאָ, טויזנטער קינדער,
עופהלעך. פאַרנעמט דאָס געוויין
פון טויזנטער יידישע קינדערלעך,
וואָס ווייסן אז מען גייט זיי אומ־
ברענגען! דער מוח קען דאָך פון
אַזאַ בילד גערירט ווערן; דאָס קען
נישט אויסטראַכטן קיין שום מענ-
טשלעכע פאַנטאַזיע אז מענטשן זאָלן
זיך פאַרוואַנדלען אין גיריקע בלוט
הינט און טשאַטעווען אויפן אומ־
שולדיקן לעבן פון עופהלעך; כאַ-
פּערם פון קליינע קינדערלעך אין
לאָדזשער געטאָ: פאַרשאָלטן זאָלן
ווערן אייער געביין!

אזוי איז דאָס געווען און אזוי
איז דאָס פאַרשריבן מיט בלוטיקע
אותיות אין די אַנאַלן פון אונזער
געשיכטע (אויך פאַר אונזער גע-
שיכטע איז עס צופיל, צופיל, אונ-
זער היסטאָריע אפילו האָט נאָך
נישט געהאַט אַזויפיל פּיין, אזוי פיל
בלוט, אַזויפיל שוידער מיט אַמאָל);
אזוי האָט דאָס פאַרשריבן ישראל
טאַבאַקסבלאַט אין די בלעטלעך
בלוטיקע געשיכטע פון אַן עיר ואם
בישראל; זאָל מען ניט מיד ווערן
וועגן אָט דעם פּרט צו שרייבן, זאָל
מען ניט איבערגיין צום סדר־היום
פון דער וועלט איבער די מעשים
תעתועים פון דעם דייטשן פאָלק.
איבער אַ הילפלאָז פאָלק, וואָס זיי
האָבן געלאָזט אויסראָטן נשים וטף,
יונגע און זקנים, זאָל מען דאָס גע-
דענקען; זאָל מען ניט אויפהערן
פאַרעפנטלעכן די פאָטאָגראַפיעס
פון דייטשישער שאַנד ווי זיי וואַר־
פן קראַנקע אין וועגענער, ווי קליי-
נע קינדערלעך ווערן „איינוואַגאָ-
נירט" קיין כעלמנאָ; זאָל די וועלט
זעען און געדענקען דעם באַרג שיך,
קליידער, ברילן, שפּילצייג פון אויס-
געהאַרגעטע יידן, פון ליקווידירטע
יידן. זאָל מען די פיינע מאַנירלעכע
דעמאָקראַטישע עסטעטישע מענטשן
שטופּן אין זייערע פיינע פּרצופים
די דאָזיקע בילדער פון מענטשלע־
כער געפאַלנקייט.

„חורבן לאָדזש" איז נאָך אַ בלו-
טיק קאַפּיטל פון אונזער גבורה און
אונזער פּיין; און אזוי האָט דאָס
געדאַרפט זיין, אז די אָרגאַניזירטע
פּוילישע יידן אין אַרגענטינע זאָלן
הייליקן אַ בוך דעם אָנדענק פון
איינעם פון די גרעסטע און קרעפּ־
לן — לאָדזש, די שטאָט און מאַמע
טיקסטע יידישע קיבוצים אין פּוי-
ביי יידן.

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן דעם
5-טן אָקטאָבער 1946 אין דער דרוקעריי
„ה יי מ אַ ן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 7752 - 47. בוענאָס איירעס.

Este libro terminóse de imprimir
el día 5 de octubre de 1946 en los
Talleres Gráficos HEUMAN, Pasteur
333 - U. T. 47 - 7752 - Buenos Aires.